STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09070

# POYLN NOKH DER "BAFRAYUNG"

Jerzy Edison

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# פּוילן — נאָך דער „באַפרייאונג“

יצחק עדיסאָן

# פּוילן

נאָך דער

# „באַפרייאונג"

פּאַריז — 1956

JERZY EDISON

# LA POLOGNE

## après la «Libération»

ארויסגעגעבן מיט דער פינאַנסיעלער מיטהילף פון
דער קולטור־אָפּטיילונג פון „דזשאָינט”.
פּאַריז

*Copyright* J. EDISON
*Printed in France*

Imprimerie GELBARD, 20, Rue Ferdinand-Duval - PARIS-4e

[illegible]

דאָס דאָזיקע בוך ווידמע איך די אומבאַקאַנטע יידישע יינגעלייט און מייד־לעך, די העלדן פון דער „בריחה", וואָס האָבן אַרויסגעראַטעוועט אַזוי פיל טויזנ־טער יידישע נפשות פון קאָמוניסטישן פוילן.

# קאַפּיטל איינס

לובלין 1944...

די מלחמה האָט זיך נאָך וואָס פאַרענדיקט. אָבער דער סוף פון א מלחמה איז נישט קיין פונקט, וואָס ווערט אוועקגעשטעלט נאָך א געענדיקט קאַפּיטל. בלויז דאָס געשיסעריי האָט זיך אָפּגעשטעלט, אָבער די מלחמה האָט ווייטער געלעבט אויף דער ערד, אין דער נאַטור, אין דער לופט. די ערד איז געלעגן א צעבלוטיקטע, מיט אָפענע און מיט אויסגעברענטע ווונדן. די לופט האָט נאָך געטראָגן אין זיך די פייערדיקע אָפּקלאַנגען פון נעכטן. אָבער אממייסטן האָט דער חורבן געלעבט אין די מענטשן.

דאָס יאָר איז געווען 1944. איבער די גאַסן פון לובלין האָבן געשלייכט מענטשלעכע שאָטנס. שאָטנס צוגעדעקט מיט אָפּגעריסענע און מיט אָפּגעשליסענע מלבושים. שאָטנס מיט איינגעפאַלענע פנימער, און מיט גליענדיקע אויגן. און מער ווי אַלץ האָבן די אויגן טאָקע דערציילט וועגן די אדורכגעלעבטע נעכטנס. אָבער נישט בלויז וועגן גרויל פון די נעכטנס, נאָר אויך וועגן דער נישט זיכערקייט און וועגן שרעק פארן היינט.

לובלין 1944...

איבער די גאַסן האָבן זיך באוויזן די ערשטע לעבן געבליבענע יידן. אַנגעטוענע אין טראַנטעס, אין טרויעריק קאָלירקע שמאַטעס, האָבן זיי געשלייכט איבער די לובלינער גאַסן מייסטנטייל אין גרופּן. זעלטן ווער עס איז געגאַנגען אַליין. יעדער האָט געזוכט אַן אַנלען, אַן אָנשפּאַר אין אַן אַנדערן. עס האָט אויסגעזען ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט פאַר איינזאַמקייט, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט צו פאַרבלייבן מיט זיך אַליין, מיט די אייגענע געדאַנקען.

פון וואַנען זענען זיי דאָ אַהער געקומען אויף די נישט לאַנג באַפרייטע לובלינער גאַסן? מייסטנטייל פון באַהעלטענישן, פון גרי־בער, פון קעלערן, פון בונקערס, פון טאָפלטע ווענט, וווּ עס האָט אין משך פון יאָרן נישט אַריינגעדרינגען קיין ליכטיקע שיין.

אַנדערע זענען געקומען פון לאַגערן, פון נאַצישע טויט־לאַגערן. ווי אַזוי האָבן זיי זיך געראַטעוועט? ווי אַזוי האָבן זיי איבערגע־לעבט?

יעדער האָט געטראָגן אין זיך אַן אימהדיקע דערציילונג פון די פאַרגאַנגענע פאַר יאָר.יעדער איז אַליין געווען אַ גייענדיקע דערציי־לונג פון אַן אומבאַגרייפלעכן אינהאַלט.

זיי האָבן קוים געשלעפּט די פיס. די פיס זענען אַזוי לאַנג געווען אָפּגעוווינט פון טרעטן איבער אַ זיכערן ברוק. צו זען איבערן קאָפּ אַזאַ גרויס שטיק הימל. צו באַגעגענען אַרום מענטשן, וואָס האָבן נישט באַדייט פאַר זיי קיין געפאַר פון טויט. צו באַוועגן זיך. צו זיין פריי.

די מלחמה האָט זיך געענדיקט. אָבער די אָנגעקומענע טעג האָבן נישט אויסגעשטרעקט צו די דאָזיקע יידן קיין מוטערלעכע האַנט. די שאָטנס פון נעכטן האָבן זיך געפלאָכטן מיט אַנדערע שאָטנס פון היינט. אין קיינעמס אויגן איז נישט געווען קיין שמץ פון ענטוזיאַזם צוליב דער געווינענער פרייהייט. צו גרויזאַם איז גע־ווען דער נעכטן, צו שוואַרץ דער גרויל פון אַלעמענס אומגליק, און צו טיף איז ביי יעדן געלעגן די זאָרג וועגן די נאָנסטע פאַר שעהן. ווו נעמט מען אַ ברויט? אַ טעלער זופּ? ווו באַקומט אַ מלבוש? ווו נעכטיקט מען איבער?

קיינער מאַכט נישט קיין פּלענער. מען שמועסט נישט וועגן דעם, וואָס עס דאַרף זיין. מען רעדט בלויז וועגן יעצט. מען איז בלויז פאַרזאָרגט מיט דער יעצטיקער רגע. ווייל די איצטיקע רגע איז אַ נישט זיכערע, אַ קאַלטע, אַ הונגעריקע. זי פאַרדעקט נישט דעם איבערגעלעבטן נעכטן, זי פאַרשטעלט אָבער דאָס טראַכטן וועגן אַ צוקונפט.

לובלין האָט ווייניק געליטן פון דער מלחמה. עס שטייען דאָ

גאנצע גאסן. דער ברוק איז נישט אויסגעריסן, די טראטואַרן זענען נישט באשאטן מיט גראז. איך געפין מיך אין לובלין שוין עטלעכע וואכן. איך בין איינער פון די געציילטע יידן, וואס איז נישט געקומען דא פון א באהעלטעניש און נישט פון א דייטשן לאגער. איך בין איינער פון די ערשטע יידן, וואס האט זיך ארויסבאקומען פון רוסלאנד. שפעטער וועלן קומען אנדערע טויזנטער, צענדליקער טויזנטער. אבער דערווייל בין איך דא מיט דער פרוי מיינער, פון די איינציקע וואס האבן זיך ארויסגעריסן פון סאוויעט־רוסלאנד, וואס האבן איבערגעלאזט הינטער זיך דאס לאנד פון סאציאליזם...

בלויז די יידישע געגנט איז צעהאקט און חרוב, אבער די גאנצע שטאט לובלין שטייט אויפן ארט. איבער די גאסן דרייען זיך ארום צענדליקער הענדלער און לייגן פאר סחורות. די הענדלער זענען פריש־אויפגעקומענע סוחרים, וואס האבן זיך אויסגעלערנט דאס מסחר בעת די מלחמה־יארן. דאס זענען פאליאקן וואס האבן פלינק און געשיקט פארנומען די ערטער פון די פארניכטעטע יידן. אויך די סחורות, וואס זיי לייגן פאר, זענען איבערבלייבענישן פון די אומגעקומענע שכנים זייערע. זיי האנדלען מיט יידישע מלבושים, מיט יידישע וועש, מיט יידיש מעבל, מיט זיידענע יידישע קאפאטעס, מיט זיידענע טליתים. די פרייזן, וואס זיי פארלאנגען, זענען הויכע, אבער די קונים וואס קויפן די זאכן האבן גענוג געלט צו באצאלן. דאס זענען פויערים פון די ארומיקע דערפער, וואס האבן זיך אנגעגעסן מיט רייכקייט בעת די ספעקולאציע יארן. די פאר יאר פון מלחמה, וואס האט פאר א טייל באדייט טויט און פארניכטונג, האט די אנדערע טייל גאר אויפגעריכט. שטייען זיי, די אויפגעריכטע, און מיט געלט־אנגעשטאפטע פויערים און האנדלען איין ביי די אויפגעקומענע פוילישע הענדלער יידישע וועש, יידישע מלבושים, א יידיש מעבלשטיק.

איך גיי איבער די גאסן און שטעל אפ פון צייט צו צייט דורכגייענדיקע יידן. מיר פרעגן זיך קעגנזייטיק וועגן נאענטע. עס פאלן נעמען, פאמיליע נעמען, נעמען פון שטעטלעך. נישט געהערט? נישט געזען? ניין, נישט געהערט. אונזערע געשפרעכן זענען קורצע. יע־

דעם געשפּרעך ענדיקט זיך מיט דער זעלבער אנטוישונג. מיט דער זעלבער טויזנט מאָל איבערגעלעבטע אַנטוישונג.

די שטאָט ראַיעט מיט מענטשן. מיט ציווילע פּאָליאַקן, מיט קליי־נע גרופּעס ניצול געוואָרענע יידן און מיט מיליטער. אומעטום זע־נען די גאַסן פול מיט מיליטער. רוסיש מיליטער פון אלע פאַרמאַ־ציעס. פּויליש מיליטער פון דער קאָשציושקא דיוויזיע. צווישן די פּוילישע סאָלדאַטן זעט מען אויך יידישע געזיכטער. יידן וואָס האָבן צוזאַמען מיט דער אַרמיי פאַרלאָזט די סאָוויעטישע ערד און האָבן יעצט געשטעלט די ערשטע טריט אין דעם באַפרייטן פּוילן, אין לובלין, אין דער צייטווייליקער הויפּטשטאָט, ווו עס איז שוין גע־שאַפן געוואָרן אַ רעגירונג. ווייל דאָ צווישן די לובלינער וועגט, איז שוין געזעסן די מאָסקווער באַשטימטע רעגירונג פון די אָסובקאַ־מאָראַווסקים, פון די ראָלאַ־זשימיערסקים און פון אַנדערע, וואָס האָבן נאָך דעמאָלט, אין די ערשטע טעג פון פּוילנס אויפגאַנג גע־גלויבט אפשר, אַז זיי וועלן זיין אַ פּוילישע רעגירונג אויף פּוילישע ערד. אָבער בקרוב האָבן זיי זיך געדאַרפט איבערצייגן, אַז זיי וועלן בלויז זיין די אויספירער פון רוסישע באַפעלן איבער דער פּוילישער באַפעלקערונג.

איבער די גאַסן זעט מען אויך פיל רוסישע בירגער. זיי האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט, וואָס עס האָט זיך מיטן אַרויסמאַרש פון מיליטער געעפנט אַ שפּאַרע אין די סאָוויעטישע גרענעצן, און זיי האָבן זיך מיטגעריסן צוזאַמען מיט דער מענטשן־כוואַליע. איצט געפינען זיי זיך אין לובלין. זיי זענען רוסן, סאָוויעטישע מענטשן, אָבער די אויגן זייערע זענען נישט געווענדעט אויף מזרח נאָר אויפן מערב. וואָס ווייטער אוועק פון דאָרטן.

זיי זענען פון דאָרט אוועק אין מיליטערישע מלבושים, דאָ אָבער קויפן זיי שנעל ציווילע אנציגער, ציווילע מאַנטלען און באַמיען זיך וואָס שנעלער אַרויסצוקריכן פון זייער רוסישקייט און איבערצור־שניידן דעם נאָפּל, וואָס פאַרבינדט זיי מיט זייער סאָציאַליסטישן פאָטערלאַנד...

איך גיי אויף דער גאַס, אין מיטן פון דער דאָזיקער משונהדי־

קער מענטשן־מחנה. איך זוך אין די פּנימער פֿון די יידן, אַ שפּור פֿון באַקאַנטשאַפֿט, אָבער אומזיסט. אַ וואַרימקייט פֿליסט פֿון איין ייד צום אַנדערן, אָבער אין דער דאָזיקער וואַרימקייט ליגט אויך אַ ביטערער קערן פֿון אַנטוישונג. פּלוצלונג דערהער איך ווי עמיצער רופֿט אויס מיין נאָמען. איך דריי מיך האַסטיק אוים און — דערקען נישט. צוויי יידן שטייען פאַר מיר, זיי קוקן אויף מיר מיט היימישע, מיט וואַרימע בליקן. אָבער איך דערקען זיי נישט. זייערע געזיכטער זענען מיר פֿרעמד. איך שטרענג מיך אָן, כדיי זיי צו געפינען אין געפלאָנטער פֿון מיין זכרון — אָבער נישטאָ דאָרט קיין עגלעכקייט צו די צוויי מענטשן, וואָס האָבן מיך אַזוי גליך דערקענט צווישן געדיכטן עולם אויף די גאַסן. זיי זאָגן מיר זייערע נעמען און אַ פּלוצלונדיקער נעפּל הויבט זיך אויף פֿון מיין געמיט: פּרוכטמאַן און שטערן. ווי אַזוי האָב איך געקאָנט נישט דערקענען! צוויי יידן פֿון מיין היימשטאָט, פֿון מיין שטעטל וויעזשבניק. דער שטח פֿון יאָרן, וואָס האָט אונז אָפּגעטיילט, האָט אין מיר אָראָפּגעדריקט זייערע געזיכטער. אַראָפּגעדריקט — אָבער נישט אויסגעמעקט. ווייל אָט האָבן זיי צוריק געקומען אויפטייכן אין זכרון און איך דערמאָן מיך זיי אַזוי גוט פון יענע צייטן. זיי דערציילן מיר אז זיי זענען די איינציקע, וואָס זענען געבליבן פֿון זייערע משפחות. ביידע זענען געוועזן אין שעכטהויז פון מאַידאַנעק. ווי אַזוי זענען זיי ניצול געוואָרן? דאָס ווייסן זיי אַליין נישט. קיינער ווייסט נישט אַזאַ זאַך. דאָרט האָט מען נאָר געוווסט — ווי אַזוי מען קומט אום — אָבער נישט ווי אַזוי מען ווערט ניצול.

זיי דערציילן מיר מיט אָפּגעהאַקטע ווערטער זייערע איבערלעבענישן. זייערע ווערטער שניידן זיך איין מיר אריין ווי זשאַווערדיקע מעסערס. ווי אַזוי זענען זיי לעבן געבליבן נאָך דעם אַלעם? און ווי אַזוי ווילן זיי איצט נאָכאַמאָל אָנהויבן צו לעבן נאָך דעם, ווי זיי זענען דאָס אַלץ אַדורכגעגאַנגען? און ווי אַזוי וועט די גאַנצע וועלט אונזערע האָבן אַ ווייטערדיקן תיקון· טראַגנדיק אין די בלוט געפעמן דעם גיפֿט פון די דאָזיקע גרוילן?

וועגן אונזער שטעטל וויעזשבניק ווייסן זיי גאָרנישט, זיי ווייסן

בלויז דאָס, וואָס מיר אַלע ווייסן וועגן אַלע אַנדערע יידישע שטעט־לאַך אין פּוילן. אָבער ווי אַזוי איז דאָס געשען? אין וואָס פאַרא אומשטענדן? דאָס ווייסן זיי נישט, ווייל אַליין זענען זיי די גאַנצע צייט פאַרשלעפּט געווען אין מאַידאַנעק און האָבן נישט געטראָפן קיין איין לעבעדיקן עדות פון די הריגות. זיי דערציילן מיר, אַז זיי געפינען זיך שוין עטלעכע טעג אין לובלין זיי האָבן געהערט, אַז עס האָט זיך דאָ געעפנט אַ יידישער רעסטאָראַן, וואָס איז דער זאַמל־פּונקט פון יידן. מיר באַשליסן אַהינצוגיין. יעדער טראָגט אַן אומגע־דולדיקן הונגער צו באַגעגנען יידן. זאָל זיין פרעמדע, אָבער זאָל זיך דער בליק כאָטש אַנזעטיקן מיט אַ מנין לעבעדיקע יידן אויף דער דאָזיקער אימהדיקער בלוטיקער און אויסגעליידיקטער ערד.

באַלד ביים איבערגיין די שוועל פון רעסטאָראַנדל האָט זיך פון אַ באַנק אָפּגעריסן עפּעס אַ געשטאַלט און האָט מיך גענומען פריי־לעך טרייסלען ביי דער האַנט, כ׳האָב אים גלייך דערקענט. ברוך פּאַרבער! דער פערד־הענדלער, מיט וועלכן מיר האָבן זיך געטראָפן אין סאָוועטישן דזשאַמבול. ער איז געווען אַ קליינער, אַן אַנגע־שפּאַרטער אויף צוויי אויסגעקרומטע פיס, מיט אַ פּאָר כיטרע בלויע אויגן, וואָס זענען בליץ שנעל געלאָפן אַהין און אַהער איבער די ווייסלעכצער. וואָס טוט ער דאָ, אין לובלין? ווי אַזוי איז ער דאָ אַהער געקומען פון ווייטן דזשאַמבול? זיינע וועדטער לויפן פונקט אַזוי שנעל און פּונקט אַזוי כיטרע ווי די אויגן.

עס ווייזט זיך אַרויס, אַז ער איז דאָ, אין דאָזיקן רעסטאָראַנדל נישט סתם אַזוי אַ גאַסט, נאָר טאַקע אַ שטיקל בעל־הבית. דער רעס־טאָראַן האָט געהערט צו זיינס אַ פּלימעניק, סאַשאַ, אַ געוועזענעם סאָלדאַט, וועלכער האָט פאַרלוירן אויפן פראָנט אַ פוס. אַלס באַלוי־נונג פאַר די מלחמה־פאַרדינסטן האָט ער באַקומען פון דער רעגי־רונג אַ קאָנצעסיע צו עפענען זיך אַ גאַרקיך. ער האָט אויך חתונה געהאַט מיט אַ יידיש מיידל, אַ צוריקגעקומענע פון די לאַגערן, און ער האָט טאַקע צוזאַמען מיט זיין פרוי און מיטן ספּריטנעם פעטער ברוך פאַרבער אַנגעפירט דאָ מיטן גורקיך. ברוך פּאַרבער האָט דאָ געהאַט די געלעגנהייט אַרויסצווייזן זיין ברייטהאַרציקע נשמה און

אויך זיין דאנקבארקייט פאר דעם, וואָס מיין פרוי און איך האָבן געטון פאַר אים אין יענע באדינגונגען פון דזשאמבול. ער ווערט פארשוואונדן אין דער קיך און אין א מינוט ארום קומט ער קאפויער מיט שיסלען מיט זופּ, מיט געפרעגלטע קאָטלעטן און אפילו מיט קופּלעס ביר. ער איז אָבער רירעוודיק און באוועגליך ווי קוועק־זיל־בער און קאָן נישט איינשטיין אויף איין אָרט. און צווישן איין קאָ־בעדיקער שורה מיט ווערטער, וועלכע ער מאַלט שנעל, שנעל מיט די שמאָלע, ענגע ליפּן, לויפט ער דערביי ארום איבער די איבעריקע טישלאך, נעמט אראָפּ דאָס געשיר און טראָגט זיי צוריק אין דער קוך. און אזוי לויפענדיק אויף זיינע קיילעכדיק אויסגעבויגענע פיסלאך, צווישן די טישלאך און צווישן דער קוך, כאפּט ער דערווייל שנעלע און שפּיציקע בליקן אויף די טעלער, צי עמיצער פון די געסט האָט נישט איבערגעלאָזט קיין כזית זופּ אָדער קיין קרישקע פון א קאָטלעט? און ער דערנענטערט בליץ שנעל דעם טעלער צום מויל און דערלאַנגט א לעק אָפּ דעם איבערגעבליבענעם אינהאַלט. ער מיינט אז קיינער זעט נישט, ווייל ער מאכט עס שנעל ווי א מאשין ביקס, אָבער דווקא צוליב דער דאָזיקער שנעלקייט ווארפט ער זיך אַלעמען אין די אויגן און יעדער זעט זיינע פלינקע מאנעוורעס ביים אויסלעקן די טעלערס.

אָבער דאָס הייסט לגמרי נישט, אז ער איז א קאַרגער. פּאַרקערט. ווען עס קומט צום באַצאָלן שטעלט ער זיך שטאָל און אייזן — אז ניין! ער וועט נישט נעמען פאַרן עסן קיין האַלבע פּרוטה. ער פילט זיך באַליידיקט וואָס מיר איז גאָר איינגעפאַלן צו באַצאָלן. ס'וואָלט געווען די גרעסטע עוולה, זאָגט ער, ווען ער וואָלט נישט אויסגענוצט די דאָזיקע געלעגנהייט און כאָטש אויף אזא קליינעם אופן אַרויסגעוויזן זיין דאנקבארקייט פאַר יענע טעג, ווען ער איז געווען אויף געהאקטע צרות אין דזשאמבול און ווען ער האָט ביי אונז אין דער קיביטקע געפונען אזוי פיל מענטשלעכע וואַרעמקייט.

איך קוק מיך ארום איבער די געזיכטער פון די געדיכט באַזעצטע טישלאָך און פרוו ארויסשיילן באַקאַנטע שטריכן. דאָ — פּונקט אזוי ווי פריער אויף דער גאַס — דאָמינירן די גרויע פּנימער פון

די לעבעדיקע שקעלעטן. מען דערקענט זיי באַלד, אָן שום דערציילן. דאָס זענען יידן, ארויסגעקומענע פון פינסטערע באַהעלטענישן אָדער געראַטעוועטע פון לאַגערן. איך וואַנדער מיטן בליק פון איין געזיכט צום אַנדערן, ביז ענדליך שטעל איך מיך אָפּ אויף באַקאַנטע געזיכט־שטריכן. דער נאָמען ליגט מיר גלייך אויף די ליפּן: פּרץ שטרייטמאַן מיין שול חבר פון וויעזשבניק!

אויך ער האָט נאָך פריער געהאַלטן אויף מיר אַנגעשטעלט זיין בליק און בעת אונזערע אויגן באַגעגנען זיך דערלאַנגען מיר זיך א גלייכצייטיקן שטעל אויף און א צי אויס די הענט: יצחק! פּרץ!

אונזער באַגעגניש איז א הייסע, מיר פאַלן זיך אין די אָרעמס. אויף די אָנוועזנדיקע יידן מאַכט דאָס נישט קיין איינדרוק. מען איז אין די דאָזיקע טעג צוגעוווינט צו טעאַטראַלע סצענעס. דאָס גאַנצע לעבן איז נאָך נישט צוריק געפּלאָסן אין די געוועגלעכע ברעגעס. אַלע האָבן מיר נאָך דאַן געלעבט אין א צושטאַנד פון בין־השמשות, צווישן קאָשמאַר און וואָר און גאָרנישט האָט קיינעם איבעראַשט און קיינעם געוווּנדערט.

מיין שול־חבר, פּרץ שטרייטמאַן, האָבן די מלחמה־יאָרן געענ־דערט, מער נישט צו דערקענען. דאָס געזיכט איז געוואָרן טרוקן און האַרט, דאָס געשטאַלט האָט זיך אָנגעגאָסן מיט א פרעמדער מע־נערישקייט, וואָס האָט אינגאַנצן נישט געפּאַסט פאַר זיינע נאָך אַלץ יינגלערישע אויגן. א חוץ דעם האָט ער געטראָגן א זעלנערישן מונ־דיר, וואָס האָט אים שוין אינגאַנצן פאַרוואַנדלט אין עמיצן אַנדערש. אָבער ס'איז געגוג געוועזן, אַז עס זאָל פאַלן צווישן אונז דער נאָמען פון אונזער שטעטל וויעזשבניק און זיין געזיכט איז צוריק געוואָרן יינג און נאָענט און היימיש און א קוואַל פון וואַרעמקייט האָט אונז ביידע אַרומגענומען, איך האָב דערציילט מיין חבר פון מיין וויזיט אין וויעזשבניק (געשילדערט אין מיין בוך „מיינע פיר יאָר אין סאָ־וויעט רוסלאַנד") ער האָט מיך גוט אויסגעהערט און דאַן האָט ער געפרעגט:

— ביזט געוועזן ביי דיר אין הויז, וווּ עס האָבן געוווינט דיינע עלטערן?

— יאָ.

— האָסט געטראָפן עפּעס אַ באַקאַנטן קריסט?

— יאָ. דעם געוועזענעם סטרוזש. בלויז ער איז דאָך געווען דער איינציקער אַריער...

— ער האָט דיר דערציילט עפּעס? ווי אַזוי עס זענען אומגעקו־מען דיינע נאָנטע? די יידן פון שטעטל?

— איך האָב אים נישט געפרעגט כ'האָב אינגאַנצן נישט גערעדט מיט אים. איך בין אַנטלאָפן פון הויז, ווי פון אַ פינצטערן חלום.

דער חבר מיינער איז שטיל געבליבן. ער האָט מיר דאַן געזאָגט, אַז ער ווייסט יאָ די פּרטים פון סוף פון אונזער שטעטל. ער ווייסט אויך איינצעלהייטן וועגן מיין פאַמיליע. ביז צום סוף פון יאָר 1939 איז דאָס לעבן אין וויעזשבניק געווען פאַרהעלטניסמעסיק נאָרמאַל. די דאָזיקע נאָרמאַלקייט דאַרף גענומען ווערן נישט לויט געוועגלאַכע מענטשלאַכע השגות, נאָר לויט די מאָסן פון די שפּעטערדיקע נאַצי־שע מערדערייען.

אין אָנהויב 1940 האָט מען גענומען אַראָפּברענגען קיין וויעזשבניק יידן פון לאָדזש. לאָדזש איז דעמאָלט שוין געווען אַ טייל פון דייטשן רייך און האָט שוין נישט געהייסן לאָדזש נאָר ליצמאַנשטאַט. די נייע מאַכט פון ליצמאַנשטאַט האָט באַפוילן, אַז אַ טייל פון די דאָרטיקע יידן זאָל ווערן אויסגעזידלט און הונדערטער יידישע פאַמיליעס פון לאָדזש זענען אַוועקגעפירט געוואָרן אין אונ־זער שטעטל. זיי זענען אַוועקגעפירט געוואָרן אין אָפענע וואַגאָנען און דער ווינטער, וועלכער איז געווען אַ נישט געוועגליך שאַרפער, האָט דאָ געשניטן זיין שניט. אַסך יידישע קינדער זענען פאַרפרוירן געוואָרן אויפן וועג און ביים אָנקומען קיין וויעזשבניק האָט מען זיי גלייך געמוזט קובר זיין. די לעבעדיקע יידן האָט מען אַריינגע־פּרעסט אין די פּאָר יידישע גאַסן און עס האָט זיך ווי עס איז איינ־געשטעלט אַן אָרים און גענדריקט לעבן, אָבער אַ לעבן, מען האָט אפילו געהאַנדלט און געאַרבעט.

דער דייטש האָט נאָך דעמאָלט נישט אויסגעשטרעקט דעם חלף. די אומגליקן, וואָס האָבן אין יענעם פּעריאָד באַגעגנט די יידן,

זענען געקומען מייסטענטייל נישט פון די דייטשן, נאָר פון די אָרטיקע פּאָליאַקן. דער חלום פון די פּוילישע אַנטיסעמיטן איז דאָ אײנגאַנצן מקוים געוואָרן. איצט האָט מען שוין נישט געדאַרפט מער פרעדיקן קיין אַנטיסעמיטיזם אין די צייטונגען אָדער אָנקלעבן פּיקעטן ביי יידישע געשעפטן. איצט האָט מען געקאָנט פראַנק און פריי אַרומלויפן איבער די פּאָר יידישע געסלאך, ממית זיין די יידן, ביז בלוט ראַבירן יידישע געוועלבלעך, אויסליידיקן יידישע וווינונגען. איצט איז געקומען זייער צייט און זיי האָבן פון דער צייט גענאָסן מיטן גאַנצן אייפער פון זייערע רוצחישע נשמות. עס זענען אַפילו געוועזן פאַלן, ווען זיי זענען אַזוי ווייט דערגאַנגען מיט זייערע בלוטיקע מעשים, אַז די דייטשן האָבן זיי געמוזט צוימען און נעמען די יידן אונטער זייער שוץ. דער תלמיד האָט זיך דאָ אַרויסגעוויזן פליסיקער פון דעם לערער, אָבער אויך דעם לערער האָט גאָרנישט געפעלט.

אַזוי איז אַדורך דאָס גאַנצע ערשטע יאָר. מען האָט געלעבט אין דחקות, אונטער אַ בסדרדיקער בייטש פון טעראָר און דערנידערונג, אָבער מען האָט געלעבט מיט בטחון און מיט אַ פונק פון האָפענונג. מען האָט געוווּסט, אַז אַלץ איז אָפּהענגיק פון גורל פון קריג. האָט מען געלעבט מיטן אויער געווענדעט צו די פראָנטן און אויב מען האָט נישט באַקומען פון ערגעץ קיין גוטע ידיעה, האָט מען אַליין פאַבריצירט אַזעלכע גוטע בשורות און גלייך נאָכן פאַבריצירן, האָט מען אין זיי אָנגעהויבן צו גלויבן. אַזוי איז געווען דער כוח פון ווילן איבערצוהאַלטן די פינצטערע טעג. אָבער עס איז אָנגעקומען דאָס יאָר 1941. אין שטעטל אַריין זענען אַראָפּגעבערנגט געוואָרן אוקראַאינישע באַנדעס און זיי האָבן — אונטער די אָנווייזונגען פון די דייטשן — אָנגעהויבן צו באַווייזן זייערע פעאיקייטן. אין דער דאָזיקער צייט איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ פאַראָרדנונג, אַז די יידן מוזן פאַרלאָזן זייערע הייזלעך און מוזן זיך אַריבערטראָגן נאָענט צום וואַלד. די יידישע הייזלעך זענען באַזעצט געוואָרן מיט פּוילישע פּאַמיליעס וואָס זענען געוואָרן אַרויסגעשיקט פון דער פּויזנער געגנט. אין דער דאָזיקער צייט האָט דער עלטסטער ברודער מיינער חתונה געהאַט מיט אַן אַפּטער מיידל, איטקע ראָזען. זיי זענען געבליבן ווויר־

נען ביי מיינע עלטערן און אזוי אַרום איז די צאָל נפשות ווידער געבליבן די זעלבע. אויפן אָרט פון מיר, וואָס כ׳בין דעמאָלט געווען אין רוסלאַנד, איז צוגעקומען די פרוי פון מיין ברודער.

אָבער דער וואָלקן, וואָס האָט געזאָלט בקרוב אַרומהילן דאָס גאַנצע פוילישע יידנטום און וואָס האָט געזאָלט מיט אזא צאָרן זיך אויסגיסן איבער די יידישע קעפּ איז אויך אָנגעקומען קיין וויעזשבניק אין 1942. עס האָט זיך אָנגעהויבן מיט א באַפעל, וואָס האָט ווי אן עכאָ זיך איבערגעחזרט אין אַלע יידישע ישובים; אַלע יידן, אַרוים אויפן מאַרק פּלאַץ. און דאָרט האָט מען אדורכגעפירט די סעלעקציע — צום טויט און צום דערווייליקן לעבן. פרויען, אַלטע לייט און קינדער — אויף לינקס. צום טויט! יינגערע, ביי וועמען מען האָט נאָך געקאָנט אַרויסציען א ביסל מאַרך פון די ביינער — אויף רעכטס.

ביי דער באַן ראַמפּע זענען אוועקגעשטעלט געוואָרן וואַגאָנען און די צום טויט באַשטימטע יידן זענען אריינגעטריבן געוואָרן אונטער א האָגל פון א געשיסעריי און פון רוצחישע קלעפּ. צווישן די ערשטע, וואָס זענען אוועקגעפירט געוואָרן צום טויט, האָבן זיך געפונען מיינע גאָטזעליקע עלטערן, מיין ברודערס פרוי און זייער קינד. די וואַגאָנען זענען אוועק און אויפן פּלאַץ זענען פאַרבליבן צענדליקער יידישע הרוגים. עס איז שפּעטער באַוווסט געוואָרן, אז די וואַגאָנען זענען אוועק קיין טרעבלינקע. דאָס איז געווען איינער פון די ערשטע טראַנספּאָרטן, וואָס האָבן צוגעשטעלט קרבנות פאַר דעם דאָזיקן לאַגער, ווו עס זענען געוואָרן פארשלונגען הונדערטער טויזנטער יידישע לעבנס. די איבערגעבליבענע האָט מען איינגעטיילט אין דריי גרופּן און פונאַנדערגעשיקט אין פארשידענע פּלעצער: אין דער אמוניציע פאַבריק סטאַראַכאָוויצע, אין דער „סטשעלניצע" און אין אָרטיקן טאַרטאַק פון העלער. בעת דער סעלעקציע אויפן מאַרק פּלאַץ, ביים אוועקשיקן אין די וואַגאָנען אריין און ביים צעטיילן די געבליבענע אין די אַרבעטער בריגאַדעס, זענען געשטאַנען פון דער ווייטנס די פּאָליאַקן און האָבן אזוי ווי די קראָען געוואַרט אויף זייער רויב. זיי האָבן מיט אן איבערגעטריבענער פלייסיקייט געהאָלפן

שלאָגן זייערע נעכטיקע יידישע שכנים, געהאָלפן אריינוואַרפן די יידן אין די וואַגאָנען אריין און האָבן ארויסגעריסן פון יידיש־פאַר־מישפּטע הענט זייערע אָרימע טלומעקלאַך.

די „סטשעלניצע", וווּ עס איז איינגעאָרדנט געוואָרן די יידישע אַרבעטער בריגאַדע איז געוואָרן אַרומגעצוימט מיט אַ פּאַרקן און דאָס גאַנצע אָרט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לאַגער, פון וועלכן עס איז געוואָרן פאַרבאָטן ארויסצוגיין. טאָג און נאַכט איז דער געווען אַרומגערינגלט מיט אַ באַוואָפנטער אוקראַאינישער וואַך. אינוויינעיק האָט זיך געשאַפן אַ יידן־ראַט, וואָס האָט געדאַרפט רעפּרעזענטירן די יידן לגבי די דייטשן.

אַלס פּאַרזיצער איז באַשטימט געוואָרן אַ געוויסער ווילטשעק און צום ראַט האָבן געהערט שלמה היינעסמאַן, שמחה מינצבערג, בי־רענצווייג און אַנדערע. דער פּאַרזיצער ווילטשעק איז ביז צו דער מלחמה געווען דער אייגנטימער פון אַ פּרוכט־געוועלב, אָבער דאָס איז נישט געווען מער ווי אַ מיטל צוצודעקן זיינע נישט כשרע און טונקעלע געשעפטן. אויך דאָס ווייב זיינס, וועלכע איז געווען אַ היבש שיינע פרוי, האָט אים געדינט ווי אַ צוציאונגס שילד צו זיינע טריפענע מסחרים. ער האָט אויך געהאַט צוויי זין מיט אַ טאָכטער. נאָך פאַרן קריג איז ער געזעסן אין קאַרטוז בערעזע, — נישט פאַר פּאָליטיק, נאָר פאַר שווינדלערייען. אַ קליינער, אַ שוואַרצער, מיט צוויי פינקלדיקע אויגן, האָט ער זיך געקאָנט אריינדרייען אין די סאַ־מע נישט צוטריטלעכע ערטער. און עס איז דאַריבער נישט קיין וווּנ־דער, וואָס גראָד ער האָט זיך ארויפבאַקומען אויפן אַמט פון פּאַר־זיצער פון יידן־ראַט. דאָ — אין די באַדינגונגען פון לאַגער — האָט ער שוין אינגאַנצן צענומען די הענט. ער איז געוואָרן אַ כראָנישער מסור ביי די דייטשן און האָט אויפן אומגליק פון זיינע יידישע מיט־ברידער געמאַכט פאַרמעגנס מיט געלט.

דער יודנראַטלער שלמה היינעסמאַן איז געווען אינגאַנצן פון אַן אַנדערן שניט ווי ווילטשעק. ער איז געווען אַפּרומער ייד, פון פאַך אַ קאַמאַשן שטעפּער, און ער האָט געהאַט אַ געשעפט פון לעדער. אין לאַגער איז ער געוואָרן דער אויפזעער פון מאַגאַזין. און פּונקט

ווי ער איז געווען אַן אָרנטלעכער און אַ גאָטפאַרכטיקער מאַן פריי־ער, אַזוי אָבער האָט ער דאָ אין לאַגער אַנטדעקט ביי זיך גאָר אַנדערע אייגנשאַפטן. ער האָט פּלוצלונג דערפילט אין זיך אַ דראַנג געפעלן צו ווערן פרויען. מיט זיין הויך געשטאַלט און קורץ געשוירן שיטער בערדל האָט ער געזוכט צו מאַכן אַן איינדרוק אויף יעדער אַריינקו־מענדיקער פרוי. און ווען זיינע איינגעבוירענע אייגנשאַפטן האָבן אים ווייניק וואָס געהאָלפן, האָט ער אָנגעהויבן אויסצונוצן זיין פעסטע פּאָזיציע אין לאַגער, אַלס מאַגאַזין אויפזעער. ער האָט פאַרלאַנגט אַז פרויען זאָלן קומען צו אים נאָך די זאַכן אין די אָוונט שעהן און באַלד בקרוב האָט ער אין דעם לאַגער באַקומען אַ שם פון אַ שענד־לאַכן פאַרפירער. אַליין האָט ער געהאַט אַ פרוי מיט צוויי קינדער, וועלכע ער האָט נאָך פאַר דער גרויסער סעלעקציע ערגעץ אויסבאַ־האַלטן און אַזוי אַרום זיי אָפּגעראַטעוועט פון טויט. ווי זייער באַ־העלטעניש האָט זיך געפונען — האָט קיינער נישט געוווּסט.

דער דריטער יודנראַטלער בירנצווייג, אַ מיטלוווּקסיקער דיקלע־כער ייד, האָט פאַרן קריג געהאַט אין וויעזשבניק אַ בראָנפן געשעפט און מען האָט אים צוליב זיין אינטערעסירן זיך מיט פּאָליטיק און געזעלשאַפטלאַכע ענינים פאַרעכנט צו דער שטאָטישער אינטעלי־גענץ. אָבער דאָ, אין די באַדינגונגען פון לאַגער, האָט אים די מאַכט פון אַ יודנראַטלער אַ שלאַג געטון אין קאָפּ אריין און ער איז נישט אָפּגעשטאַנען פון די מעשים טובים פון זיינע אַנדערע קאָלעגן. אַן אויסנאַם אין יודנראַט איז געווען שמחה מינצבערג. פאַרן קריג איז ער געווען אַן אייגנטימער פון אַ באַנק. ער האָט געהערט צו די פני פון דער שטאָט. איצט האָט ער ווייטער געפּרוווט אָנגיין מיט זיין ערלעכקייט און מיט זיין פשטות און ער האָט געשטראָפט די אַנדערע יודנראַטלער, וואָס זענען געוואָרן פאַרעטער צו זייערע ברודער. אָבער דאָס דאָזיקע אויפפירן זיך האָט אים טייער געקאָסט. צוליב די מסירות פון זיינע „מיטאַרבעטער" פון יודנראַט איז ער אריינגע־וואָרפן געוואָרן אין דער ראַדאָמער תפיסה. אין לאַגער זענען אַלע געווען זיכער אַז די דייטשן האָבן אים אומגעבראַכט. נאָכן באַזייטיקן די דאָזיקע „שטערונג" האָבן די ווילטשעקס מיט די היינעסמאַנס

מיט די בירנצווייגס ווייטער געקאָנט אָנגיין מיט זייער אַרבעט, אָבער דער סוף זייערער איז געווען אַ מיאוסער. ווען מען האָט שפּעטער אויסגעזידלט דעם אַרבייטס־לאַגער קיין אוישוויץ, האָבן די יידן אין די וואַגאָנען מיט די הענט געטויט די דאָזיקע אויסוורפן. געטון האָבן עס לאָדזשער און וואַרשעווער יוגנטלעכע, וואָס האָבן געאַר־בעט אין דערבייאיקן לאַגער אין סטאַראַכאָוויצע און האָבן זיך צוגע־קוקט צו זייערע שענדלעכע מעשים. דער לאַגער האָט עקזיסטירט כמעט ביז צום סאַמע מאָמענט פון באַפרייאונג. ווען די רויטע אַרמיי האָט זיך דערנענטערט צו די ברעגעס פון דער ווייסל, האָט עמיצער פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די דייטשן גרייטן זיך אויפצוריסן דעם לאַגער צוזאַמען מיט דער פאַבריק און מיט די יידן. אין לאַגער האָבן זיך דעמאָלט געפונען מיינע דריי שוועסטער, צוויי ברידער און מיינס אַ שוואָגער. איינע פון מיינע שוועסטערן האָט אויך געהאַט אַ פינף יאָריק קינד, וואָס זי האָט אָוועקגעגעבן צו אירס אַ קריסט־לעכער פריינדין, מאַרילאַ יאַצקאָווסקאַ. זי פלעגט פון צייט צו צייט איבערקויפן די וואָך און איז געלאָפן איבער וועגן און אומוועגן צו כאַפּן אויפן קינד אַ בליק. מיטן מאָמענט ווען די רויטע אַרמיי איז צוגעקומען צו דער שוועל פון דער ווייסל, איז דער לאַגער נאָך שטאַרקער באַוואַכט געוואָרן. צווישן די יידן האָט גענומען הערשן אַ מוראַדיקער אומרו. פון איין זייט האָט פאַר זיי גענומען אויפשיי־נען אַ פונק פון האָפנונג, אַז זיי וועלן בקרוב באַפרייט ווערן פון די אָנקומענדיקע רוסן. אָבער די דאָזיקע האָפנונג איז גלייכצייטיק פאַר־סמט געוואָרן דורך דער מורא, אַז גראָד יעצט, נאָך אַזוי פיל יאָרן פון אומבאַשרייבלעכע ענויים, אויף דער סאַמע שוועל פון באַפריי־אונג, וועלן זיי אומגעבראַכט ווערן דורך די נאַציס.

אין לאַגער האָט אין דער דאָזיקער צייט אויך געאַרבעט אַ גע־וויסע צאַל פּאָליאַקן, צווישן זיי עטלעכע געוועזענע פּ.פּ.סאָוצעס, וואָס האָבן זיך באַצויגן מיט מיטגעפיל צו די יידן. איינער פון זיי, אַ געוויסער וואָדסקי, האָט במשך פון דער גאַנצער צייט אַרויסגעוויזן צו די יידן אַ רירענדיקע באַציאונג. איצט, אין מאָמענט, ווען דער גורל פון די יידן האָט געזאָלט ענדגילטיק געחתמעט ווערן לחיים

אָדער למות, האָט ער געברענגט טרייסט צו זיי און האָט צוגעזאָגט צו שטיין אויף דער וואך און צווישן געבן די יידן וועגן די דייטשע פּלענער. אָבער דער צוזאָג האָט נישט אַלע באַרואיקט. די אומזי־כערקייט האָט זיי אריינגעוואָרפן אין אַ היץ פון פאַרצווייפלונג.

סך הכל מיט עטלעכע טויזנט מעטער ווייטער האָבן זיך געפונען די ארמייען, וואָס האָבן געזאָלט ברענגען באַפרייאונג. זאָל מען טאַקע שטיין דאָ ווי די לעמער און זיך לאָזן אויסשעכטן, אָדער אפשר פּרווון אַ ריזיקאַלישן טריט? און אַ טייל האָט טאַקע געפּרוווט. איי־נער פון די יידן, אברהם שיינער, איז צו צום פּאַרקן, וואָס האָט ארומגערינגלט דעם לאַגער און האָט אויסגעבראָכן אַ ברעט. דורך דער דאָזיקער עפנונג וואָס האָט געזאָלט פירן צו דער פריי, האָבן זיך אַ לאָז געטון עטלאַכע צענדליק יידן. די עפנונג איז געווען אַ קליינע, און נאָך קלענער איז זי געוואָרן דורך דער פיבערדיקער אמ־פּערניש פון די, וואָס האָבן געגלייבט אַז דער וועג פירט צו אויס־לייזונג. די אוקראַאינישע וואך האָט שנעל זיך אָריענטירט אין דעם פּרווו צו אַנטלויפן און האָט באַוואָרפן די יידן מיט גראַנאַטן. פיל זענען געבליבן ליגן מיט צעריסענע אברים, צווישן זיי מיין יינגסטע שוועסטער גוטשע. אַנדערע האָבן דאָך באַוויזן זיך ארויסצובאַקומען אויף דער צווייטער זייט. צווישן זיי האָט זיך געפונען מיין שוואָגער און מיינס אַ שוועסטער און דער מיטשמועסער מיינער, פּרץ שטרייט־מאַן, וועלכער איז יעצט געזעסן מיט מיר אין לובלינער רעסטאָראַן און האָט מיר איבערגעגעבן די דאָזיקע פּרטים.

די אַנטלאָפענע יידן זענען אריין אין וואַלד אריין. עטלאַכע און דרייסיק זענען זיי געווען און זיי האָבן אין די וואַלדיקע טיפענישן דערפילט אויף זיך דעם אמתדיקן הויך פון באַפרייאונג. די דייטשן זענען שוין דעמאָלט געווען צופיל דעזאָרגאַניזירט און צופיל פאַר־נומען מיט זייערע אייגענע פּלענער צו אַנטלויפן און האָבן נישט געהאַט שוין קיין קאָפּ צו פאַרנעמען זיך מיט אַן אָבלאַווע אין די וועלדער אויף אביסל אַנטלאָפענע יידן.

פון דערווייטנס האָבן זיך דערטראָגן אָפּהילכן פון רוסישער אַרטילעריע און אפילו איינצלנע שאָסן פון ביקסן, פאַר די אַנטלאָ־

פֿענע יידן אין וואַלד זענען די דאָזיקע שאָסן געווען דער ענדגילטי־קער קוואַל פֿון דערמוטיקונג. זייער ציל איז געווען איבערצוהאַלטן די נאָענסטע צוויי דריי טעג און דערלעבן דעם מאָמענט, ווען די ערד וועט איבערגענומען ווערן דורך די רוסן. קיינער האָט זיך נישט גע־ריכט, אַז די סאַמע טיפֿענישן פֿון וואַלד טראָגן אין זיך אַן אַנדער טויט־געפֿאַר: נישט פֿון קיין אומגעריכטע חיות רעות, נאָר פֿון אַנ־דערע חיות, אין מענטשלעכע געשטאַלטן — פֿון פּוילישע פּאַרטיזאַ־נער, וואָס האָבן דאָ אַרומגראַסירט אין די וועלדער און וואָס איינער פֿון די צילן זייערע איז געווען צו פֿאַרענדיקן די נישט פֿאַרענדיקטע אַרבעט פֿון די נאַציס — אויסצוהרגענען די רעשט יידן. צו שטעלן אַ פּונקט אויפֿן בלוטיקן קאַפּיטל, וואָס איז אָנגעהויבן געוואָרן דורך די דייטשן, צו זען, אַז דער דייטשער פּלאַן זאָל טאַקע נישט האָבן קיין שום בלויזן. און די עטלאַכע און דרייסיק וויעזשבניקער יידן זענען אַריינגעפֿאַלן אין די הענט פֿון די פּוילישע גזלנים. און די באַוואָפֿנטע פּוילישע „כלאָפּצעס" האָבן אַרומגערינגלט די פּאָר צענד־ליק יידישע פֿרויען און מענער און האָבן זיי אויסגעשאָסן. געראַ־טעוועט האָט זיך בלויז דער חבר מיינער פּרץ שטרייטמאַן און אַברהם שאַיינער.

ווען ער איז איצט געזעסן פֿאַר מיר און האָט דערציילט די דאָ־זיקע פּרטים זענען פֿון די אויגן זיינע גערונען בלוטיקע טרערן. ער איז סוף כל סוף געבליבן זיצן אַ שווייגנדיקער. איך האָב אים נאָכ־אַמאָל נאָענט און וואַרים אָנגעקוקט. דאָס לעצטע מאָל ווען מיר האָבן זיך געזעען, איז געווען אַ טאָג פֿאַר דער מלחמה. צווישן אונ־זער יעצטיקער און יענער באַגעגניש איז געשטאַנען אַ וואַנט פֿון בלוט אַדורכגעווייקטע יאָרן. אַ טיפֿער אָפּגרונט פֿון מיליאָנען אומ־געברענגטע יידן, און אין תהום פֿון דאָזיקן מאַסן קבר איז אויך גע־לעגן אונזער שטעטל וויעזשבניק מיט זיינע יידישע איינוווינער, מיט אונזערע קיינמאָל און אייביק נישט פֿאַרגעסענע נאָנטסטע און טייערסטע.

# קאַפּיטל צוויי

לובלין האָט געיובלט. עס איז נאָר וואָס אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז לאָדזש איז באַפרייט געוואָרן. אַ גרויסער טייל פון דער לובלינער באַפעלקערונג וואַרפט זיך צו די באַנען, כדי זיך אַריינצוכאַפּן קיין לאָדזש. דער חשק איז ווייט נישט קיין פּאַטריאָטישער. נישט אין באַטראַכט די באַפרייטע ערד האַנדלט זיך דאָ, נאָר אין מער מאַטעריעלע זאַכן. צווישן די פּאָלאַקן איז דעמאָלט פּאָפּולער געוואָרן דאָס וואָרט „שאַבער". „שאַבער" האָט באַדייט רויב, ספּעקולאַציע, שמוגל, אויסנוצן די געלעגנהייט, כדי שנעל רייך צו ווערן. די פּאָליאַקן האָבן זיך שנעל אויסגעלערנט די דאָזיקע מלאכה און טויזנטער פון זיי זענען געוואָרן פּראָפעסיאָנעלע „שאַבראָווניקעס". דאָס באַפרייטע פוילן האָט זיך געפונען אין חורבות. זעלטן ווער עס האָט געהאַט אַ גאַנצן דאַך איבערן קאָפּ, אַ גאַנצן מלבוש. די דאָזיקע שאַבראָווניקעס האָבן זיך שנעל אָריענטירט, אַז די חורבות זענען נישט בלויז קיין נאַציאָנאַלן חורבן, זיי קאָנען אויך זיין אַ קוואַל פון גרויסע הכנסות. זיי פלעגן דעריבער אַרומנישטערן צווישן די רואינירטע הייזער און בנינים, וואָס זענען פאַרלאָזט געוואָרן פון די דייטשן, אין געגנטן, וו עס זענען פאַרניכטעט געוואָרן די יידן, און האָבן פון דאָרט אַרויסגעשלעפּט אַלץ, וואָס עס האָט זיך געלאָזט: מעבל, מלבושים, חפצים, מאַשינען און קונסט זאַכן. זיי האָבן דאָס אַלץ געוואָרפן אויפן הונגעריקן מאַרק. אַ סך פון די דאָזיקע שאַבראָווניקעס זענען געוואָרן שטיין־רייך און זענען געווען אָנגעשטאָפּט מיט געלט און האָבן זיך באַזעצט אין אומגעהויערע רייכע דירות, איינגעאָרדנטע מיט די טייערסטע טעפּיכער, מיט די רייכסטע מעבל, האָבן זיך געקליידט אין די רייכסטע שטעטער, און האָבן געטראָגן אויף זיך גאַנצע אוצרות מיט ביזשוטעריע.

א גרויסן טייל פון דאָזיקן שאַבער האָט פאַרשטייט זיך געשטאַמט פון יידישן פּאַרמעגן, וואָס איז פאַרבליבן אָן יורשים, אָבער דער דאָזיקער קוואַל האָט זיך סוף כּל סוף אויסגעשעפּט. מיט באַפרייען שטיקער פּוילן האָט זיך אָנגעהויבן פאַר זיי א ניי קאַפּיטל. אַזוי ווי קראָען נאָך אן אָקער אייזן, אַזוי זענען זיי נאָכגעגאַנגען די פּוילישע און רוסישע ארמייען און האָבן זיך די ערשטע אריינבאַקומען אין באַפרייטע שטעט און דערפאַר, פון וואַנען עס זענען פריער עוואַקוירט געוואָרן די דייטשן. דאָרטן האָבן זיי זיך אריינגעריסן אין נאָך דייטשע וווינונגען און האָבן מיט דער פּלייסיקייט פון מוראַשקעס אויסגערייניקט די שטיבן פון אַלץ וואָס האָט געהאַט א שטיקל ווערט. זיי האָבן עס דאַן געפירט אין אַנדערע געגנטן, ווו עס איז געווען א מאַנגל אין די דאָזיקע זאַכן, און האָבן עס פאַרצוקערט פאַר גרויסע סומעס געלט.

דאָס באַפרייען לאָדזש האָט פאַר די שאַבראַווניקעס פאַרגעשטעלט א גאָר פעטן ביסן. לאָדזש איז געווען א דייטשע שטאָט. א געדיכט באַוווינטע פון דייטשע באַאַמטע, וואָס האָבן במשך פון עטלעכע יאָר ראַבירט די דאָרטיקע יידן און די אַלגעמיינע באַפעלקערונג. מיט אָפּטרעטן פון דער דייטשער ארמיי האָבן אויך די צעשראָקענע ציווילע דייטשן זיך ארויסגעטראָגן אַנלאָדנדיק גאַנצע וועגענער מיט האָב און גוטס. אָבער נישט אַלץ האָבן זיי געקענט מיטנעמען. איז לאָדזש דעריבער געוואָרן דער אַטראַקציע פונקט פאַר טויזנטער שאַבראַווניקעס מאַרבע פּינות פּוילן. טויזנטער פּאַליאַקן האָבן דעם דאָזיקן טאָג אָנגעפּולט דעם לובלינער וואָקזאַל און האָבן זיק געלאָזט אין וועג אריין.

די פּאָר הונדערט יידן אין לובלין האָבן די באַפרייאונג פון לאָדזש אָנגענומען מיט גרויס פרייד. מען האָט געוווסט, אז אין לאָדזש זענען נאָך ביזן לעצטן טאָג פון די קאַמפּן געווען מערערע טויזנטער יידן (ווענן דעם אז די גרעסטע טייל איז אומגעבראַכט געוואָרן הארט פאַרן אָפּטרעטן פון די נאַציס, האָט מען זיך דערוווסט ערשט שפּעטער). עס זענען יעדנפאַלס אָנגעקומען ידיעות, אז אין באַפרייטן לאָדזש געפינט זיך א גרעסערע צאָל יידן. פאַרשטייט זיך, אז אונזער

ערשטער רעפּלעקס איז געווען אהין צו פאָרן. ווער ווייסט, ווען מען קאָן אַלץ געפינען צווישן די געראַטעוועטע.

די דאָזיקע טעג זענען געווען טעג פון חשבונות, פון פאַרצווייפלונג, פון פאַרלוירענע האָפנונגען, אָבער אויך פון גרויסע ניסים. עס פלעגט טרעפן, אַז אין סאַמע מיטן גאַס פלעגן זיך באַגעגענען יידן, וואָס יעדער האָט געהאַט געגנויע ידיעות וועגן צווייטנס טויט. אָבער גראָד די דאָזיקע איינצעלנע ידיעות האָבן אין דאָזיקן גאַנצן אימה'־דיקן וואָלקן פון אומגליק אַרויסגעוויזן זיך פאַר פאַלש. קיין סך אַזעל־כע ניסים זענען נישט געווען, אָבער עס איז גענוג געווען בלויז איי־נער, אַז אין יעדנס האַרץ זאָל אַריינגעוואָרפן ווערן דער זוימען פון עפּעס אַ נישט אַרטיקולירטער דערוואַרטונג.

מיר האָבן דעריבער באַשלאָסן מיטן ערשטן צוג אַוועקצופאָרן קיין לאָדזש. מיין פרוי און איך האָבן אויף גאָר שנעל איינגעפּאַקט די פּאָר מטלטלים — קיין סך צו פּאַקן איז נישט געווען — און מיר האָבן זיך אין גרויסע שוועריקייטן געלאָזט אין דער ריכטונג פון וואָקזאַל.

די גאַסן זענען געווען פול מיט מיליטערישע אויטאָס, וואָס זע־נען געפאָרן אין דער ריכטונג צו די פאַרשידענע פראָנטן. די מאַשי־נען זענען געווען באַצירט מיט צווייגן און מיט טריאומפאַלע אויפ־שריפטן. פון די הייזער זענען אַראָפּגעהאָנגען פענער. די טראַטואַרן זענען געווען פול מיט אַ יובלדיקער באַפעלקערונג. די ידיעות פון די דייטשע מפּלות האָבן יעדן איינעם אָנגעפילט מיט אַ האָפנונג, אַז היטלערס מפּלה איז שוין אַ פראַגע פון געציילטע טעג. מיר האָבן זיך סוף כל סוף צובאַקומען צום וואָקזאַל, וואָס איז געווען באַקלעפּט מיט מענטשן און האָט אונז דערמאָנט די וואָקזאַלן אין סאָוועט רוסלאַנד. אויף דער פּלאַטפאָרמע פון וואָקזאַל זענען געלעגן מחנות מיט אויסגעוואָרצלטע, וואָס זענען דאָ אָהערגעקומען פון אַלע עקן פוילן, און איצט האָבן זיי זיך אומגעקערט אין זייערע באַפרייטע היימען. די אָרימקייט פון די דאָזיקע מענטשן איז געווען אַ פּאַטעטישע. זיי־ערע פאַרמעגנס זענען נישט באַשטאַנען מער ווי פון אַ טלומעקל אָדער פון אַ שנעל צוזאַמענגעבונדן פּאַפּירן פּעקל. אָבער די גרעסטע

טייל פּאַסאַזשירן איז באַשטאַנען פון גוט געקליידעטע פּאַליאַקן, וואָס האָבן נישט געפּירט קיין שום פּעק און האָבן געגלאַנצט מיט גאָלדע־נע סיגנעטן אויף די הענט און האָבן גערויכערט טייערע פּאַפּיראָסן. דאָס זענען געווען מחנות מיט שאַבראָווניקעס, וואָס האָבן זיך גע־לאָזט אויפן מאַרק כדי אָפּצולעקן אַ ביין.

אינעם וואָקזאַל האָבן מיר זיך ווי נישט ווי אַריינגעקריגן, אָבער צוצושלאָגן זיך צום שטייענדיקן צוג האָט אויסגעזען לגמרי אומ־מעגלאַך. און דערבײַ האָבן מיר ווייניק וואָס געהאָלפן מײַנע דער־פאַרונגען פון די סאָוויעטישע באַנען. די פענסטער זענען געווען פאַר־האַקט, אינווייניק זענען די אָפּטיילונגען נישט געווען באַלויכטן. אַריינבאַקומען האָט מען זיך געקאָנט בלויז דורך דער שמאָלער טיר, וואָס איז געווען באַלאַגערט פון מענטשן. צום גליק האָט מען צו דער באַן צוגעטשעפּעט אַ רייע לאַסט וואַגאָנען און בעת די מענטשלעכע מחנה האָט זיך אַ וויג געטון, כדי אײַנצונעמען אַ פּאָזיציע אין די דאָזיקע צוגעשטעלטע וואַגאָנען, האָבן מיר מיטן אויסערלעכן כח פון ארומיקן המון, אַריינבאַקומען זיך אינווייניק.

די באַן איז געפאָרן זייער פּאַוואָליע. די רייזע האָט געדויערט גאַנצע עלף שעה. מיר זענען סוף כל סוף אַראָפּגעשטיגן אויפן קולישער באַנהויף און האָבן געטראַכט, ווי אַזוי אָנצוקומען אין שטאָט אַריין. אָבער דאָ איז פאַר אונז אויסגעוואַקסן אַן אויסטערלישע און אומגלויבלאַכע זאַך: אַ יידישער בעל־עגלה מיט אַ פערד און וואָגן.

א יידישער בעל־עגלה!

מיר האָבן אויף אַ קורצן אויגנבליק פאַרגעסן, אין וואָס פּאַרא צייט מיר געפונען זיך. עס האָט זיך אונז פּשוט אַ מיש געגעבן אין קאָפּ. דאָס געשטאַלט פונעם ייד מיטן פערד און וועגעלע האָט דער־לאַנגט אַ שלאָג אין געזיכט מיט אַ בילד פון אַן אונטערגעגאַנגענער פאַרגאַנגענהייט, וואָס איז פּלוצלונג דאָ שטיין געבליבן אַזוי רעאַל! צי האָבן מיר אָבער נישט קיין טעות? איך האָב מיך צו אים דער־נענטערט:

— א יהודי?

ער האָט מיך אָפּגעמאָסטן מיט צוויי שמייכלדיקע אויגן:

— אוודאי. א ייד. נאָר וואָס דען? כ'זע דען אוים ווי א מערק?

— אָבער וואָס טוט איר דאָ?

— וואָס זאָל איך טון? איר זעט דאָך. איך שטיי מיטן פערד און וואָגן און איך פיר פּאַסאַזשירן.

ער האָט א קנאַק געטון מיט דער בייטש.

— איר פאָרט אין שטאָט אריין?

— יאָ, מיר זוכן טאַקע מיט וועמען צו פאָרן.

— יעצט דאַרפט איר שוין נישט זוכן. קריכט ארייַן אין וואָגן. איך פיר טאַקע פּאַסאַזשירן פון באַן־וואָקזאַל אין שטאָט אריין. וואַרט צו א רגע, ביז דער וואָגן וועט זיין פול.

לאַנג וואַרטן האָט מען נישט געדאַרפט. עס האָבן גענומען אריינ־קלעטערן אין וואָגן אריין גויים מיט גויעס, מייסטנטייל אָנגעלאָדענע מיט פּעק. דער ייד האָט זיי באַזעצט אויף ספּעציעל ארויפגעקלאַפּטע ברעטער. מיר האָט דער בעל־עגלה אָפּגעטרעטן אַן אָרט נעבן זיך און האָט מיר אויפן וועג דערציילט, אַז ער איז א געראַטעוועטער פון לאָדזשער געטאָ. ווי אַזוי ער האָט זיך געראַטעוועט, זאָל איך אים נישט פרעגן. ער אַליין ווייסט נישט, ווי אַזוי עס איז געשען. דער עיקר ער לעבט. און ער איז נישט דער איינציקער. עס זענען פאַראַן נאָך לעבן געבליבענע יידן.

דער וואָגן האָט זיך געקאָלערט איבערן וועג. פון צייט צו צייט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און עמיצער איז אויסגעשטיגן. ווען מיר זענען אָנגעקומען צו אים אין דער וווינונג — אויף נאַרוטאָוויטשאַ 12 — זענען מיר שוין געוועזן די איינציקע צוויי פּאַסאַזשירן. דער ייד האָט א צי געטון מיט די לייצן, האָט א זאָג געטון „טפּררר" צום פערד און איז מיט א פלינקן באַוועג אראָפּגעשפּרונגען אויף דר'ערד.

— שטייגט ארוים — האָט ער געזאָגט צו אונז — דאָ וווין איך.

אינווייניק אין א גרויסער און באַלויכטענער שטוב, האָבן מיר באַגעגנט עטלאָכע יידישע פאַמיליעס, אַלע געראַטעוועטע פון געטאָ. מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש און האָבן זיך גענומען אויס־גלייכן די ביינער נאָכן שטיינערדיקן וועג. זיין וווינונג איז באַשטאַנען פון דריי שטובן. איינע האָט פאַרנומען דער אייגנטימער פונם פערד־

און־וואָגן, דער בעל־עגלה טאַקע. דער נאָמען זיינער איז געווען קאַ־ליסקי. אַ צווייטע שטוב איז פאַרנומען געווען פון עטלעכע יידן, וואָס האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט פון געטאָ. אין אַ דריטער האָבן געוווינט געוועזענע פּאַרטיזאַנער.

דער בעל־הבית האָט אָנגעצונדן אַ בליץ־לאָמפּ, וואָס האָט באַ־לויכטן דאָס צימער מיט אַ גאָלדן ליכט. ארום טיש איז געזעסן אַ אויסטערליש געזעמל פון מענטשן, יעדער האָט געטראָגן אויף זיך אַן אמתדיקן קרייץ פון אדורכגעלעבטע טעג. מען האָט זיך אָנגעה־הויבן צו דערציילן פּרטים פון די איבערלעבונגען. כמעט יעדער האָט געהאַט איבערצוגעבן נישט בלויז טראַגישע, נאָר אויך קאָמישע סצע־נעס און די פאַרזאַמלטע ביים טיש זענען זייער אָפּט אויסגעבראָכן מיט אַ געלעכטער. מאָדנע! ביי יעדן פון די דאָזיקע מענטשן האָט געהערשט אַ קרענקלעכער דראַנג אויסצושיילן פון די פאַרגאַנגענע טעג דווקא די דאָזיקע קאָמישע פּרטים און אַלע ארום זענען געזעסן מיט אַ מאָדנער גרייטקייט אויפצונעמען די דאָזיקע פּרטים און מיט נאָך אַ גרעסערער לייכטקייט צו לאַכן. ווען עמיצער וואָלט פלוצלונג אריינגעקומען פון אן אנדערער ווירקלעכקייט און וואָלט דערזען די געזעלשאַפט, וואָס איז דאָ געזעסן אַזוי אינטים צוזאַמענגעבויגן און וואָס שלאָגט איבער יעדע פּאָר ווערטער מיט אַ געלעכטער־אויסברוך, וואָלט ער געמיינט, אַז דאָס איז די סאַמע זאָרגלאָזסטע געזעלשאַפט, וואָס האָט גאָר לייכטע געמיטער. אָבער אין דער אמתן איז יעדער דאָ געזעסן מיט אַ קאַלט שטיינערן האַרץ און דאָס לאַכן איז געווען אויסערלעך; נישט פאַרוואָרצלט אין געמיט, נאָר בלויז אַ דראַמאַ־טישער געקורטש פון די געזיכט מוסקולן און פון די שטים־בענדער.

קאַליסקי איז געזעסן אויבן אָן. ער איז געווען אַ קליינוווקסיקער, אַ דיקלעכער, מיט אַ פּאָר אומגעריכט־בלויע און קינדערישע אויגן. פאַרן קריג האָט ער געהאַט אַ געוועלב מיט קאַפּ־טיכער און אַ פרוי מיט צוויי קינדער. די פרוי מיט די קינדער זענען אוועקגעפאָרן מיט יאָרן צוריק קיין ישראל און קאַליסקי דערמאָנט זיי גאָר וויינים. איצט האָט ער אן אנדערע פרוי, איינע, וואָס האָט זיך געראַטעוועט פון געטאָ. ער איז בכלל זייער אַ באַרעדעוודיקער, אָבער איז זיינע גע־

דיכטע רייד פּלעגט ער זעלטן אריין א וואָרט וועגן זיך אליין. פּונ־דעסטוועגן באַקומט זיך פון די דאָזיקע האַלבע ווערטער די גאַנצע געשיכטע זיינע. זיין ערשטע פרוי האָט אים פאַרלאָזט נאָך פאַרן קריג צוליב דעם, וואָס ער האָט געהאַט אין דער שטאָט א געליבטע און די דאָזיקע געליבטע איז טאַקע דאָס זעלבע מיידל וואָס איז איצט זיין צווייטע פרוי. קאַליסקי דערציילט אונז, אַז לאָדזש איז איינע פון די געציילטע שטעט אין פוילן ווו דער יידישער קווארטל איז נישט צושטערט געוואָרן דורך די דייטשן.

— די חורבות, וואָס איר האָט געזען, בעת מיר זענען אדורכגע־פאָרן — זאָגט ער — זענען טאַקע די איבערבלייבענישן פונם געטאָ. אָבער נישט די דייטשן האָבן עס געטון, נאָר די פּאָליאַקן. זיי האָבן געוואָרט, ביז די דייטשן זענען אוועק און דערנאָך האָבן זיי זיך גע־וואָרפן אויף די פוסטע יידישע הייזער מיט אייזערנע קעלניעס און מיט לאָפּאַטעס. זיי האָבן דאָ געהאָפט צו געפונען באַהאַלטענע אוצ־רות. זיי האָבן געהאָפט צו ווערן יורשים פון זייערע שכנים, וועלכע זיי האָבן געהאָלפן אויסמאָרדן. א חוץ קאַליסקין געפונען זיך דאָ צוויי יינגע מענטשן. א ברודער מיט א שוועסטער און עטלאַכע מיטל־יעריקע יידן. צווישן די פּאַרטיזאַנער געפינט זיך א ביאַליסטאָקער פרוי ריווע מיט אירם א פינף־יעריקן זון וועלכן זי האָט אָפּגעראַ־טעוועט אין וואַלד. דאָס יינגעלע האָט א פּאָר לעבעדיקע בלויע איי־געלאַך. דאָס איז איינס פון די איינציקע לעבעדיקע יידישע קינדער־לאַך, וואָס כ'האָב ביז איצט געזען אויף דער פוילישער ערד. דער דער קליינטשיקער איז זייער קלוג און האָט אויף אַלץ א שאַרפן ענט־פער. אָבער דאָס איז נישט קיין קינדערישע חכמה נאָר א מאָדנע דער־וואַקסנקייט, וואָס מאַכט טרויעריק. ריווע דערציילט וועגן אירע פּאַר־טיזאַנער טעג. צום ערשטן מאָל הערן מיר פון איר מויל, אַז יידן אין די וועלדער האָבן מורא געהאַט נישט בלויז פאַר דייטשע אַבלאַ־וועס און פאַר פוילישע באַנדיטן, נאָר אויך פאַר רוסישע פּאַרטיזאַ־נער. נישט איין ייד איז אומגעקומען פון דער האַנט פון א סאָוועט־טישן פּאַרטיזאַנער, וועלכער האָט אויך געפונען א הנאה אין מאָרדן יידן.

עטלעכע פּערזאָן ביים טיש קאָנען דאָס נישט הערן. זיי זאָגן, אַז נאָכדעם וואָס די דייטשן האָבן דאָ געטון מיטן יידישן פֿאָלק, דאַרף מען נישט רעדן אויף די רוסן.

ריווע שמייכלט טרויעריק. זי זאָגט גאָרנישט. זי וויל זיי נישט אויפרייצן אין זייער ווייטיק. אויך איך וואָלט געקאָנט דערציילן וועגן מעשים פון די רוסן, וועגן יידישע פּאַרשיקטע, וועגן יידישע ביינער אין די לאַגערן פון קאָלימאַ, פון סטאַראָביעלסק, וועגן יידישע פאַרפּייניקטע גופים אין די הונדערטער וויסטע קאַטאָרגעס. פֿאַרוואָס יענע אַלע אומזיניקע טויטן? דער דייטש איז געווען אַ מערדער, אָבער די רוסן זענען דאָך געווען „באַפרייער"?. אָבער אויך איך שווייג. עס דערציילן אַנדערע וועגן געטאָ אין לאָדזש, וועגן סעלעקציעס, וועגן אַקציעס, וועגן בונקערס. אויך דאָ האָט זיך איבערגע־הזר'ט דאָס זעלבע, ווי ערגעץ אַנדערש. דאָס פֿאָלק איז אוועקגעפּירט געוואָרן אין די שעכט-הייזער. פאַרבליבן זענען בלויז איינציקע גע־ראַטעוועטע בלויז על פי צופאַל, וואָס קאָן נישט באַנומען ווערן מיטן שכל.

די בליץ לאָמפּ הויבט אָן צו שיינען מיט אַ טונקעלער שיין. נישטאָ געגנוג נאָפט, כדי אָנצוזייגן די קנוים. אַ שוואַרצע פּאַסמע מיט רויך נעמט צודעקן דאָס גלעזערנע שיינדל מיט אַ מאַטן נעפּל. דאָס איז אַ גלייכצייטיקער אָנזאָג, אַז די נאַכט איז אריין אין די טיפּע שעהן און רירט שוין אָן די שעהן פון פרימאָרגן. מיר נעבעטיקן איבער ביים גאַסטפריינטלעכן ייד קאַליסקי.

# קאַפּיטל דריי

לאָדזש איז אַ לעבעדיקער און אַ קאַכעדיקער אינדזל אין די אַרו־מיקע פעלדער פון וויסטעניש. עס איז פאַראַן דאָ אַ יידישער קאָמי־טעט, אַרום וועלכן — אַזוי ווי אַרום אַן אַקס — עס באַוועגן זיך אַ צוויי טויזנט לעבעדיק־געבליבענע יידן. אויף די טירן פון קאָמיטעט זענען אויפגעקלאַפּט ליסטעס מיט נעמען פון געראַטעוועטע יידן. פון יידן, וואָס זענען נישט אונטערגעגאַנגען אינם תהום פון חורבן. אונ־זערע ערשטע שעהן אין לאָדזש פאַרברענגען מיר צוגעשמידטע צו די דאָזיקע ליסטעס. מיר לייענען זיי נישט — נאָר נעמען יעדן נאָמען צווישן די ציין, ווי אַ לעבעדיקע זשאַרנע. מיר זוכן אין יעדן נאָמען אַ שמץ פון אַ באַקאַנטן קלאַנג. פאַראַן דאָ נעמען פון יידן, וואָס האָבן זיך רעגיסטרירט דירעקט אין קאָמיטעט, פאַראַן אויך ליסטעס פון יידן, וואָס זענען באַפרייט געוואָרן דורך אַמעריקאַנער און וועמענס נעמען ס׳זענען דאָ צוגעשיקט געוואָרן פון מערב־דייטשלאַנד און פון עסטרייך. די ליסטעס זענען כאַאָטישע און קאָמפּליצירטע. אַ סך נעמען זענען בלי ספק פאַרדרייטע, ווייל ס׳זענען נישט מעגלעך אַזעלכע נעמען אַן שום באַדייטונג. אַנדערע נעמען חזרן זיך איבער צו עטלעכע מאָל. דאָס האָבן יידן זיך רעגיסטרירט צו עטלעכע מאָל אין פאַרשידענע שטעט און לאַגערן און פיגורירן דאָ ווי עטלעכע פּערזאָן.

מיר לייענען יעדן נאָמען באַזונדער האַלב־פּליסטערדיק, צי ער רופט אַרויס עפּעס אַ דערמאָנונג. ניין! נישטאָ קיין איין נאָנטער אויף די דאָזיקע צעטלען פון לעבן. אָבער די האָפענונג טאָר מען נישט פאַרלירן. כמעט יעדן טאָג — פליסן דאָ איין פרישע נעמען און יעדן טאָג שטייען מיר דאָ צוזאַמען מיט הונדערטער אַנדערע און

זוכן אין די פריש־ארויסגעהאָנגענע נעמען. לאָדוש איז דער צוציר־אונג פּונקט פאַר יידישע געראַטעוועטע. עס קומען דאָ אָן יידישע לעבן־געבליבענע פון טויט־לאַגערן. זיי זעען אויס ווי גראָטעסק־געשטאַלטן מיט זייערע שקעלעטן־פיגורן אין די ברייטע מלבושים פון קאָמיטעט.

זיי דערציילן אימהדיקע געשיכטעס. נישט בלויז פון די לאַגערן, נאָר אויך פון דער באַפרייאונג גופא. זיי זענען באַפרייט געוואָרן דורך דער רויטער ארמיי. נישט קוקנדיק אויף זייער קלאָגעדיקן אויס־זען האָבן די סאָוויעטן א טייל פון זיי גלייך איינגעשפּאַנט צו פאַר־שידענע שווערע ארבעטן. זיי — די קאַצעטלער פון די נאַצי־לאַ־גערן! און מען דערציילט נאָך מער. אז ווי איז געווען צו יידישע פרויען פון די קאַצעטן, וואָס זענען באַפרייט געוואָרן דורך די רויט־אַרמייצעס! די רוסן האָבן פיל פון די פרויען פאַרגוואַלטיקט און דאַן זיי איינגעשפּאַנט צו דער ארבעט. עס געפינט זיך דאָ א יידישער מאַן, וועמענס פרוי איז פאַרגוואַלטיקט געוואָרן אין זיינע אויגן. ער האָט געפּרווט נישט דערלאָזן דערצו, אָבער ער איז דערפאַר בלו־טיק געוואָרן צושלאָגן.

די דאָזיקע געשיכטעס דערציילט מען זיך אָבער בלויז אויפן אויער. נישט בלויז דערפאַר, ווייל דער רוס איז דאָ איצט דער ניי־ער הערשער, ווייל מען האָט מורא באשטראָפט צו ווערן פאַר באַפלעקן דעם נאָמען פון די באַפרייער. מען טרעפט אויך אָן אפילו אויף פיינטלעכע אויערן! א טייל יידן ווילן דערין נישט גלויבן. און זיי ווילן עס אויך נישט הערן. וואָס פאַר א באַדייטונג האָט עפּעס א צו־פעליקער אויסברוך פון א רוסישן סאָלדאַט לגבי די מיליאָנען־מאָרדן פון די נאַציס? עס איז גוט צו וויסן, אז מען האָט א באַפרייער, א גואל, ווייל מען נישט דערלאָזן אז די דאָזיקע טרייסט זאָל פּלאַצן.

קיין לאָדוש קומען אָן וואָס א מאָל מער יידן. דער קאָמיטעט הייבט אָן צו אַרבעטן מיט מער פּינקטלעכקייט, יידן הויבן זיך אָן צו פאַרבינדן מיט קרובים פון דער גאָרער וועלט. די ערשטע בריוו פון די ווייטע, אָפטמאָל אומבאַקאַנטע קרובים, עפנען קוואַלן מיט טרערן. דער נוסח איז במעט אומעטום דער זעלבער. „דו ביזט איצט

דער איינציקער, וואָס איז מיר פאַרבליבן פון מיין גאַנצער משפחה. איך וועל טוען אַלץ אין דער וועלט, אַז פון איצט אָן זאָלסטו אין דיין לעבן גישט ווּיסן מער פון קיין צער". עס הויבן אָן אריינצוקו־מען פּאַקעטן, געלט־שיקונגען, וויזעס, שיפס־קאַרטן.

נישט אַלע האָבן קרובים אין דער ברייטער וועלט. לאָזן זיך אַ סך אין וועג אריין אויף אייגענעם באַראַט. צום ערשט אויף מערב קיין דייטשלאַנד און פון דאָרט ווייטער. איבער מדינות, איבער ימען. מען וויל אַוועק וואָס ווייטער. נישט באַטרעטן מער מיט די פּיס די ערד, וואָס יעדער צענטימעטער איז אויסגעווייקט אין יידיש בלוט. אַנדערע קלאַמערן זיך אויפן אָרט. לאָדזש איז געוואָרן אַ גרוי־סער יידישער ישוב. שוין פאַראַן דאָ 20 טויזנט יידן. איז וווּ וועט מען ווידער זיך שלעפּן איבער דער וועלט? מען איז מיד. מען איז אויסגעשעפּט. מען האָט ווייניק גלויבן, אַז ס׳קאָן זיין בעסער. מען האָט קליינע האָפענונגען אויף בעסערס.

דעם 9־טן מאַי ברענגט אויס די ידיעה, אַז די דייטשן האָבן קאַ־פּיטולירט. היטלער איז פאַרברענט געוואָרן, געבעלס האָט זיך געסמט, גערינג איז געפאַנגען. גוטע ידיעות, פריילעכע ידיעות. אָבער צוגלייך מיט די דאָזיקע ליבטיקע נייעסן, קומען אויך אָן פינצטערע, ווייל אַזוי איז שוין דער יידישער גורל. נישט פאַראַן קיין שמחה אָן טרויער, נישטאָ קיין שמייכל אָן טרערן.

פון פאַרשידענע טיילן פון באַפרייטן פוילן האָבן אָנגעהויבן אָנ־צוקומען בשורות וועגן פּריש־געמאָרדעטע יידן.

אויך פאַרן קריג האָבן די פּאָליאַקן נישט געזינדיקט מיט קיין יידן־ליבע. די 5 יאָר דייטשע אָקופּאַציע מיט די מאַסן־רציחות האָבן זיי געלערנט, אַז אַ ייד קאָן מען נישט בלויז שלאָגן, מען קאָן אים אויך אומבאַשטראָפט מאָרדן.

דאָס אָפּטרעטן פון די דייטשן האָט ביי די דאָזיקע פּאָליאַקן קיין סך נישט געענדערט. דייטשע הערשאַפט צי רוסישע אָדער פּוילישע הערשאַפט — זייער באַציאונג צו יידן איז געבליבן די זעלבע. דע־ריבער, ווען עס האָבן אָנגעהויבן ארויסצוקומען איינצלנע יידן פון די באַהעלטענישן אָדער פון די לאַגערן זענען אַ סך פון זיי געפאַלן

קרבנות פון פוילישע מעסערס אָדער קוילן. און געמאָרדעט האָבן נישט בלויז די „יינגלאך פון וואלד" אָדער אנדערע פאַרשידענע באַנ־דעס, נאָר אפילו די נעכטיקע שכנים, וואָס האָבן אינם צוריקגעקו־מענעם ייד דערזען א פּאָטענציעלן מאָגער פון די דורך זיי צוגערא־בירטע יידישע פאַרמעגנס.

די דאָזיקע אַנטי־יידישע כוואַליע האָט זיך נאָך מער צעוואַקסן, ווען עס האָבן אויך גענומען אומקערן זיך יידן פון רוסלאַנד. יעדער ייד איז זיי געווען גרויס אין די אויגן. די פּראַקטיק פון מאָרדעווען יידן איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זיי זענען פאַרגעקומען נישט בלויז אין פאַרוואָרפענע שטעטלאך, נאָר זיי האָבן אויך דערגרייכט דאָס סאַמע לאָדזש. א געוויסן טאָג האָט מען נישט ווייט פון דער זאַ־וואַדזקע גאַס אומגעבראַכט צוויי יידישע דורכגייער.

מיר האָבן די גאַנצע צייט געוווינט ביים זעלבן קאַליסקי אין דער דירה. די באַדינגונגען זענען געווען שווערע. נישט בלויז ווייל מיר האָבן גענעכטיקט אויף דער פּאָדלאָגע, נאָר צוליבן כסדרדיקן אָנגע־לויף פון מענטשן. דער שטח אויף דער פּאָדלאָגע איז געוואָרן וואָס אַמאָל קלענער. קאַליסקיס פּראָפעסיע פון פירן פּאַסאַזשירן האָט אים יעדעס מאָל טאַקע געגעבן א געלעגנהייט צו ווערן אַן אָפּטער מכניס אורח. א גוטער איז ער געווען, האָט ער נישט געקאָנט אָפּזאָגן א ייד, וועלכער האָט נישט געהאַט וווּ צו נעכטיקן. די צאָל איינוווינער איז דעריבער געוואַקסן. צו באַקומען אַן אַנדערע דירה איז אין יענע צייטן געווען א נישט־דערגרייכבאַרער חלום. אַלע וווינונגען פון די אַנטלאָפענע דייטשן זענען גלייך פאַרנומען געוואָרן פאַרן נייעם מלכות און דורך פלינקע שאַבראַוניקעס. די טויזנטער דירות, וואָס זענען פאַרבליבן נאָך די אויסגעהרגעטע יידן זענען געווען באַזעצט דורך פּאָליאַקן און ווען עס איז אַפילו צוריקגעקומען דער אַמאָליקער לעבעדיק־געבליבענער איינוווינער, האָט ער אויך נישט געהאַט צו וועמען צו רעדן. עס האָט דעמאָלט געהערשט דאָס געזעץ פון „געשע־ענעם פאַקט". ווער עס האָט פאַרכאַפּט — האָט פאַרכאַפּט און ווער עס איז געבליבן פון אויסנווייניק האָט זיך טאַקע געראַנגלט מיט אוממענטשלעכע שוועריקייטן.

# קאַפּיטל פיר

אין די דאָזיקע צייטן איז געשען איינס פון די גרעסטע גליקן אין מיין לעבן — עמיצער איז אַ געוויסן טאָג געקומען צו מיר צו לויפן און האָט מיר איבערגעגעבן, אַז אויף אַ נײַ־אויסגעהאַנגענער ליסטע אין יידישן קאָמיטעט געפינען זיך די נעמען פון מיינס אַ ברודער און אַ שוועסטער. איך בין אַוועקגעלאָפן אין איין אָטעם צום קאָמיטעט. יאָ! שוואַרץ אויף ווייס, זענען דאָ געווען אויסגערעכנט זייערע נעמען און דער נאָמען פון זייער אָפּשטאַם — שטאָט וויעזש־בניק.

מיין ברודער איז באַפרייט געוואָרן דורך דער אַמעריקאַנער אַר־מיי און מיין שוועסטער דורך די ענגלענדער. אַלץ שטימט און די אויסגעהאַנגענע ליסטע איז נישט קיין חלום. נישט געווען דעמאָלט קיין סך, וואָס האָבן זיך געקאָנט צוגלייכן צו מיין גליק. איך האָב דעם טאָג פאַרבראַכט אַליין. כ'האָב דאָס גליק מיינס אויפגענומען אין איינזאַמקייט און שוויגן, פּונקט ווי כ'האָב פריער אויפגענומען אין אָפּגעזונדערטקייט די טעג פון טרויער. מיין ערשטער געדאַנק איז געווען זיך גלייך צו פאַרבינדן נישט בלויז דורך אַ בריוו, נאָר אַראָפּנעמען זיי צו מיר קיין לאָדזש. און דאָ האָט מיר באַלד גענו־מען טריקענען דער קאָפּ: ווו אָרדנט מען זיי איין, אויב מיר אַליין שלאָפן אויף אַ פּאָדלאָגע?

מאַטעריעל האָט מיר אין דער דאָזיקער צייט אָנגעהויבן גיין בע־סער. כ'האָב באַגעגנט אויף דער גאַס אַ הויכן פּוילישן אָפיציר, מיט וועלכן כ'האָב מיך צונויפגעטראָפן אויף מיינע רוסישע פאַרשיקונ־גען. מיר האָבן צוזאַמען אַמאָל זיך ארויסגעגנבעט פון אַ רוסישן לאַגער און די וועגן אונזערע זענען זיך צעגאַנגען. איך האָב דעמאָלט

אָנגעהויבן אַ גלגול פון נייע לאַגערן און פון נייע תּפיסות, ער דאַ־
קעגן ער איז מגולגל געוואָרן קיין מערב — צוריק קיין פּוילן, צו זיין
שטאָט לעמבערג. איצט האָט ער זיך געפונען אין לאָדזש, ווו ר׳האָט
פאַרנומען אַ וויכטיקע מלוכהשע שטעלע און האָט געהאַט גרויסע
פאַרבינדונגען. ער האָט מיך געפרעגט, וואָס אַזוינס ער וואָלט געקאָנט
פאַר מיר טוען, וואָס כ׳בין פון פאַך. כ׳האָב מיך דערמאָנט מיינע
טעג אין דער סאָוויעטישער שטאָט אָמסק ווו כ׳האָב געאַרבעט אין
אַ לעדער גאַרבעריי. כ׳האָב אים געזאָגט, אַז כ׳בין אַ גאַרבער און עס
האָט לאַנג נישט געדויערט און ער האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר אַ
באַאַמטן פון לאָדזשער מיניסטעריום פון רויע פעל.

אין פאַרשידענע שטעט זענען אין דער דאָזיקער צייט געשאַפן
געוואָרן אַזעלכע אויסקויף־צענטערס פון פעל. די פעל־לאַגערן זענען
דאַן אָפּגעשיקט געוואָרן אין הויפּט־פּונקט קיין ווראָצלאַוו, און פון
דאָרט זענען זיי פונאַנדערגעשיקט געוואָרן איבער די גאַרבערייען,
ווו מען האָט זיי איבערגעאַרבעט אויף פאַרטיקע לעדער. אַרום די
דאָזיקע פעל־צענטערן האָט זיך געשאַפן אַ ברייט־פאַרצווייגטער
שוואַרצער מאַרק. לעדער איז געווען אייגער פון די פּראָדוקטן, וואָס
איז געווען זייער שווער צו באַקומען, האָבן פאַרשידענע פּריוואַטע
גאַרבערס אויפגעקויפט אויף „שוואַרץ" פּאַרטיעס מיט רויע פעל, און
זיי אויסגעאַרבעט אין די היימען אין פּרימיטיווע „שעפּלעך" און
האָבן שפּעטער פאַרקויפט די לעדער ווידעראַמאָל אויפן שוואַרצן
מאַרק. פאַר דער דאָזיקער אַרבעט האָבן געדראָט גרויסע שטראָפן.

מיין פונקציע אין מיניסטעריום פאַר רויע פעל איז באַשטאַנען
אין אַרומפאָרן איבער שטעט און שטעטלאַך און אויפקויפן די רויע
סחורות. קיין לייכטע אַרבעט איז עס נישט געווען. און אויך נישט
קיין זיכערע. די לאַגע אין פּוילן איז נאָך געווען אַ נישט נאָרמאַלי־
זירטע. פאַקטיש האָט די מלחמה זיך געענדיקט, אָבער די פונאַנ־
דערגעוויגטע אַטמאָספער פון מאָרד, פון רויב און פון פּלינדער האָט
נאָך אַלץ נישט אויפגעהערט. די וועגן זענען געווען אָנגעשטעקט
מיט גזלנים. אָבער די הויפּט־געפאַר האָט געדראָט די יידן. פּוילישע
באַנדעס פלעגן אָפּשטעלן פאָרנדיקע אויטאָס און אַפילו גאַנצע צוגן,

און אַרויסנעמען פֿון דאָרט די יידישע פּאַסאַזשירן און זיי דערשיסן. דער טויט האָט געלויערט פון הינטער יעדן בוים, פון הינטער יעדן פּאַרקן.

א חוץ דעם איז דאָס פאָרן בכלל געווען א מאַטערניש. די צוגן זענען באַשטאַנען אין גרעסטן טייל פון לאַסט־וואַגאָנען, ווו עס איז נישט געווען פון די לייכטע זאַכן זיך אַריינצובאַקומען, ווייל זיי זענען געווען אָנגעשטאָפּט מיט שאַבראַווניקעס. אין די טויזנטער האָבן זיי אַרומגערייזט איבערן לאַנד און האָבן געזוכט אויף וואָס מער רויב אַרויפצולייגן די הענט זייערע און צו פאַרוואַנדלען אין ספּעקולאַציע. אַממייסטן זענען זיי געפאָרן אין די אַמאָליקע דייטשע געביטן, ווו עס האָט נישט געפעלט וואָס צו ראַבירן. אָבער א גרויסער טייל פון די דאָזיקע זאַכן, וואָס מען האָט „געשאַברעוועט" ביי די דייטשן זענען אין דער אמתן געווען זאַכן, וואָס די נאַציס האָבן צוגערויבט ביי זייערע יידישע קרבנות.

די פּאָליאַקן זענען געפאָרן אהינצו — אויף מערב — מיט ליידיקע הענט, אָבער צוריק — אין מזרח פוילן — זענען זיי געפאָרן מיט פולע וואַליזעס און גאַנצע וואַגאָנען מיט קאַסטנס און מיט מעבל, די בנימער פון די דאָזיקע הענדלער האָבן עדות געזאָגט, אַז נישט שטענדיק זענען זיי געווען פאַרטון מיט אַזעלכע גרויסע געשעפטן.

מייסטנטייל זענען דאָס געווען פּויערים און קליינע באַאַמטע אָדער סתם פאַרשידענע לומפּן פֿון דער אונטערוועלט. זיי זענען אַלע געגאַנגען עלעגאַנט געקליידעט, אין שווערע פוטערס, מיט שוואַרצע קאַפּעליושן אויף די קעפּ. זיי האָבן זיך נישט גוט געפילט אין די דאָזיקע אַריסטאָקראַטישע מלבושים, זיי זענען נאָך נישט געווען צוגעוווינט צום דאָזיקן ווילטאָג. אָבער זיי האָבן געהאַט קעשענעס אויסגעשטאָפּטע מיט געלט. דאָס זענען געווען די אַמתדיקע שאַקאַלן, וואָס באַווייזן זיך שטענדיק אויף פעלדער פון אומגליק.

דאָס, וואָס די פּאָליאַקן האָבן געטון אונטערן נאָמען פון „שאַבער", האָבן די רוסן געטון אונטערן שענערן נאָמען פון „קאָנטריבוציע". איבער די שינעס האָבן זיך געקאָלערט ריזעדיקע צוגער מיט לאַסט־וואַגאָנען אָנגעפּראָפּטע מיט מאַשינען, מיט מעבל, מיט

בעטגעוואַנט, מיט פֿאַרשידנסטע אַרטיקלען און סחורות. די דאָ-זיקע צוגן זענען געגאַנגען דירעקט קיין רוסלאַנד. אין די פֿריש־פֿאַר־נומענע געביטן האָבן געאַרבעט רוסישע בריגאַדעס ביים פֿונאַנדער־נעמען פֿאַבריקן מיט וואַרשטאַטן. מען האָט אַפילו פֿונאַנדערגענומען באַן־שינעס. דאָס אַלץ, איז אין גרויס אָרדנונג אַריינגעוואָרפֿן געוואָרן אין די מיט רוסן באַוואַכטע וואַגאָנען, וואָס האָבן אַוועקגע־פֿירט די אַלע סחורות קיין רוסלאַנד.

אָבער די באַנען זענען געווען אָנגעפּילט נישט בלויז מיט ספּעק־קולאַנטן און „קאָנטריבוציע״־נעמער. צו די דייטשע געביטן האָבן געצויגן צענדליקער טויזנטער מענטשן, וואָס די מלחמה האָט צע־שטערט זייער האָב און גוטס און האָט זיי אַרויסגעטריבן פֿון זייערע היימען. הונדערטער חרובע דערפֿער זענען געוואָרן אומבאַוווינבאַר. אין צענדליקער שטעט זענען געשטאַנען גאַנצע קוואַרטאַלן אַדורך און אַדורך פֿאַרברענטע און צעשטערטע. טויזנטער מענטשן האָבן זיך איינגעאָרדנט אין קעלערס פֿון פֿאַרברענטע הייזער, אין פּרימיטיווע אויפֿגעקלאַפּטע באַראַקן. איצט — אַז מען האָט געהערט וועגן די נאָך־דייטשע באַפֿרייטע געביטן, וווּ עס וואַרטן אויף יעדן איינעם גאַנצע הייזער מיט איינריכטונגען און פֿויערישע פֿאַרמעס מיט אַ גרייטן טויטן און לעבעדיקן איגווענטאַר, האָבן זיך די אַלע היימלאָזע געלאָזט אין וועג אַריין.

אין די געוועזענע דייטשע שטעט און דערפֿער זענען טאַקע גע-שטאַנען טויזנטער ליידיקע דירות, פֿון וועלכע די דייטשן זענען באַ־צייטנס אַנטלאָפֿן. און אויב זיי זענען נישט אַנטלאָפֿן, האָט מען זיי איצט צוגעהאָלפֿן עוקר צו זיין... אין דער צייט פֿון מיין אַרומפּאָרן איבער די שטעטלאַך, ווי איך האָב געזאַמלט די רויע פֿעל, האָט מיין פֿרוי דערווייל אויסגענוצט אַלע מעגלעכקייטן צו באַקומען אַ דירה. אין לאָדזש האָט זיך דערווייל געשאַפֿן אַ דירה־אַמט וואָס האָט זיך פֿאַרנומען מיט רעגולירן דעם דאָזיקן ענין. און וואָס צו רעגולירן איז דאָך פֿאַראַן געווען.

עס זענען געווען מענטשן, וועמען עס איז געלונגען צו פֿאַרכאַפּן גרויסע דירות און אָפּטמאָל אַפילו צו עטלאַכע, מיט וועלכע זיי האָבן

געטון כל־ערליי ספּעקולאַציעס. דאַקעגן זענען אין דער זעלבער צייט געווען טויזנטער, וואָס האָבן בכלל נישט געהאַט ווו דעם קאָפּ אַוועק־צולייגן. דער דאָזיקער וווינונג־אַמט האָט געפּרוווט צו האַנדלען אין אַממייסטן דרינגנדיקע פאַלן, און אַזעלכע דרינגנדיקע פאַלן זענען געווען אין די הונדערטער. כדי אָבער צו פּועלן, אַז דער וווינונג־אַמט זאָל טאַקע עפּעס טוען ממשותדיקס, האָט מען געדאַרפט האָבן דאָס געדולד פון א טשערעפּאַכע. מען האָט פּשוט געדאַרפט באַטראַכטן דאָס זוכן די דירה ווי א פּולן פּאָסטן — ווי א פּאָסטן, וואָס פאַר־נעמט דעם גאַנצן טאָג פון דער פרי ביז ביינאַכט. און מחוץ דעם האָט מען געדאַרפט באַטראַכטן עס ווי א פּאָסטן אויף עטלאַכע וואָכן אָדער חדשים.

אונזער לאַגע (מיין פרוי איז געווען דעמאָלט אין אַנדערע אומ־שטענדן) האָט פאַרלאַנגט, אַז מיין פרוי זאָל אויף זיך נעמען דעם עול פון דאָזיקן „פּאָסטן". זי האָט אָנגעהויבן ממש צו וווינען אין דאָזיקן וווינונגס־אַמט. און דער רעזולטאַט איז געווען אַז דאָס דאָ־זיקע געדולד האָט טאַקע געברענגט פּרוכטן. אָבער לְמען האמת דאַרף געזאָגט ווערן, אַז די דאָזיקע פּרוכטן זענען נישט געוואַקסן בלויז אויפן בוים פון געדולד, נאָר אויך אויפן בוים פון... פּראָ־טעקציע. ווייל מיר האָבן אין צווישנצייט באַקענט דעם לאָדזשער שטאָט־פּראָקוראָר און יענעמס א זאָג האָט פאַרשנעלערט די האַנ־דלונג פון די באַאַמטע. עס האָט לאַנג נישט געדויערט, און מען האָט אונז צוגעטיילט א הערלעכע וווינונג. איינגאַנצן אן אַנדערע, ווי עס האָבן באַקומען די, וואָס עס האָבן נישט געהאַט קיין קאָנטשאַפט מיט פּראָקוראָרן...

דעם זעלבן טאָג, ווען מיר האָבן זיך געדאַרפט איבערציען אין דער נייער דירה, האָבן מיר געהאַט אן אומגעריכטע וויזיט. עס איז געקומען צו אונז א יינגע און אומבאַקאַנטע דאַמע. זי איז אריינ־געקומען נישט דרייסט, האָט זיך נאָך מער נישט דרייסט באַגריסט און אויף אונזער פראַגע וועגן צוועק פון איר וויזיט האָט זי געזאָגט, אַז זי איז געקומען אין שייכות מיט אונזער צוגעטיילטער וווינונג. די וווינונג, אין וועלכער מיר קלויבן זיך אריינצוציען איז איר פריי־

ער צוגעזאָגט געוואָרן. זי האָט זיך דאָרטן געזאָלט אריינציען מיט איר מאַן — א פּאָלקאָווניק פון דער פּוילישער ארמיי. אָבער אין לעצטן מאָמענט האָט מען איר מודיע געווען, אז די דירה־צוטיילונג איז צו־ריק־גענצויגן געוואָרן. אז זי דאַרף ווייטער וואַרטן. האָט זי זיך דער־וואוסט, ווער עס איז געווען די אומדירעקטע סיבה דערפון און זי איז טאַקע געקומען צו אונז, מען זאָל איר טון די געפעליקייט און זיך נישט אריינציען אין דער צוגעטיילטער וווינונג. זי האָט חערביי דערציילט, אז זי געפינט זיך אין א שווערער לאַגע. אין דער דירה ווו זי וווינט איצט, קאָן זי לענגער נישט פאַרבלייבן, ווייל עס קו־מען דאָרט צוריק די פריערדיקע באַלעבאַטים. זי קוקט אויף אונז מיט פריענגעדיקע אויגן: צי וועלן מיר איר טון די טובה?

די טובה איז אָבער נישט אַבי־וואָס. ערשטנס איז עס א דירה — וואָס איז ממש א לאָטעריע־געווינס. און צווייטנס — מיין פרוים אומשטענדן. אויב אָבער איך האָב געהאַט מיינע וואַקלונגען, וואָס מען דאַרף טון, האָט אָבער מיין פרוי זיך זייער שנעל אַנטשידן. פאַרשטייט זיך, אז מיר וועלן עס איר אָפּטרעטן. יענע קאָן דאָך נישט בלייבן דאָרט, ווו זיי געפינען זיך איצט, וועט זי דאָך נישט גיין, מיט איר מאַן וווינען אויף דער גאַס.

איך בין נישט געווען געניגט אזוי שנעל צו האַנדלען, אָבער די ביינער זענען שוין געווען געוואָרפן... א הויז דעם האָט די פרוי מיי־נע שטאַרק צוטרוי געהאַט צום כח פון פּראָקוראָר.

און איר צוטרוי איז טאַקע געווען א באַגרינדעטער. עס איז נישט אריבער א וואָך און מיר האָבן באַקומען א צעטל פון וווינונגס־אַמט אויף א נייע דירה. דאָס מאָל איז עס נישט קיין דירה — נאָר אַן אמתדיקער חלום, ארויסגענומען פון א פילם פון האָליוווד. —

און נישט בחנם איז עס געווען אזא לוקסוס־וווינונג. עס האָט דאָרט געוווינט פריער א פּאָרל, א פאָלקס־דויטש פון דער נ.ס.ד.א.פּ. מיט זיינס א פּוילישע געליבטע. די גאַנצע דירה איז געווען איינגע־ריכטעט פון רויב, פון אַנגעראַבירטע זאַכן.

ווען מיר זענען אריבערגעטרעטן די שוועל פון דער וווינונג, האָבן מיר געפונען אויפן טיש א קאַרטע פון דער היטלער־פּאַרטיי.

דאָס איז געווען די וויזיט־קאַרטע פונם באַנדיט, וואָס האָט דאָ געוווינט.

פּלוצלונג האָבן מיר באַמערקט ווי עפּעס האָט זיך אַ ריר געטון הינטער די גאַרדינען. די באַוועגונג איז געווען אַ פּאַרזיכטיקע, איך בין שנעל צוגעלאָפן און האָב אַ צי געגעבן ביים פּאַרהאַנג. צו אונזער גרויסער שטוינונג האָבן מיר דאָרט דערזען אַ יונגע פרוי.

זי איז געשטאַנען אַ קעגן אונז אַ פּאַרלוירענע און אַ דערשראָ־קענע און האָט נישט גערעדט קיין וואָרט.

— ווער זענט איר? — האָב איך איר געפרעגט — וואָס טוט איר דאָ?

— איך בין די פריערדיקע אייגנטימערין פון דער דירה — האָט זי געזאָגט ציטערנדיק פאַר נערוועזיטעט — איך האָב דאָ געוווינט פריער.

אהאַ! דאָס איז זי, הייסט עס געווען בכבודה ובעצמה, די גע־ליבטע פון דעם היטלעריסט.

— וואָס טוט איר דאָ? איר האָט דאָך באַקומען אַ באַפעל זיך אַרויסצוציען! ווי אַזוי האָט איר אייך דאָ אַריינבאַקומען?

ערשט איצט האָבן מיר דערזען, אַז זי האָט געהאַט לעבן זיך ליגן אַ פּאַק מיט מלבושים. ווייזט אויס, אַז זי האָט געהאַט טאָפּלטע שליסלען צו דער דירה און זי האָט זיך דאָ פון צייט צו צייט אַריינ־באַקומען און האָט אַרויסגעטראָגן די זאַכן.

דער ערשטער געדאַנק וואָס איז מיר איינגעפאַלן, איז געווען צו ווסן צו געבן די פּאָליציי. אָבער מיר האָבן באַשלאָסן נישט צו באַנייען די דירה מיט אַזאַ אָנפאַנג. מיין פרוי האָט איר געהייסן צו־נעמען אירע זאַכן און מער דאָ נישט צוריקומען. די פּאָלקע האָט אָנגעהויבן צונויפצוזאַמלען די פאַרשידענע קליידלאַך מיט שטיקלאַך וועש און צו מאַכן דערפון אַ פּאַק. צום סוף האָט זי געוואָלט דאָרט אויך אַריינוואַרפן אַ פּאָר לייכטער. מיין פרוי האָט איר אָבער אַ כאַפּ געטון ביי דער האַנט.

— וועמענס לייכטער זענען דאָס?

— מיינע — האָט יענע געענטפערט.

— זיכער אײערע?

— יאָ.

— פֿונוואַנען קומען זײ אַהער? איר האָט זײ מיטגעבערענגט פֿון אײער הײם?

— יאָ.

מײַן פֿרוי האָט איר אַ ווײַז געטון די לײַכטער. זײ האָבן געטראָגן אויף זיך אַ ייִדישן אָפּצײכן.

— בײַ אײַך אינדערהײם זענען געווען ייִדישע לײַכטער?

יענע האָט אָראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— כ'האָב זײ באַקומען אַ פּרעזענט.

— אַ פּרעזענט? פֿון וועמען? פֿון אײער געליבטן? פֿון דעם נאַצי?

— ער איז נישט געווען קײן נאַצי.

— און וואָס איז דאָס? מײַן פֿרוי האָט איר געוויזן דעם אָפּ־צײכן, וואָס דער פֿאָלקס־דײַטש האָט איבערגעלאָזט אויפֿן טיש, אַן אָפּצײכן פֿון נ.ס.ד.א.פּ. פֿון דער היטלער־פּאַרטײ.

די פֿאָלקע האָט געקוקט אויף דר'ערד און גאָרנישט געענטפֿערט.

— אַלץ קאָנט איר נעמען פֿון דאַנען — האָט איר געזאָגט מײַן פֿרוי — נאָר נישט די לײַכטער. דאָס איז צוגעראַבירט געוואָרן בײַ אַ ייִד. און ווער ווײס, צי אײער געליבטער איז טאַקע נישט שולדיק געווען אין יענעמס טויט.

יענע האָט דערויף גאָרנישט מער געענטפֿערט. זי האָט שוין גע־וואָלט זײַן אויף יענער זײַט טיר. זי האָט שנעל צוזאַמענגעבונדן דעם פּאַק זאַכן און זיך געלאָזט צו דער טיר. מיר האָבן איר געלאָזט גײן. אין אַ רגע אַרום האָט מען געהערט אירע לויפֿנדיקע טריט אויף די שטיגן. איצט איז שוין געווען זיכער, אַז זי וועט דאָ מער נישט אַהערקומען.

שפּעטער, שוין לאַנג נאָכדעם, ווי זי איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן, האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז זי ווערט געזוכט דורך דער פּאָליצײ, אַז זי האָט אויף איר געוויסן נישט בלויז דאָס, וואָס זי האָט געלעבט מיט אַ נאַצישן רוצח, נאָר אויך אײגענע חטאים, וואָס האָבן באַ־פֿלעקט אירע אײגענע הענט. איך האָב שנעל געגעבן אַ טראַכט: די

יידישע ליטעראַטור!... און איך האָב באַדויערט, וואָס כ'האָב איר דער־מאָלט ארויסגעלאָזט פון שטוב. וואָס כ'האָב נישט גורם געווען, אז זי זאָל פאַר אירע מעשים באַצאָלן. אָבער זי איז שוין געהאַט פאַר־שוואונדן געוואָרן אינם געווירבל פון דער גרויסער פעלקער־וואַנדע־רונג, וואָס איז דעמאָלט פאָרגעקומען אין גאַנץ פוילן.

מיר האָבן זיך אריינגעצויגן אין דער דירה און דער ערשטער טאַט אונזערער איז געווען צו באַפרייען די דירה פון אַלע חפצים, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען. ווער ווייסט ווי אזוי זיי זענען גע־שאַפן געוואָרן? מיט וואָס פאַרא מיטלען דער „אייגנטימער" איז געוואָרן אייגנטימער?

דער ערשטער טאָג, וואָס מיר האָבן פאַרבראַכט אין דער דאָזיקער דירה, איז געווען ווי אַן איבערברוך אין אונזער לעבן.

איך בין געלעגן ביינאַכט אויפן געלעגער, אויף אַ ריין בעט, אויף אַ גוטן מאַטראַץ צוגעדעקט מיט אַ קאָלדרע. ארום איז דאָס צימער געווען באַדעקט מיט טאַפעטן. ביי די ווענט זענען געשטאַנען גוטע מעבל-שטיק. פון סופיט האָט אַראָפּגעהאַנגען אַ זשיראַנדאָל. די פענצטער זענען געווען פאַרהאַנגען מיט גאַרדינען, די פאָדלאָגע איז געווען צוגעדעקט מיט אַ טעפּיך. איך בין געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן און האָב געטראַכט וועגן די אַלע געלעגערס, אויף וועלכע כ'בין געלעגן ביז איצט. אין די לאַגערן, אין די תפיסות, אויף די צופעליקע פּאָדלאָגעס, אויף די וואָקזאַלן. ביי מיר אין מח האָט אָנגעהויבן צו גריבלען אַ פראַגע: ווען איז געווען דאָס לעצטע מאָל, זינט כ'בין געלעגן אין אזאַ נאָרמאַלער שטוב, מיט נאָרמאַל מעבל, מיט נאָר־מאַלע ווענט, מיט נאָמאַלע פאָרהאַנגען אויף אַ נאָרמאַל געלעגער? און עס האָט מיר פלוצלונג אַ שטאָך געטון דער ענטפער:

דאָס לעצטע מאָל איז געווען אין אויגוסט 1939. איידער עס איז אויסגעבראָכן דער קריג. איידער דער שטורם פון דער מלחמה האָט מיך אַ וואָרף געטון פון מיין היים אין די אָפּגרונטן פון אַ פלוצ־לונג־אויפגעריסענע צעבלוטיקטער און פאַרוואונדערטער וועלט...

# קאַפּיטל פ י נ ף

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָב איך באַקומען אַ דירעקטיוו פון מיניסטעריום פאַר רויע פעל צו פאָרן קיין פראַנקפורט אַם־אָדער. דאָס ערשטע מאָל האָב איך אין די ראַמען פון מיינע פליכטן גע־דאַרפט פאָרן אַזוי ווייט. דאָס מיניסטעריום האָט באַקומען ידיעות, אַז דאָרטן דאַרפן זיך געפונען גאָר גרויסע לאַגערן מיט פעל און עס איז נויטיק זיי גלייך אַראָפּצובריינגען אין דער צענטראַלע, אין קעגנ־פאַל וועלן זיי צעשלעפּט ווערן דורך נישט באַרופענע הענט.

ווען דער צוג איז אָנגעקומען קיין פּויזן איז געווען צען אַזייגער. אין דרויסן איז שוין געווען שטאַרק פינצטער און גאָרנישט האָט אָנגעזאָגט, אַז די ארומיקע רו וועט פּלוצלונג געשטערט ווערן אויף אַזאַ אומגעריכטן אופן.

די שטילקייט איז פּלוצלונג איבערגעריסן געוואָרן דורך אַ שאַרפן אָפּקלאַנג פון אַ שאָס. דער שאָס האָט זיך אָפּגעשלאָגן אַזוי ווי אַן אומגעריכטער ליכט־פּאַס אין אַ שטאָק־פינצטערניש. דאָס איז אָבער נישט געווען מער ווי אַן אָנהויב. גלייך האָבן פון פאַרשידענע זייטן פון חער באַן־סטאַציע דערהערט זיך ווייטערדיקע שאָסן, דאָס מאָל אויסגעמישטע מיט מענטשלעכע קולות, געשרייען, און קללות.

די געשרייען זענען געווען פון אַ צוויי־שפּראַכיקן אינהאַלט. גע־דיכט־פּוילישע זידלערייען און נאָך געדיכטערע און נאָך פעטערע רוסישע מייסטער־ווערק פון קללות. אין אויסגעבראָכענעם כאַאָס איז פון אָנהויב שווער געווען זיך פונאַנדערצוקלייבן, וואָס ס'איז פּלוצלונג געשען? ווער האָט געשאָסן? און וואָס איז געווען די סי־בה פון דער פּלוצלונג אויסגעבראָכענער מלחמה?

אָבער ביסלעכווייז איז געוואָרן קלאָר, אַז דאָס האָבן שיכורע

רוסישע סאָלדאַטן זיך צעוועראָלט מיט דער פּוילישער מיליץ. אָנגע־הויבן האָט עס זיך מיט צעווערטלען אָבער גלייך האָבן ביידע צדדים זיך אַ כאַפּ געטון פאַרן געווער און עס זענען באַלד געפאַלן טויטע און שווער־פאַרווונדעטע.

די דאָזיקע מלחמה איז נישט געווען קיין צופעליקע. זי האָט בלויז אויף אַ קאָנקרעטן אופן באַוויזן, וואָס פאַרא האַס עס האָט געהערשט צווישן די צוויי „סלאַווישע ברידער“ — די פּאָליאַקן און די רוסן. עס איז געגאַנגען געווען די ערשטע בעסטע געלעגנהייט פון אַ קריגעריי און גלייך זאָל זי פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ אמתדיקע שלאַכט. אויף דער אויבערפלאַך איז דאָ אַרויסגעקומען די אַלטע שנאה צווישן די פּאָליאַקן און „מאָסקאַלן“, אַ שנאה, וואָס איז געהאַלטן געוואָרן אין צוים דורך דער רוסישער נ.ק.וו.ד., וואָס האָט אָבער ביי דער ערשטער געלעגנהייט זיך אַרויסבאַקומען אויף דער אויבערפלאַך.

צוליב דער בהלה אויפן וואָקזאַל איז אונזער צוג אָפּגעשטאַנען לענגער ווי ס'איז געווען פאָראויסגעזען. די פּוילישע פּאַסאַזשירן האָבן געשאָלטן מיט טויטע קללות. און אין די דאָזיקע קללות האָט זיך יעדע רגע איבערגעחזרט דער נאָמען פון רוסישן „באַטיושקאַ“ סטאַלין. דאָס האָבן די פּאָליאַקן געהאַט דאָ אַ געלעגנהייט אויסצו־שרייען הויך, וואָס זיי אַלע האָבן געטראַכט אין דער שטיל.

ענדליך האָט דער צוג גערירט. אָבער ביז צום סאַמע פראַנקפורט זענען מיר נישט דערפאָרן, ווייל עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז נאָך איידער מען פאָרט צו קיין פראַנקפורט ביים אָדער איז אויפגע־שטעלט געוואָרן אַ גרענעץ צווישן די פּאָלאַקן און רוסן. דאָס האָבן די נייע מאַכטהאָבער אַזוי אַוועקגעשטעלט גרענעצן אומעטום, ווו ס'איז זיי געפעלן געפאָרן און ווו זיי האָבן געהאַלטן פאַר נויטיק. די באַן איז דאָ ווייטער נישט געגאַנגען ווייל די בריק איז דאָ געווען אַ צעשטער־טע און די גרענעץ קאָנטראָל איז פאָרגעקומען ביים איבערגיין אי־בער אַ פּראָוויזאָריש פאַרוואָרפענע בריק.

איך בין אויסגעשטיגן צוזאַמען מיט די אַנדערע און כ'האָב אָנ־געהויבן אַריבערגיין די איבער־נאַכט אויסגעוואַקסענע גרענעץ. אויף איין זייט טייך האָבן די פּאַפּירן מיינע רעווידירט די פּאָליאַקן און

אויף דער אַנדערער זייט — די רוסן. מײַנע דאָקומענטן זענען געווען אין אָרדנונג און ביידע גרענעץ־וואַכן זענען געוואָרן צופרידנגע־שטעלט.

ווען כ׳בין אָריינגעקומען קיין פראַנקפורט איז דער טאָג שוין געשטאַנען אַ רייפער. אַ גרויסע, גאָלדיקע זון האָט אַראָפּגעלויכטן און האָט אונטערגעשטראָכן די גאַנצע שיינקייט פֿון דער שטאָט.

ריזעדיקע פּאַסמעס זון זענען געלעגן אויף דער באַרגיקער גרינקייט און אויף די דעכער פֿון די הויכע און שמאָלע הייזער. די קירכע־שפּיצן זענען געשטאַנען מיט אָנגעצונדענע קעפּ און האָבן זיך גע שפּיגלט אין דער זון. איך האָב געמיינט, אַז כ׳וועל דאָ אָנטרעפֿן אַ באַרג מיט חורבות, אָבער די מלחמה האָט ווייניק וואָס אָנגערירט די דאָזיקע שטאָט. בלויז פֿון צייט צו צייט איז געשטאַנען אַ הויז מיט אויפגעריסענע פענצטער און טירן, אָבער דאָס איז שוין געטון געוואָרן נישט דורך קיין באָמבעס, נאָר מיט מענטשלעכע הענט. דאָ איז דער „שאָבער" אָנגעגאַנגען מיט דער גאַנצער פּאַרע. דאָ האָבן די סלאַווישע ברידער — די פּאָליאַקן מיט די רוסן — זיך דערלאַנגט נישט אַ פּאָר ברודערישע, נאָר אַ פּאָר גוטברודערישע הענט!...

גאַנצע מחנות מיט „שאַבראַווניקעס" זענען דאָ געשטאַנען מיט אָנגעגרייטע זעק און האָבן דאָ אויסראַבירט אַלץ וואָס מען האָט נאָר געקאָנט דערטראָגן. זיי האָבן געאַרבעט מיט אַ גירקייט און מיט אַן אמתדיקער פלייסיקייט פֿון בינען. קיין שום לײַדיקע וווינונג איז נישט פריי געבליבן פֿון די אָפּטמאָל־אָרגאַניזירטע מחנות מיט די נאָך־מלחמה קראָען. און געשלעפּט האָט מען יעדע זאַך, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ שטיקל ווערט. קלענערע שטיקער מעבל, קליידער, פֿאָרהאַנגען, געפּעס.

ווי אַזוי האָבן זיי דאָס גערעכנט אַדורכצופירן דורך דער טאָפּל־טער גרעניץ אויפֿן מזרח? מסתמא האָבן זיי געוווסט פונם סוד, אַז די גרעניץ־וואַך האָט בלויז קאָנטראָלירט פּעסער, דאקעגן האָט זי פֿאַרמאַכט אַן אויג אויף זאַכן, וואָס זענען איר „דיפּלאָמאַטיש" נישט אָנגעגאַנגען. נישט איין גרענעץ־וועכטער איז געווען „בלאַט" מיט

די „שאבראָווניקעס" און איז צוזאמען מיט זיי נתעשר געוואָרן פון דער מאָדערנער באַנדיטעריי.

איך האָב אָנגעהויבן אויסצופירן מיין מיסיע — צו נעמען אויס־קונפטן ווו עס געפינט זיך דאָ די רויע פעל, וואָס כ'בין באַאויפ־טראָגט „אהיימצופירן".

די דאָזיקע אינפאָרמאציע איז נישט לייכט געווען צו באַקומען, אָבער סוף כל סוף האָב איך מיך דערשלאָגן. מען האָט מיר געזאָגט, אז די פעל איז טאַקע פאַראַן, אַזוי ווי מען האָט מיך אינפאָרמירט, אָבער ס'איז פאַראַן דערביי אַן „אָבער" דהיינו? די פעל איז באַ־וואכט דורך די רוסן.

איך האָב מיך נישט געפוילט און כ'בין גלייך אהינגעגאנגען אויפן געגעבענעם אדרעס. נאָך אַלעם בין איך דאָך עפּעס א דעלע־גירטער פון מיניסטעריום.

איך האָב טאַקע געוויזן דעם רוסישן סאָלדאט מיין אייזערנעם בי־לעט און ער האָט אים באַטראַכט פון אַלע זייטן. אָבער גלייך האָט ער אים מיר צוריקגעגעבן און האָט זיך א קלאַפּ געטון מיט דער האַנט אין ברוסט־קאַסטן:

— יאַ כאַזיאַאין!

דאָס הייסט: איך בין דער באַלעבאָס. און ער שטשירעט דערביי א מויל מיט לאַכעדיקע ציין.

דער סאָלדאט איז געווען א גרוזינער. ער האָט געהאט א טונ־קעלע און אָפּגעברענטע הויט, פולע בלוטיקע ליפּן און שווארצע אויגן־שפּעלטלעך.

— ניטשעוואָ! — האָט ער געזאָגט — דאָס אַלץ וואָס דו זעסט דאָ (און ער האָט דערביי געפירט מיט א פּאָר שלאַנקע פינגער אי־בערן סקלאַד מיט פעלן) — דאָס אַלץ גייט קיין רוסלאַנד. אין סאָ־וויעצקי סאָיוז!. אין א געוויסער רגע האָט ער צו מיר געגעבן א בלינצל מיטן אויג און צוגעבויגן צו מיר דאָס געזיכט. ער האָט מיך געפרעגט אויפן אויער, צי כ'האָב עפּעס געלט — ווייל אויב יאָ, קאָן ער מיר פאַרקויפן דעם בעסטן און טייערסטן „טשאַסי"

ער האָט דערלאַנגט א מאַך אויף א דעקל פון א טשעמאָדאַן און

פאַר די אויגן מײַנע האָט דערלאַנגט אַ בלישטש אַ גאַנצע קאָלעקציע מיט זייגערס; גרויסע, קליינע, זילבערנע, גאָלדענע, ניקעלנע. האַנט־זייגערלעך, קעשענע־זייגערס, אַפילו וועק־זייגערס.

— וואַיעגני טראָפּעי! — האָט ער צו מיר געגעבן אַ ווונק. איך בין געבליבן שטיין מיט אַ פּאָר אויפגעריסענע אויגן.

אָבער די זייגערלעך האָבן מיך נישט אינטערעסירט. מיך האָבן איצט אינטערעסירט בלויז די פעל. נאָך דעם בין איך דאָך אַהערגע־שיקט געוואָרן פון סאַמע מיניסטעריום. איז וואָסזשע טוט מען? אומקערן זיך אָן די פעל?

און אפשר קאָן מען זיי דאָ אַרויסבאַקומען בלויז פאַר אַ שטיקל „לאַפּוועקע". אַזעלכע זאַכן ווערן דאָך געטון אין די ערלעכסטע מס־חרים... כ'האָב געפרעגט דעם גרוזינער, וויפל ער וואָלט געוואָלט פּאַר דעם סקלאַד פעל און ער האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אויף ניין. דאָס קאָן ער נישט. ער מוז עס אָפּהיטן, ווייל ס'דאַרף אַוועק־געשיקט ווערן אין „סאָוויעצקי סאָיוז". אָבער שליסלעך וואָלט ער מסכים געווען צו געבן מיר אַ טייל, אויב כ'וואָלט פּאַר אים געשאַפן אַ פּאָר פלעשער מיט בראָנפן. כ'האָב מיט אים אָפּגעמאַכט אַז כ'וועל אים געבן צו צוויי פלעשער בראָנפן פאַר יעדע 120 רויע פעל. ער איז שנעל מסכים געווען. דאָס האָט פּאַר אים געהייסן אַ כסדרדיקע ליפערונג פון בראָנפן במשך פון די נאָנסטע פּאָר טעג און פּאַר מיר האָט עס געהייסן: אויסגעפירט די מיסיע פּאַר אַ שיבוש.

ער האָט מיר נאָך צוגעגעבן אַ לייטער־וואָגן מיט אַ פּאָר פערד. אויכעט „וואַיעגני טראָפּעי"... אָבער ער האָט עס מיר צוגעגעבן ווי אַ בחנמדיקן צולאָג. לאָמיך וויסן אַ סאָוויעטיש האַרץ!

איך האָב אים געברענגט די צוויי פלעשער בראָנפן און ער האָט מיר צוגעהאָלפן אַרויפצולאָדעווען אויפן וואָגן דעם ערשטן טראַנס־פּאָרט מיט פעל.

מיטן דאָזיקן וואָגן האָב איך געמוזט צוריק אַריבערפאָרן די גרעניץ, אָפּשטעלן די סחורה אין סקלאַד און דאַן צוריקפאָרן צום גרוזינער. עס איז געווען אַן אויסטערלישער האַנדל: אַ לעגאַלע מיניסטעריום מיסיע אויסגעפירט אויף אַ נישט לעגאַלן אופן מיט

דער הילף פֿון שוחד און פֿון אדורכשמוגלען די רוסישע גרעניץ (פֿאַר דער פּוילישער בין איך געווען אינגאַנצן כשר). די באַאַמטע פֿון מיניסטעריום האָבן געלאַכט פֿון דער גאַנצער געשיכטע. פֿאַר זיי איז עס נישט געווען קיין נייעס. זיי האָבן שוין נישט איינמאָל אָפּגענומען אויף אַזאַ אופֿן זייערע סחורות. עס איז ביליקער צו געבן באַבאַר דעם דירעקטן היטער ווי אָפּצונעמען מיט דער הילף פֿון אונטערהאַנדלונגען מיטן נייעם אָקופּאַנט.

דערווייל איז דער הימל אין פּוילן געוואָרן אַלץ טונקעלער און טונקעלער. פֿון אַלע עקן פֿון דער נייער פּוילישער רעפּובליק האָבן גענומען אָנקומען וואָס אַמאָל אָפּטער ידיעות וועגן יידן־מאָרדן. אינם טאָג ווען כ׳בין צוריק געקומען קיין לאָדזש האָבן פּאָלאַקן אינם שטעטעלע קאָנטשוגאַ — נישט ווייט פֿון פּשעוואָרסק — אומגעברענגט אַכט יידן! זיי האָבן די יידן צעשניטן מיט מעסערס. נישט ווייט פֿון פּויזן האָבן פּוילישע מערדער אָפּגעשטעלט אַ צוג, האָבן פֿון דאָרט ארויסגעשלעפּט אַ פּאָר יידן און האָבן זיי אומגעבראַכט. ביי באַלעסלאַוויעץ נישט ווייט פֿון דער אַלטער דייטשער גרעניץ, זענען אומגעקומען פֿון מערדערלעכע הענט 9 יידן.

עס איז געווען אַ געפֿאַר צו וווינען אין אַ קליינעם ישוב און עס איז געווען אַ געפֿאַר צו רירן זיך פֿון אָרט. יידן האָבן געלעבט אין שטענדיקן שרעק. מען איז נישט געשלאָפֿן רואיק. אונטער די קישנעס האָט מען געהאַלטן העק מיט מעסערס.

אויך אין אונזער שטעטל וויעזשבניק זענען געפֿאַלן עטלאַכע קרבנות. דאָס האָבן די אַמאָליקע פּוילישע שכנים מיט אייזערנע פֿרענטן אין די הענט באַגעגנט די פֿאַר אַמאָליקע יידישע איינוווינער, וואָס זענען דאָ אהערגעטריבן געוואָרן, כדי צו זען דעם חורבן מיט זייערע אייגענע אויגן. צווישן די קרבנות האָט זיך געפֿונען די פֿרוי פֿון שלמה היינעסמאַן מיט אירע צוויי קינדער. דורך דער גאַנצער מלחמה האָבן זיי זיך אויסבאַהאַלטן אויף דער „ארישער זייט" פֿיר יאָר צייט האָבן זיי אויסגעמיטן די סעלעקציע און מאַסן־מאָרדן פֿון די נאַציס, איצט זענען זיי געטראָפֿן געוואָרן דורך די הענט פֿון די פּוילישע רוצחים. בלויז איין קינד האָט נאָך געלעבט, ווען

מען האָט עס געפֿונען. מען האָט עס אָפּגעפֿירט אין שפּיטאָל און עס איז נאָך אַ לאַנגן קאַמף מיטן טויט אויפֿגעהאַלטן געוואָרן ביים לעבן.

מיין פּרנסה איז באַשטאַנען אין כסדרדיקן פֿאָרן און קומען. אָבער דאָס זענען נישט געווען סתם קיין פֿאַרענישן. יעדעס אָפּפֿאָרן פֿון דער היים האָט אויסגעזען ווי דאָס ארויספֿאָרן אויפֿן פֿראָנט. זיצנדיק אין דער באַן האָב איך געפֿילט די אומאויפֿהערלאַך־לויערנדיקע געפֿאַרן. יעדער לאַנגזאַמער שריט פֿון דער באַן האָט מיר געגעבן אַ קלאַפּ אין האַרץ, איצט! באַלד שטעלן זיי אָפּ דעם צוג און נעמען בודק זיין די פּאַסאַזשירן! אָבער כ׳האָב מיר גאָרנישט געקאָנט העלפֿן. מיין אַרבעט איז באַשטאַנען אין צוזאַמענפֿירן די פֿעל פֿון פֿאַרשידענע שטעט און שטעטלאַך און כ׳האָב נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה ווי אונטערצונעמען יעדע פּאָר טעג אַ צווייטע רייזע.

און אַזוי בין איך געפֿאָרן אין שפּאַנונג איבער מרחקים.

אין דער זעלבער צייט האָב איך איבערגעלעבט אַ צווייטע שפּאַנונג; איך האָב דערוואַרט אַז יעדן טאָג זאָלן זיך אומקערן פֿון די לאַגערן מיין ברודער און שוועסטער, וועמענס נעמען כ׳האָב געזען אויסגעהאָנגען אויף דער ליסטע אין קאָמיטעט. און די דאָזיקע האָפֿנונג איז טאַקע מקוים געוואָרן. אין איינעם אַזאַ טאָג, ווען כ׳האָב מיך אומגעקערט פֿון אַ רייזע פֿול מיט געפֿאַרן, האָב איך געטראָפֿן אין דער היים מיין ברודער. איך האָב אים קוים דערקענט. ער איז געווען געשוואָלן און קראַנק און צעבראָכן.

די פֿרייד ביי אונזער באַגעגניש איז פֿאַרטונקלט געוואָרן פֿון די אומשטענדן; ווייל ווי קאָן די פֿרייד זיין אַ פֿולע, ווען מיר באַגעגנען זיך ווי צוויי איבערגעבליבענע ברידער פֿון אַן אויסגעשאָכטענער פֿאַמיליע. מיר זענען זיך געפֿאַלן אויפֿן האַלז, אָבער עס האָבן אונז אַרומגערינגלט שאָטנס פֿון די, וואָס מיר וועלן שוין נישט באַגעגנען. די דאָזיקע שאָטנס זענען געלעגן אין אונזערע הערצער, אין אונזערע אויגן.

מיר האָבן זיך גאָרנישט דערציילט פֿון אונזערע איבערלעבענישן. דערווייל האָבן מיר געשוויגן. אונזער בלויז זיין אין דער נאָענט איז

געוועזן געגנוג פאר אונז. מיד און דערשעפּט איז ער קוים געשטאַנען אויף די פיס.

איך האָב אים געלייגט אין א בעט, איבערגעדעקט מיט א קאָל־דרע און געזאָגט אים, ער זאָל זיך אויסרוען. מיר וועלן זיך דערציילן שפּעטער. דאָס וואָס איז געווען איז דאָך נישט וויכטיק. וויכטיק איז אונזער געפונען זיך, אונזער געמיינזאַם איבערלעבן. מירביידע האָבן איצט דערפילט די באַדייטונג פון וואָרט „געמיינזאַם". איבערלעבן איז ווייניק, געמיינזאַם איבערלעבן האָט שוין א פולערן זינען.

ער האָט מיר געזאָגט אז מיט אונזער שוועסטער האָט ער זיך נאָך נישט געזען. זיי זענען באַפרייט געוואָרן אין אנדערע לאַגערן. ער איז עסטרייך און זי אין בערגן־בעלזן. ווען ער האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם, אז זי לעבט, איז ער צו איר גלייך אַוועקגעפאָרן, אָבער ער האָט זי שוין דאָרט נישט געטראָפן. מיט איר האָט מסתמא פּאַסירט דאָס זעלבע. זי האָט געהערט וועגן אים, איז זי אוועק צו אים קיין עסטרייך... און אין דאָזיקן געלויף האָבן זיך אויסגעמיטן די וועגן זייערע. וועגן דעם, אז איך לעב, האָט ער נישט געוווּסט. ער האָט דאַן באַשלאָסן צו טון דאָס, וואָס עס האָבן געטון הונדערטער אנ־דערע יידן — אַראָפּפאָרן אין זיין געבורט־שטעטל און אָנקוקן מיט די אייגענע אויגן דעם חורבן. און נישט אזוי אויפנעמען מיט די אויגן דעם חורבן, ווי הערן דעם פאַרלאַנג פון א שטילער און פון א טליעדיקער האָפנונג, אז אפשר... אז טאָמער... און די דאָזיקע האָפנונג האָט אים נישט אָפּגענאַרט.

ער האָט זיך דאָרט טאַקע דערוווּסט, אז זיין יינגסטער ברודער לעבט, און ער האָט זיך געראַטעוועט און ער איז דאָ אפילו געווען מיט א וויזיט. פאַרן ברודער מיינעם האָט די דאָזיקע בשורה, אז איך לעב, געקלונגען אינגאַנצן נישט רעאַל. ווייל גלייך ווי כ׳בין אוועק אויף דער רוסישער זייט, האָט די פאַמיליע מיינע געהאַט באַקומען א ידיעה, אז איך בין אריינגעזעצט געוואָרן אין א תפיסה, וווּ כ׳בין שפּעטער אומגעקומען. מען האָט מיך שוין אפילו באַוויינט אזוי ווי מען באַוויינט א קינד, און דערצו נאָך דעם מוזינעק. ווען ער האָט דעריבער דערהערט דאָס אומגלויבלעכע אז איך לעב, האָט ער זיך

נישט געוואָלט צוגלויבן. ווען אונזער אַמאָליקער סטרוזש האָט אים אָבער געזאָגט, אַז ער האָט אַליין, מיט זיינע אייגענע אויגן, געזען דאָ דעם „יינגסטן ברודער" האָט ער זיך אויפֿגעריסן ווי פֿון אַ לעד־טאַרגישן שלאָף און איז קראַנקערהייט אוועקגעפֿאָרן קיין לאָדזש.

ער האָט געוועגדעט די טריט זיינע קודם כל צום קאָמיטעט און די טריט זיינע זענען געווען ריכטיקע. מען האָט אים דאָרט נישט בלויז באַשטעטיקט די בשורה, אַז איך לעב טאַקע, נאָר מען האָט אים אַפילו צוגעגעבן מיין אַדרעס. ער איז אין איין אָטעם אוועק צו אונז אין דער וווינונג און האָט דאָרט איבערגעלעבט אַ צווייטע אי־בעראַשונג. אַנשטאָט מיך האָט ער דאָרטן געטראָפֿן מיין פֿרוי און דערצו נאָך אין אַנדערע אומשטענדן.

הייסט עס, אַז אַנשטאָט צוריקצוגעפֿינען איין ברודער, איז זיין אויסגעליידיקטע פֿאַמיליע גאָר פֿלוצלונג פֿול געוואָרן מיט גאַנצע (כמעט גאַנצע) דריי נפשות! זיין באַגעגניש מיט מיין פֿרוי איז געווען אַ האַרציקע. זיי האָבן זיך קיינמאָל פֿריער נישט געקענט און דאָך האָבן זיי זיך באַגריסט ווי זיי וואָלטן פֿון לאַנג שוין געהערט צום זעלבן שטאַם. וואָס ס'האָט אויף מיין ברודער געמאַכט דעם גרעסטן איינדרוק — איז געווען דאָס ווייסע איבערבעט, מיט וועלכן מיין פֿרוי האָט אים איבערגעצויגן דאָס בעט. די ווייסקייט! זינט ער איז פֿאַרשלעפּט געוואָרן אין די קאַצעטן, האָט ער נאָך אַזאַ ווייסקייט נישט געזען. שוין אָפּגערעדט — וועגן צורירן זיך.

די ערשטע נאַכט איז ער נישט געשלאָפֿן. ער האָט זיך אויסגע־צויגן איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פֿונם זויבערן בעטגע־וואַנט און אין די אויגן זענען אים געשטאַנען טרערן, וועלכער ער האָט נישט געקאָנט פֿון זיך פֿאַרטרייבן. ער האָט זיך איינגעהאַלטן נישט צו הוסטן, ווייל די שוועגערין האָט אים געבעטן זיך גוט אדורכ־צושלאָפֿן און זיינס אַ הוסט וואָלט דאָך איר פֿאַראַטן, אַז ער ליגט מיט אָפֿענע אויגן. אָבער די לונגען, וואָס זענען אים אָפּגעשלאָגן געוואָרן אין די לאַגערן, האָבן אים געשטיקט, ער האָט מיט די נעגל זיך איינגעבויגן אין די ראַמען פֿון בעט, כדי צו ליגן רואיק.

ערשט דאָ — אין דעם רחבותדיקן און ריין־זויבערן צימער —

האָבן אים די קאָשמאַרן פון די פאַרגאַנגענע טעג אויף קיין רגע נישט אָפּגעלאָזט. ערשט איצט האָט אים ארומגענומען א מורא, אז ער וועט שוין פון די דאָזיקע געשפּענסטער קיינמאָל זיך נישט אָפּטרייבן, אז זיי וועלן אים פאַרפאָלגן אויף אייביק, אז זיי וועלן שוין ווערן א טייל פון זיין בלוט.

אינדערפרי האָט מיין פרוי ארויסגערופן צו אים א דאָקטאָר, וועלכער האָט אים אונטערזוכט. די נאָנטסטע דריי טעג, וואָס ער נאָך געוואָרט אויף מיין צוריקקומען, האָט ער פאַרברענגט אויף רוען. מיין פרוי האָט אים אָנגעוואָרפן איר ווילן און ער האָט זיך מיט דאנקבארקייט אונטערגעגעבן אירע באַפעלן. און דערווייל איז געשען א זאַך, וואָס האָט זיין צוריקקומען פאַרוואַנדלט אין נאָך א גרעסערן יום טוב. מיין פרוי איז געלעגן געוואָרן און האָט געבוירן א זון. און דאָס אלץ איז געשען, בעת איך בין געווען אינטערוועגס, און ווען איך האָב נישט חושד געווען, אז צוריקקומענדיק אהיים, וועל איך טרעפן אזעלכע צוויי אומגעריכטע געסט...

די שעה פון מיין צוריקקומען געהערט צו די שעהן, וואָס פאַר־נעמען א ספּעציעל ווינקל אין מיין זכרון! פון איין זייט — א זון! א נייער נפש, א לעבעדיק, לאַכעדיק יינגעלע, פליש פון מיין פליש, בלוט פון מיין בלוט, און פון דער צווייטער זייט — מיין ברודער! איינגנטליך — בלויז א שאָטן פון מיין ברודער. די פינצטערניש פון די ניין לאַגערן איז געלעגן אויף זיין געזיכט אין יעדן פּרט פון זיין געשטאַלט.

ער — און דער זון מיינער! איך האָב זייביידע געדריקט צום האַרץ. אָבער אין מאַנכע מינוטן, ווען מיין בליק האָט זיך איבערגע־טראָגן פון דעם געפּייניקטן געשטאַלט פון מיין ברודער אויף דעם פרישן געזיכט פון מיין קינד, האָט מיר א קלעם געטון ביים האַרץ און אומבאַקאַנטע מורא. איך האָב אינסטינקטיוו א ציטער געטון. די ארומיקע וועלט! וואָס פאַרא צוקונפט ברענגט זי מיין זון?

מיין ברודער האָט זייער ווייניק דערציילט וועגן דעם אדורכגע־לעבטן. ער האָט בלויז גערעדט איינצעלנע ווערטער. דער וועג זיינער איז געגאַנגען דורך אוישוויץ, דורך דאַכאַו. ווי אזוי ער האָט דאָס

אלץ אדורכגעלעבט? ווי אזוי איז ער פאַרבליבן נאָכן שטורעם? ער האָט געלעבט מיטן טויט, איז געשלאָפן מיטן טויט, האָט זיך אויפגע־הויבן מיטן טויט. אָפטמאָל האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער דערציילט נישט וועגן זיך, נאָר וועגן עמיצן אַנדערש. און מיין ברודער האָט מסתמא זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון, אַז יענער וואָס האָט דאָס אלץ אדורכגעלעבט, איז געווען עמיצער אַנדערש; ווייל דער תהום צווישן יענעם גיהנום און צווישן דעם נאָרמאַל־מענטשלעכן איז אַ צו טיפער און אַ צו גרויזאַמער, אַז ער זאָל קאָנען זיין פאַרבונדן מיט אַ געמיינזאַמען פאָדעם פון אַ המשך. פון קאָנטינואיטעט. דעריבער האָט נאָך דער פאַרגאַנגענהייט פון די טויט־לאַגערן געמוזט אוועק־געשטעלט ווערן אַ פונקט, כדי צו קאָנען ווידעראַמאָל אָנהויבן אַ ניי און נאָרמאַל לעבן. און דעריבער האָט יעדער צוריקגעקומענער קאַצעטלער געקוקט אויף זיין אייגן פאַרגאַנגען לעבן, ווי אויף אַ קאָשמאַר־חלום פון אַ פרעמדן. דער דאָזיקער פסיכאָלאָגישער פענאָמען האָט דערמעגליכט אַז די לעבן־געבליבענע לאַגער־מענטשן זאָלן קאָנען צוריק אריינפּאַסן זיך אין אַ נאָרמאַל־פונקציאָנירדיקע מענטש־לעכע געזעלשאַפט.

אויפן ביישפּיל פון מיין ברודער האָב איך דערזען נאָך אַ זאַך. די לאַגער־יאָרן האָבן נישט אָפּגעטעמפּט ביי אים די דינסטע און איידלסטע געפילן. די כסדרדיקע שכנות מיט דער דייטשער נאַהייקע, מיט די סעלעקציעס, מיט די עקזעקוציעס, מיט די גאַז־קאַמערן און מיט די קרעמאַטאָריעס, האָבן דעם מענטש בלויז פאַרטעמפּט. ניי־דערגעשלאָגן און געמאַכט אַפּאַטיש. אָבער דאָס אלץ איז נישט דער־גאַנגען צו דער טיפעניש פון זיין נשמה. דער מענטש איז טראָץ אלעם ווייטער פאַרבליבן מענטש. די איידעלע געפילן זענען אראָפּגעשטויסן געוואָרן אויפן סאַמע דנאָ, אָבער זיי זענען ווייטער פאַרבליבן ווי אָרגאַנישע טיילן פון דער נשמה.

די נאַציס איז געלונגען צו דערהרגענען דעם מענטש, אָבער זיי האָבן נישט געקאָנט דערהרגענען די מענטשלעכקייט. בלויז ביי זיי ביי די תליונים, איז די מענטשלעכקייט ארויסגעריסן געוואָרן מיטן וואָרצל, אָבער נישט ביי די קרבנות. ווייל מיטן מאָמענט, ווען די

לעבן־געבליבענע קרבנות זענען אוועקגענומען געוואָרן פון דער פינצ־טערער דעקאָראַציע פון די שטעטל־דראַמע און פון כסדר־לויערנדיקן טויט, אַזוי שנעל איז דאָס טיף־מענטשלעכע צוריק אַרויסגעשווו־מען אויף דער אויבערפלאַך און האָט איבערגענומען די אַמאָליקע פּאָזיציע. די לאַגערן האָבן נישט איבערגעקערט דעם קרבנס כאַ־ראַקטער.

מיין ברודער וועלכער איז אַדורכגעגאַנגען אַלע שטאַפּלען פון גיהנום און פאַר וועלכן טויט איז געוואָרן טאָג טעגלעך, אַזוי ווי דאָס אייגענע אָטעמען, האָט שנעל צוריקגעווינען זיין מענטשלעכע מראה.

איך האָב גלייך דעם ערשטן טאָג דערקענט מיין אַמאָליקן איידעלן ברודער, אין וועלכן די געפילן פון רחמנות און פון צערטלעכקייט זענען אויף אַ האָר נישט געמינערט געוואָרן.

און דאָס איז געווען פאַר מיר דער צווייטער נס פון מיין ברו־דערס צוריקקומען. ווייל נישט בלויז האָב איך צוריקגעוווּנען מיין ברודער, נאָר ער אַליין האָט אין זיך צוריקגעוווּנען דעם אַמאָליקן מענטש, די אַמאָליקע פּערזענלעכקייט.

ווען איך בין מיט מיין ברודער געגאַנגען איבער די גאַסן און פרעמדע מענטשן האָבן אונז אָפּגעשטעלט און אָנגעוויזן אויף מיין ברודער: „דער האָט אונז געראַטעוועט אין לאַגער פון טויט!" — איז דאָס געווען נישט בלויז מיינס אַ פּערזענלעכער טריאומף, איך האָב געפילט, אַז דאָס איז אויך אַן אַלגעמיין מענטשלעכער טריאומף.

ווייל דאָס האָט באַוויזן, אַז מענטשלעכקייט איז שטאַרקער ווי אויפגעצווונגענע בעסטיאַליטעט. איך האָב מיט פרייד געזען, ווי פרעמדע מענטשן האָבן אים אַרומגענומען און געדריקט צום האַרץ. און ווי ער האָט אויך זיי אַרומגענומען און ווי זיי — די נעכטיקע הפקר־קרבנות פון נאַצישער שלעכטס האָבן דאָ מיט וואַרימקייט דער־מאָנט די גוטע טואונגען פון די מיטשותפים פון געמיינזאַמען גורל.

פון די דאָזיקע מענטשן, מער ווי פון מיין ברודער אַליין, האָב איך מיך דערוווּסט וועגן זיינע וואָגלענישן אין די לאַגערן. זיין גליק, וואָס איז אים בייגעשטאַנען אין די אַלע שעכט־הייזער איז גע־ווען אַ פּאַפּירענער הונדערטער דאָלאַר, וועלכן ער האָט באַוויזן

אריינצושמוגלען באַלד אין ערשטן לאַגער אין אוישוויץ. ער האָט אים צוגעקלעפּט צו דער פּיאַטע פון פוס און איז אַזוי אַרום אַדורך די אריינקום־רעוויזיע.

מיט די דאָזיקע הונדערט דאָלאַר האָט ער אַמאָל געראַטעוועט פון טויט זיינעם אַ שכן אין לאַגער, אַ קאַטאָוויצער יידישן דאָקטאָר, הערצקאָוויטש. דער דאָקטאָר איז באַשטימט געוואָרן אין „אויוון אריין", ווייל ער איז גראָד געלעגן אין „שפּיטאָל" בעת ס'איז געוועזן אַ סעלעקציע. זיין גורל איז געווען אַ געחתמעטער און אין זיין דמיון איז אפילו קיין אָרט נישט געווען אויף קיין שום האָפענונגען. אָבער דעמאָלט איז אונטערגעקומען מיין ברודער און האָט אים מיטן 100־דאָלאַר באַנקנאָט אויסגעלייזט פון די הענט פון די תליונים.

דאָס דאָזיקע „געוואָרפענע ברויט אויפן וואַסער" איז שפּעטער צוריקגעקומען. אין מאַטהאַוזען, איז מיין ברודער לעבעדי־קערהייט אריינגעוואָרפן געוואָרן צווישן טויטע, וואָס זענען באַ־שטימט געוואָרן צום פאַרברענען. די אַרבעטן אין די שטיין־גרובן האָבן ביי אים אַרויסגעצויגן דאָס לעצטע ביסל כח. דאָס קלעטערן איבער די הונדערטער שטיגן, באַלאָדענע מיט אוממענטשלעכע מש־אות, האָט אים פיזיש נידערגעשלאָגן.

ער איז אַ געוויסן טאָג אַוועקגעפאַלן, נישט געהאַט מער קיין כוח צו שלעפן און האָט פאַרלוירן דעם ווילן אָקעגנצושטעלן זיך דעם אומפאַרמיידלעכן טויט. ער איז געבליבן ליגן — צווישן די אויסגע־האַקטע שטיינער אַליין אַ פאַרשטייפטער און אַ נישט באַוועגלעכער ווי אַ שטיין.

די „אָרדנערס" האָבן אים אַוועקגעשלעפט און אַוועקגעלייגט צו־זאַמען מיט דעם טעגלעכן שניט פון טויטע. ער האָט נאָך אַ ביסל גע־עטעמט, אָבער מען האָט גערעכנט, אַז דאָס איז שוין דער לעצטער שוואַכער סימן פון זיין ראַנגלען זיך מיטן אָפּטרעטנדיקן לעבן. אַז דאָס איז דער לעצטער חשבון זיינער מיט דער וועלט. און דאָ איז געשען דער צופאַל, וואָס האָט אים דערלאַנגט אַ האַנט און האָט אים געהאָלפן צוריק איבערצוקומען אויף דער זייט. דער דאָזיקער צופאַל איז געווען דער זעלבער דאָקטאָר הערצקאָוויטש, וועלכן דער

ברודער מיינער האָט אויסגעלייזט אין אוישוויץ. דער דאָקטאָר איז דאָ אהערגעקומען מיט אַ פּריוואַטן טראַנספּאָרט און זיין „מעדי־צינישע" אויפגאַבע איז באַשטאַנען אין איבערציילן די טויטע. האָט ער אין איינעם פון די מתים דערקענט זיין פריערדיקן אויסלייזער. און האָט באַמערקט, אַז ער עטעמט נאָך. אַז דאָס לעבנס זיינס איז שוין כמעט אינגאַנצן אויסגעבלאָזן; אָבער אַז אַ קליין שטיקל פלעמל צאַנקט נאָך.

ער האָט דעם ברודער מיינעם ארויסגעצויגן פון די אויסגעלייג־טע גופים און האָט אים מיט זיינע מאָגערע דאָקטאָרישע מיטלען צוריק אומגעקערט צום לעבן. ער האָט אים אָפּגעצאָלט מיטן לעבן, וואָס ער אליין האָט פון אים באַקומען. מיט לעבן פאַר לעבן. אזוי ארום זענען זיי ביידע פאַרבליבן. האָבן ביידע איבערגעלעבט דעם מבול, געתחמעטע און געבונדענע מיט אַ פריינטשאַפט, וואָס נאָר אַזעלכע, וואָס האָבן אַדורכגעלעבט אַזעלכע צופאַלן, וויסן זייער אמתדיקן באַשייד.

פון קליינע דערציילטע עפּיזאָדן ווי פון אָפּשפּריצן פון שער־בלעך, האָב איך מיר צונויפגעשטעלט אַ בילד פון מיין ברודערס גאָלגאָטע. מיליאָנען האָבן זיך איינגעבויגן אונטער זייערע קרייצן און זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַש און רויך. בלויז איינצעלנע זענען אַדורכגעגאַנגען, בלויז יחידים זענען אין דעם דאָזיקן וואַנ־זיניקן געווירבל פון אָפּגרונט־וואַסערן, צוריק ארויפגעשווומען אויפן ברעג פון לעבן. מיין ברודער האָט געהערט צו זיי און קוקנדיק אויף אים האָב איך ווערטער געדאַוונט אַ לויב־תפילה צום גורל, וואָס האָט אים מיר באַשיצט.

# קאַפּיטל זעקס

לאָדזש איז אין די דאָזיקע טעג געווען א גן-עדן פאַר גאַסן־הענדלער. איבערהויפּט האָט מען געמסחרט מיט „טשובעס" — מיט קליידונג.

די נאָך־מלחמה צייט האָט געשאַפֿן נייע ווערטער, אָדער האָט אוועקגעשטעלט אַלטע ווערטער אין נייע שיינען. דאָס וואָרט „טשובעס" איז געוואָרן אן אומגאַנג־וואָרט און האָט פֿאַרנומען דעם זעלבן חשובן פּלאַץ ווי דאָס וואָרט „שאַבער". דורך לאָדזש האָבן אָנגעהויבן אַדורכצוגיין פּראָצעסיעס פון צענדליקער טויזנטער פֿרעמדע. די רעגירונגען האָבן אריבערגעוואָרפן הונדערטער טויזנטער איינוווינער אין די ניי־פאַרנומענע געביטן. די ארבעט איז געפירט געוואָרן אין גאַייל. עס איז געווען דערביי א ריין־פּאָליטישע אויסרעכנונג. די דאָזיקע אַלטע פּוילישע ערד, וואָס האָט געהערט צו פּוילן אין די ווייטע פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער, האָט גיך געדאַרפט צוריק פֿאַרפּוילישט ווערן. עס זענען אויך געווען עקאָנאָמישע אויסרעכנונגען.

די מזרח־געביטן פון פּוילן זענען חרוב געוואָרן. די אינדוסטרי איז געשטאַנען א פֿאַרניכטעטע. דאָ — אויף דער „צוריקגעוווּנענער ערד" זענען געשטאַנען נאָך דייטשע פֿאַבריקן מיט פּויערישע פאַרמערס און מען האָט זיי געדאַרפט אָנפילן מיט מענטשן. האָבן דאָ דאריבער געצויגן גאַנצע קאַראַוואַנעס מיט פּאָליאַקן, כדי ווידעראַמאָל צו פאַרייניקן די „פאַרלוירענע אור־ערד" מיטן שטאַם. א חוץ דעם איז דאָ אויך געווען אן אָנגעלויף פון פּאָלאַקן, געוועזענע איינוווינער פֿון די איצט אַנעקסירטע סאָוויעטישע געביטן.

רוסלאַנד האָט פֿאַר זיך אָפּגעשניטן א גאָר גרויסן חלק פון

פאַר־מלחמהדיקן פוילן און האָט עס פאַרייניקט מיט אוקראַינע און מיט ווייסרוסלאַנד. דאָ האָבן אָבער די מאָסקווער הערשער באַוויזן ליקט אויף אַ גוטמוטיקן אַקט. זיי האָבן איינגעשטימט אַז די פּאַליאַקן פון די דאָזיקע געביטן זאָלן זיך מעגן „רעפּאַטריאירן" אין דער פּוילישער פאָלקס־דעמאָקראַטיע. האָבן די פּאָליאַקן מיט גרויס אייפער פאַרפּאַקט זייערע זעק און טשעמאָדאַנעס און האָבן זיך איבערגעטראָגן אויף מערב. און מיט די דאָזיקע הונדערטער טויזנטער פּאָליאַקן האָבן זיך שוין אויך מיטגעכאַפּט טויזנטער ווייסרוסן און אוקראַאינער, וואָס האָבן געזוכט אַ פּורטקע צו אַנטלויפן פון דער סאָוויעטישער הערשאַפט. די דאָזיקע מחנות האָבן ווידעראַמאָל געצויגן אין די „צוריקגעוווּנענע געביטן" און גרויסע טיילן פון זיי האָבן אַדורכגעמאַרשירט אָדער זענען אַדורכגעפאָרן דורך לאָדזש.

דאָס זענען געווען טעג פונם הויך־פּונקט פאַרן לאָדזשער „שאַבער". איבערן שוואַרצן מאַרק האָבן זיך דעמאָלט אַריבערגעוואָרפן הונדערטער טאָנען מיט „טשובעס". די סוחרים זענען ס'רוב באַשטאַנען פון פּוילישע פּויערים, וואָס זענען איבערנאַכט געוואָרן גאָר-גאָנעיטע הענדלער. דאָ — קוקנדיק אויף זיי — האָט מען געזען, ווי זיי האָבן שנעל אויסגעפילט דאָס ליידיק־געוואָרענע אָרט פון יידישע הענדלער. דער אונטערשיד איז בלויז געווען דער, וואָס זיי האָבן דאָ געהאַנדלט מיט „שאַבער" — מיט זאַכן, וואָס האָבן געשטאַמט פון רויב.

אין איינעם אַזאַ פרימאָרגן האָב איך געהאַט די צווייטע גרויסע איבער־לעבונגען זינט דעם סוף פון דער מלחמה.

דער טאָג איז געווען אַ פאַרנעפּלטער, און אין איינגעהילטער אין קנוילן פון אַ געדיכטער נישט דורכזיכטיקער וואַטע. דאָס איז געווען איינער פון די טעג, וואָס גיסן אָן די ביינער מיט אַ פוילקייט און מיט אַ מידקייט פון גאָרנישט טון. און ווער האָט זיך געזאָלט ריכטן, אַז דווקא אַזאַ טאָג, אַזאַ גאָרנישט־זאָגנדיקער און קלעפּיקער זאָל גאָר זיין דער טאָג, וואָס וועט ברענגען אונז פיל פרייד?

באַלד אין דער פרי האָט עמיצער אָנגעקלאַפּט ביי אונז אין דער טיר. ווען די טיר האָט זיך געעפנט, איז די גראָקייט פון טאָג פלוצים

פאַרשווונדן, די פּוילקייט איז אויסגערונען פֿון די ביינער. אויף דער שוועל איז געשטאַנען מיין שוועסטער. זי איז געקומען אָן שום אָנ־זאָג. מיר האָבן געוווסט, אַז זי לעבט, אָבער נישט געוווסט ווו זי געפינט זיך. נישט געוווסט ווו זי צו זוכן. און דאָ איז זי געקומען אַזוי אומגעריכט, אַזוי ווי זי וואָלט זיך ארויסגעשיילט פֿון דעם באַרג מיטן דיקן נעפּל. זי האָט זיך געריכט דאָ צו טרעפן מיך אַליין, און געטראָפן האָט זי מיך, מיין ברודער, מיין פרוי און מיין זון. אונ־זער פרייד איז געווען אָן גרעניצן. לאַדזש איז דעם דאַזיקן פרימאָרגן געווען איינגעהילט אין אַ נעפּל, אָבער ביי אונז אין שטוב איז אויפ־געגאַנגען אַ גרויסע, אַ גאָלדענע זון.

מיין שוועסטער איז אַנדערש געווען ווי דער ברודער. זי האָט יאָ געוואָלט דערציילן אַלע פּרטים פֿון אירע איבערלעבונגען: דאַכאַאו אוישוויץ — בערגען בעלזן. די איבערלעבונגען האָבן געלעבט אין איר, געריזלט אין איר בלוט, זענען געווען צוגעפּעסטיקט צו יעדן פֿאָדים פון אירע נערוון. זי האָט זיי געוואָלט אויסרעדן און אַזוי אויסרעדנדיק זיי אפֿשר באַפֿרייען זיך. אָבער צו קאָן מען ארויס פון זיי? אויסשיילן זיך פון זייער שאָל און צוריק ווערן, וואָס מען איז געווען אַ מאָל? מיר האָבן איר געבעטן, זי זאָל דעם היינטיקן טאָג נישט רעדן וועגן איר נעכטן, נאָר וועגן אונזערס אַלעמענס היינט. דער היינט איז צו פריידיק און צו ליכטיק, זאָל ער נישט טראָגן אין זיך די שוואַרצע שאָטנס פון שטעך־דראָטן, פון גאַז־קאַמערן, פֿון אויוונס. לאָמיר היינט פֿאַרגעסן וועגן יענעם. נישט אויף לאַנג. נישט אויף שטענדיק. מיר מוזן אויך דעם נעכטן טראָגן אין זיך. מיר זענען עם שולדיק נישט בלויז אונזערע אומגעקומענע, מיר זענען עס אויך שולדיק זיך אַליין. אָבער היינט — לאָמיר מאַכן אַן אויסנאַם. לאָ־מיר דעם איצטיקן טונקעלן און פאַרנעפּלטן לאַדזשער טאָג פֿאַר־וואַנדלען אין אַ טאָג פֿון ריינער און פון אַ נישט באַשפּרענקלטער ליכט. אָבער אַזאַ ריינע ליכט איז נישט מעגליך געווען. ווי אַזוי קען מען אַרויסזאָגן אַ וואָרט און נישט אָנרירן די ווונד?

מיר האָבן זיך איצט געפונען צוזאַמען. צוויי ברודער און אַ שוועסטער. און אַ ברודערס פֿרוי מיט אַ ניי געבוירן קינד. עס האָט

זיך אויסגעדאַכטן, אַז די ווענט פון צימער טיילן אונז אָפּ פון דער אויסערלעכער וועלט, און אַז מיר זענען פאַרמאַכט און אָפּגעשלאָסן אין אונזער היינטיקער פרייד. אָבער אין דער אמתן זענען מיר געווען הע־שטלעך, געבליבענע אויף אַ קלײנעם אָפּשפּריץ פון אייז, אַרום אונז איז געשטאַנען אַ תהום. און וויפל מיר האָבן נישט געוואָלט פאַרמאַכן די אויגן, כדי נישט זען ווייטער ווי די שטוביקע ווענט, האָט זיך אָבער די אויסערליכקייט אַריינגעריסן פון אויסנווייניק און דער טאָג וואָס האָט געדאַרפט זיין אַ טאָג פֿון לויטער פרייד, איז געווען אַ טאָג פון פרייד, פון גליק און פֿון שטילן טרויער.

דעם זעלבן טאָג האָבן מיר געהאַט נאָך אומגעריכטע געסט. דאָס מאָל נישט פֿון מערב, נאָר פון מזרח. פון רוסלאַנד. צוויי פּערזאָן, מיט וועמען מיר האָבן געטיילט אַ סך פון אונזערע פריידן (און נאָך מער אַ סך פון אונזערע ליידן) אין פאַרשידענע רוסישע שטעט און ישובים. זאַלצבערג און זיין פרוי מירע. (געשילדערט אין בוך „מיינע פיר יאָר אין סאָוויעט־רוסלאַנד").

גלייך נאָך אַרויסבאַקומען זיך פון רוסלאַנד (מיטן שטראָם פון די רעפּאַטריאַנטן) איז מירע אַוועק אין איר געבורטס־שטעטל, ראָווגע ווו זי האָט איבערגעלאָזט אירם אַ יינגעלע אַ „וואונדער־קינד". אַ קינד וועמען מען האָט פאָראויסגעזאָגט אַ גרויסע קאַריערע אַלס פֿידלער. דאָס וואונדער־קינד איז אַוועק אויפן זעלבן וועג, ווי עס זענען אַוועק די אַנדערע יידישע קינדער. געבליבן איז בלויז ביי אַ קריסטלעכער שכנטע — דער פידל. פאַרוואָס האָט יענע נישט אָפּגעהיטן אויך דאָס לעבן פֿונם קינד? די קריסטן האָט דערציילט דעם זעלבן פּזמון, וואָס עס האָבן דערציילט אַלע אַנדערע קריסטלעכע שכנים וועגן יידישע קינדער, וואָס מען האָט איבערגעלאָזט אין זייער רשות. זיי האָבן געטון „אַלץ וואָס ס'איז געווען מעגליך", אָבער קעגן די דייטשן האָט מען זיך נישט געקאָנט אַקעגנשטעלן.

אַזוי דערציילט זי, די קריסטלעכע היטערין, וואָס האָט נישט דער־היטן דאָס קינד פון די מלאכי־חבלה. אָבער אַנדערע שכנים דערציילן וועגן איר גאָר אַנדערע זאַכן. זי איז געווען אַ געליבטע פון דייטשע געשטאַפּאָ־אָפיצירן און איז אפילו אַוועק מיט די דייטשן,

מורא האָבנדיק אַז ער וועט מוזן צאָלן פאַר זיינע פאַרברעכנס. איצט איז זי שוין מער נישט קיין געליבטע פון קיין דייטשן, די דייטשן זענען שוין פון לאַנג פאַרטריבן געוואָרן. איצט שלאָפט זי מיט רוסישע אָפיצירן. זי אָריענטירט זיך שנעל, ווער עס איז דער געווינטשענער צד און לויט דער דאָזיקער אָריענטאַציע קלויב זי אירע געליבטע.

מירע האָט אויך געברענגט א „גרוס" פון אומקום פון די ראָוונער יידן. און דאָרט האָט זי זיך אויך דערוווסט, ווי אַזוי עס זענען אומגעקומען אירע (און מיין פרויס) עלטערן. די ראָוונער יידן זענען אומגעבראַכט געוואָרן אין צוויי הויפּט־אַקציעס. אָבער א חוץ די דאָזיקע אַקציעס, וואָס האָבן געזאָלט פּאַרטיליקן און אָפּווישן דאָס יידישע געדעכעניש פון די יידן אין ראָוונע, זענען אויך פאָרגעקומען אַנדערע, קלענערע אַקציעס, אָדער סתם מאָרדן פון יידן דורך נאַציס. בעת איינעם אזא מאָרד־שגעון פון א נאַצישן באַנדיט איז אומגעקומען מיין פרויס ברודער. איר מוטער איז אַוועק מיט דער ערשטער אַקציע. — מען האָט איינגערעדט די אַרויסגעפירטע יידן, אַז מען וועט זיי באַזעצן אין א וועלדל, א פּאָר קילאָמעטער הינטער דער שטאָט. דאָרטן האָבן שוין געוואַרט אויף זיי אויסגעגראָבענע קברים. דער פאָטער איז אומגעקומען נישט פון די דייטשן, נאָר פון די אוקראַינער. זיי האָבן אים לעבעדיקערהייט איבערגעשניטן מיט א זעג. דאָס איז געווען דער קורצער, דער טרויעריקער סך הכל, וועלכן מירע האָט אהערגעבראַכט פאַר מיין פרוי. אין דיביידע „אַקציעס" זענען אומגעקומען 30 טויזנט יידן. געבליבן זענען בלויז עטלעכע יחידים. דערונטער אויך א פרוי, וועלכע איז נאַקעטערהייט אַרויסגעקראָכן פון מאסן־קבר אַרויס, נאָכדעם ווי זי האָט זיך אַרויסגעגראָבן פון דעם באַרג דערשאָסענע.

דאָס איז געווען דער גרוס פון ראָוונע. מיר האָבן געוווסט, אַז די דאָזיקע שטאָט איז נישט געווען קיין אויסנאַם צווישן די אומגעברענגטע יידישע שטעט פון פוילן, אָבער דאָס מאָל איז דער חורבן געשטאַנען אַזוי נאָענט, אַזוי אָנטאַפּבאַר. מיין פרוי האָט דאָ צום ערשטן מאָל געהערט וועגן דעם „לעצטן וועג" פון אירע נאָנסטע.

און נאָך אַ דריטע בשורה באַקומען מיר דעם זעלבן טאָג: ווײַ־טערדיקע רציחות פון פּוילישע באַנדיטן איבער לעבן־געבליבענע ייִדן! מיר זענען געווען אַלע אויפגעטרייסלט פון די דאָזיקע נײַעס, אָבער אַממייסטן האָט עס געווירקט אויף מײַן שוועסטער. זי איז דאָ אַהערגעקומען פון בערגן־בעלזן, ווײַל זי האָט געבענקט נאָך דער היימישער פּוילישער ערד. ווײַל זי האָט זיך דאָ געריכט דערויף, אַז זי וועט דאָ צוריקגעפונען אַ שמץ פון פאַרלוירענעם. אַז זי וועט אויף דער פריערדיקער פּוילישער ערד געפונען עפּעס אַ פאַרוואַל־גערטן תיקון פון אַמאָליקן לעבן. אָבער געטראָפן האָט זי אַ מורא־דיקן ייִדישן מאַסן־קבר און דערצו נאָך אַ ברענענדיקן אַנטיסעמי־טיזם, וואָס איז נישט פאַרלאָשן געוואָרן דורך די טײַכן פאַרגאָסן ייִדיש בלוט. פאַרקערט. דער פּאָלאַק איז נאָך מער ווילד געוואָרן אין זײַן ייִדן־שנאה און האָט איצט געשטערקט זײַן האַנט צום האַלז פון דעם איבערגעבליבענעם הייפל ייִדן.

מײַן שוועסטער האָט אָנגענומען אַ שנעלן באַשלוס — נישט צו פאַרבלײַבן לענגער אויף דער דאָזיקער ערד, וואָס טראָגט אין די געדערים אַזוי פיל ייִדיש בלוט — און אויף דער אויבערפלאַך אַזאַ מוראדיקן האַס צו ייִדן. זי האָט באַשלאָסן אוועק פון דאַנען. אויך מירע מיט איר פרײַנט זאַלצבערג האָבן אויסגעקליבן דעם דאָזיקן וועג. פאַר אונז איז געווען דאָס אוועקפאָרן פון פּוילן נישט־מעגליך צוליב אונזער נײַ־געבוירן קינד. אויך מײַן ברודער האָט באַשלאָסן מיט אונז צו פאַרבלײַבן. במשך פון די נאָנסטע פּאָר טעג זענען פאָרגעקומען די דאָזיקע ענדערונגען. מײַן שוועסטער מיט אי־רע פרײַנט זענען אַוועק, זייער האָפנונג איז געווען צו באַקומען אַ וויזע אין אַן אַנדער לאַנד אַרײַן. ווײַט פון פּוילן, ווײַט פון דער דאָ־זיקער אויסגעווייקטער ערד. מיר זענען געבליבן. דער געדאַנק אונ־זערער איז געווען דאָ צו בויען אונזער היים.

די מלחמה האָט זיך טאַקע געענדיקט, אָבער די וועלט איז דאָס מאָל אינגאַנצן נישט צוריקגעקומען צו איר פריערדיקער גלײַכגעוויכט. וואָס פאַרא גליקן וואַרטן אונז אין אַנדערע לענדער? אין לאָדזש זענען דעמאָלט געווען 20 טויזנט ייִדן. לאָדזש איז געווען איינג. די

שפּראַך, די מנהגים, די מענטשן. און נאָך אַלעם זענען מיר דאָך געווען געקניפּט און געבונדן מיט דער דאָזיקער ערד. און דערין זע־נען מיר נישט געווען איין און איינציק. טויזנטער אַנדערע יידישע פאַמיליעס האָבן געטראַכט דאָס זעלבע. אפילו יידישע פּאָליטישע פאַרטייען וואָס זענען געווען קעגנעריש צום סאָוויעטישן רעזשים, האָבן געפּרעדיקט דאָס זעלבע. אפילו די בונדיסטן וועמענס פירער זענען דערמאָרדעט געוואָרן דורך די קרעמלישע הערשער, האָבן פונדעסטוועגן אַרומגעטראָגן זיך מיט אַ האָפענונג, אַז דאָ וועט זיין אַנדערש, אַז רוסלאַנד וועט דאָס מאָל האַלטן וואָרט און וועט טאַקע נישט לאָזן אין גאַנג איר גאַנצן מערדערלעכן אַפּאַראַט.

און די דאָזיקע אילוזיע האָט געשיינט צו זיין אַ באַגרינדעטע. אַט זענען דאָך דערלויבט געוואָרן ציטונגען פון פאַרשידענע ריכ־טונגען. בונדיסטן האָבן איינגעאָרדנט אַקאַדעמיעס אונטער זייערע איינענע פּענער. ציוניסטן האָבן אָרגאַניזירט הכשרה'ס. דער יידי־שער קאָמיטעט האָט אַריינגענומען מענטשן פון אַלע ריכטונגען. אויך אויף דער פּוילישער גאַס האָבן געבליט פּאַרטייען און פּאַרטייעלעך פון אַלע גרופּירונגען. עס האָט זיך אויסגעדאַכטן, אַז סטאַלין האָט נישט בדעה אויסצושפּרייטן זיין שאָטן איבער די אָקופּירטע לענ־דער. און די רוסישע פּאָליטיק איז דאַן געווען אַזוי איבערגעשפּיצט, אַז אַפּילו געניטע רוסלאַנד־קענער, וואָס האָבן גוט געוווסט דעם ווערט פון סאָוויעטישע הבטחות, האָבן דאָס מאָל געלאָזט זיך איבער־צייגן. איז דען אַ וווּנדער, וואָס פיל פּשוטע מענטשן האָבן געהאָ־דעוועט ביי זיך די זעלבע אילוזיע? און דעריבער זענען מיר פאַר־בליבן און נישט געזען, ווי די פויסט פון נ.ק.וו.ד. פאַרשליסט זיך וואָס אַמאָל ענגער אויפן האַלז פון פוילנס איינוווינער.

# קאפיטל זיבן

דאס לעבן — אזוי האט עס זיך דאמאלט אויסגעדוכטן — האט גענומען ארייננגיין אין געוויסע סטאבילע ראמען. די מענטשן האבן געמיינט דעמאלט, אז די דאזיקע ראמען זענען געמאכט געווארן פון שטאל און האבן נישט געוואוסט, אז זיי זענען נישט מער ווי פאפירענע.

יידן האבן זיך אנגעהויבן איינצואורדנען אין לאדוש אויפן אלטן שטייגער. מען האט געעפנט קלייטלעך, פארלייגט פאבריקלעך. די מאכט האט נישט געשטערט. פארקערט. עס האט אויסגעזען, ווי זי וואלט עס דערמוטיקט. געוויסע יידן האבן זיך אין דער דאזיקער צייט אפילו דערשלאגן צו פארמעגנס. יידן האבן אויך אנגעהויבן צו באטומען מער דרייסטקייט און האבן זיך ארויסגעלאזט האנדלען איבער די ארומיקע שטעטלאך און דערפער. מען האט געגלויבט אז עס שטעלן זיך טאקע איין נארמאלע פארמלחמהדיקע באציאונגען. די איינצעלנע מארדן איבער יידן האבן יעדן איינעם שווער געטראפן אבער זיי זענען באטראכט געווארן ווי אויסנאמען און נישט ווי א כלל.

אבער די דאזיקע אויסנאמען האבן פלוצלונג גענומען שרעקן שוין נישט בלויז צוליב די פאקטן פון מארד אליין, נאר צוליב א צווייטע זאך נאך, וואס האט די עצם אקטן פון באנדיטיזם אנגעהויבן צו שטעלן איננאנצן אין א נייער ליכט די נייע ווירקלעכקייט. די נייע ווירקלעכקייט פון פאלקס־דעמאקראטישן פוילן.

א געוויסן טאג האב איך אויף דער גאס באגעגנט צוויי וויעזשבניקער יידן שמחה מינצבערג און מלך בינשטאק. מינצבערג האט

געהאַט אַ גליק —ער האָט באַוויזן אָפּצוראַטעווען נישט בלויז זיך, נאָר אויך זיינע צוויי קינדער. בינשטאָק איז געבליבן אליין. ער האָט זיך נאָר וואָס אומגעקערט פון וויעזשבניק, וווּ ער האָט איבערגעלעבט אַ שרעקלעכן פּאָגראָם. צען יידן, וואָס זענען צוריקגעקומען קיין וויעזשבניק, זענען דערמאָרדעט געוואָרן דורך פּאָלאַקן. דער פּאָגראָם איז געווען אַן אָרגאַניזירטער. די באַנדיטן האָבן ארומגערינגלט דאָס הויז, אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען די יידן און האָבן קאַלטבלוטיק אויסגעהרגעט אַלע אָנוועזנדיקע יידן. בינשטאָק האָט זיך געראַטעוועט דערמיט, וואָס ער איז אַנטלאָפן אויפן דאַך און דאָרטן אין שאָטן פון אַ קוימען, האָט ער זיך באַהאַלטן ביז פאַרטאָג. אונטן איז דערוויילֿ אָנגעגאַנגען די שחיטה, ביז דער לעצטער יידישער קרבן האָט אויסגעהויכט די נשמה. בינשטאָק דערציילט און די שטימע זיינע ציטערט אַן אדורכגעווייקטע אין דעם נאָר-וואָס אדורכגעלעבטן גרויל — אַז נישט בלויז ציווילע פּאָלאַקן, נאָר אויך מונדירטע מיליציאַנטן האָבן זיך באַטייליקט אינם מאָרד. מונדירטע מיליציאַנטן, כשרע אָפּהיטער פון דער נייער אָרדנונג און פאַרטרויאונגס לייט פון די קאָמוניסטן האָבן זיך אַקטיוו מיטבאַטייליקט אין דער שחיטה. ער האָט עס געזען מיט די אייגענע אויגן. מיליציאַנטן — די סימבאָלן פון דער נייער מאַכט — האָבן געהאָלפן אָרגאַניזירן און אדורכפירן דעם פּאָגראָם.

די דאָזיקע ווערטער פון בינשטאָקן האָבן זיך גענומען באַשטעטיקן אויך פון אַנדערע זייטן. אין פיל ערטער ווו עס זענען פאָרגעקומען אָנפאַלן אויף יידן, האָט מען אָנגעטראָפן אויף אַ טויבע וואַנט בעת מען האָט זיך געווענדעט נאָך שוץ צו דער מאַכט. אין טייל פאַלן האָט מען זיך אפילו אָנגעטראָפן אויף אָפענע חוזק-באַמערקונגען מצד די נייע באַלעבאַטים. עס איז פּלוצלונג קלאָר געוואָרן אַז די נייע מאַכט-האָבער זענען אפשר גאָרנישט אַזוי שטאַרק פאַראינטערעסירט אין אָפּשטעלן די דאָזיקע בלוטיקע אַקטן איבער יידן. אַז עס ליגט אפשר אין די אינטערעסן פון געוויסע פּאָליטיקער נישט אויפצוקלערן דעם שנאה-בלינדן פּאָלאַק, אַז דער האַס איז אַן אומבאַגרינדעטער, אַז דאָס דערמאָרדן יידן איז אַ חטא, ווייל אויב אַזוי

וועט אפשר דעם באַנדיט אָנהויבן צו זוכן עמיצן אַנדערש אין וועמען אריינצושטעכן זיין מעסער...

אין די דאָזיקע צייטן האָט זיך אָנגעהויבן די מאַסן־רעעוואַקוּ־אַציע פון די פוילישע בירגער אין רוסלאַנד. פאַר די פוילישע אַנטי־סעמיטן איז עס געווען אַ נייער „קלאַפּ". פריער האָבן זיי נישט גע־קאָנט אראָפּשלינגען, וואָס איינצלנע יידן זענען ארויסגעקומען פון די בונקערס, אָדער זענען צוריקגעקומען פון די לאַגערן. איצט זענען זיי ארוים די אויגן, ווען זיי האָבן דערזען גאַנצע צוגן מיט צוריק־קומענדיקע יידן.

צענדליקער אַזעלכע באַנען זענען געקומען פון מזרח און האָבן זיך געגומען קאַלערן איבער דער פוילישער ערד. אינעווייניק, אין לאַסט־וואַגאָנען זענען געזעסן צונויפגעקנוילטע, נידערגעשלאָגענע מחנות מיט פארחושכטע און אָפּגעריסענע — יידן, וואָס האָבן מיט פאַרצווייפלטע אויגן ארויסגעקוקט פון די אָפענע טירן. אָבער די פאָליאַקן, וואָס זענען געשטאַנען ביי זייערע הייזער אָדער נעבן די וואָקזאַלן האָבן נישט געזען די מענטשלעכע חשבות און פאַרצווייפ־לונגען, זיי האָבן געזען בלויז איינס: יידן! יידן קומען דאָ ווידער פאַריידישן זייער פוילן. היטלער האָט נישט אַלעמען אויסגעשאָכטן. און זיי האָבן באַגלייט די וואַגאָנען מיט גאַל אָנגעטריפטע בליקן און זיי האָבן באַוואָרפן די באַנען מיט שטיינער: דאָס איז געווען דער ברוך הבא, וואָס די צוריק־געקומענע יידן האָבן באַקומען דאָ, אויף דער פוילישער ערד.

און צוזאַמען מיט די שטיינער איז אין דער ריכטונג פון די וואַ־גאָנען געפלויגן אַ נאָך מער פאַרשטאַרקטער האַס. אַ נייע יידישע אינוואַזיע! פאַרוואָס זענט איר נישט אויסגעגאַנגען דאָרטן אויף די רוסישע סטעפּעס? און דער האַס האָט אָפּטמאָל אָנגענומען נייע פאָרמען פון רציחות. פאַרשידענע פינצטערע באַנדעס פון אוקראַ־ינער, פון ווייסרוסן און פון פּאָליאַקן האָבן געבושעוועט איבער פאַרשידענע געגענטן. און אויב עס האָבן זיי אונטערגעשיידעט פאַר־שידענע „אידעאישע" צילן, האָט זיי אָבער פאַראייניקט איינס: די גיריקייט נאָך יידיש בלוט! און נישט איין ייד, וואָס איז אינמיטן וועג

אראָפּ פון א וואגאָן, כדי צו זוכן א ביסל שפּייז בשכנות פון א סטאַ־ציע איז מער נישט צוריקגעקומען.

די צאָל וואגאָנען פון רוסלאנד האָט זיך געהאלטן אין איין פאר־מערן. אין רוסלאנד א פּריקאז — איז א פּריקאז. טאָמער איז דאָרטן געגעבן געוואָרן א פאראָרדנונג וועגן רעפּאטריאציע — האָבן עס די טשינאָווניקעס אויסגעפירט מיט גרויס פּלייסיקייט. פּונקט ווי זיי האָבן פריער געשיקט די זעלבע יידן אין די אייזיקע, סיבירישע סטעפּעס. אזוי האָבן זיי יעצט געשיקט די זעלבע יידן צוריק קיין פּוילן. ווייל נישט דער מענטש איז דאָרטן וויכטיק — נאָר דער באַפעל פון דער „וולאסט״.

א סך פון די צוגן זענען אדורכגעפאָרן דורך לאָדזש. אראָפּגיין אין לאָדזש האָט מען נישט געטאָרט — די מענטשן־טראנספּאָרטן זענען באשטימט געווען פאר די „צוריק־גענומענע געביטן״. א סך זענען אָבער ארויסגעשפּרונגען פון די באנען און די לאָדזשער באַפעלקערונג איז אָנגעשוואָלן געוואָרן מיט נייע טויזנטער „ביעזשענ־צעס״. צווישן די צוריקגעקומענע פון רוסלאנד זענען געווען פיל פון אונזערע באקאנטע. מיין אמאָליקער „נישט דערגאנגענער זיווג״ עווא מיט איר מאן, וועלכער איז אין רוסלאנד קראנק געוואָרן אויף מאלאריע און האָט זיך שוין פון דער דאָזיקער חולאת נישט געקאָנט מער באפרייען. אברהמל צוקערמאן, וועלכער איז געפאָרן קיין רוס־לאנד נאָך אין אָנהויב פון קריג מיטן גרינעם גלויבן פון א פאנאַ־טישן קאָמוניסט און וועלכער האָט זיך אויסקורירט פון קאָמוניזם אין די רוסישע תפיסות. און פיל אנדערע מיט וועלכע דער גורל האָט אונז צוזאמענגעפירט איבער דערברייט (און דער עיקר — איבערן שנייאיקן צפון...) פון סאָוויעט־רוסלאנד.

אָבער נישט אלע יידן, וואָס זענען דאָרט אהין אין די יאָרן 1939־41 אוועקגעשיקט געוואָרן, זענען איצט צוריקגעקומען. יידישע ביינער האָבן געדיכט באלייגט די ווייטע רוסישע וועגן. יידישע טויטע האָבן אויסגעפילט טויזנטער רוסישע בית־עלמינם. וויפל צענדליקער טויזנטער יידישע פרויען און מענער זענען „באפרייט״ געוואָרן דורך די סאָוויעטן, כדי די גופים זייערע זאָלן שוין אויף אייביק פאַר־

בלייבן אין די אינגעווייידן פֿון רוסישע קברים? וויפל לעבנס פון טויזנטער יידישע קינדער זענען אומשולדיק פארשניטן געוואָרן אויף רוסישע קאַטאָרגעס, און אין רוסישע לאַגערן? וויפֿל אומשולדיק יידיש בלוט איז פֿאַרגאָסן געוואָרן דורך דער רוסישער נ.ק.וו.ד. אין דער זעלבער צייט, ווען נאַצישע רוצחים האָבן געשלעפט יידישע קהלות אין די גאַז־קאַמערן און אָפענע גריבער? ווער וועט אמאָל וויסן זייער צאָל? ווער וועט אמאָל זיין ביכולת צו דערציילן די גאַנצע, בלוט־פאַרגליווערנדיקע דראַמע פון די יידישע קרבנות, וואָס זענען אַנטלאָפן פונם נאַצי, כדי צו געפינען ברוטאַליטעט, אומגליק און אויך טויט אויף דער קאָמוניסטישער ערד?

# קאַפּיטל אכט

לאָדזש האָט אָנגעהויבן צו ווערן אַ גרעסערער יידישער צענטער. אַפּטמאָל ווען מען האָט געשפּרייזט איבער די לאָדזשער גאַסן, האָט מען געקאָנט פאַרגעסן, אַז דאָס איז יאָר 1946־1947. די גאַסן האָבן געווימלט מיט יידן, אין די קיאָסקן זענען געווען ארויסגעהאָנגען יידישע צייטונגען. אויף די ווענט זענען געהאָנגען יידישע פּלאַקאַטן, יידישע דורכגייער האָבן גערעדט אַ הויכן יידיש. לאָדזש — ווידער־אַמאָל אַ יידיש לאָדזש? אָבער אַז מען האָט זיך נענטער צוגעקוקט האָט מען דערזען, אַז די דאָזיקע יידישע באַפּעלקערונג איז געווען אַ מאָדנע באַפּעלקערונג. נישטאָ קיין זקנים צווישן די יידישע איינוווינער פון לאָדזש. זעלטן זעט מען דאָ אַ געזיכט פון איבער 50 יאָר. און ס'זענען אויך דאָ אַזוי ווייניק, אַזוי טראַגיש ווייניק יידישע קינדער. און אויף די געזיכטער פון די יידן זענען נישט קיין געזיכטער פון מענטשן, וואָס האָבן געפונען דאָ אַ סטאַבילע מנוחה. נישט בלויז די מלבושים זענען געווען דאָ משונהדיקע־מיסטנטייל פּופּיי־קעס, אַהערגעבראַכטע פון רוסלאַנד אָדער אויסטערלישע נישט־צו־געפּאַסטע קליידער, פון שנעל־געשיקטע אַמעריקאַנער פּעקלאַך. דער עיקר זענען אָבער די אויגן געווען מאָדנע ווי זיי וואָלטן אינגאַנצן נישט געהערט צו די געזיכטער. ווי זיי וואָלטן געהערט צו אַן אַנדער וועלט, ארומגעשווימען אין אַנדערע מקומות, מייסטנטייל אין דער פאַרגאַנגענהייט אָדער אין אַ נישט־עקזיסטירנדיקער צוקונפט, זעלטן אָבער אין דער איצטיקער נישט־סטאַביליזירטער ווירקלעכקייט.

די נייע מאַכט איז געווען אַ דעמאָקראַטישע מאַכט און אַ טאָ־לעראַנטע מאַכט, וואָס האָט געדולדעט — און אַפילו דערמוטיקט אָפּאָזיציאָנעלע פּאַרטייען. אָבער צווישן דער דאָזיקער אויסערלעכער

טאָלעראַנץ און דעם אמתדיקן פּאָליטישן רעזשים האָבן זיך אָנגע־הויבן אַרויסצווייזן גרויסע שפּאַלטן — אויב אין פאַרשידענע סער־פּערשאַפטן זענען אַריינגעלאָזט געוואָרן מענטשן פון אַנדערע פּאָלי־טישע איבערצייגונגען איז אָבער די פּאָליציי געווען אָנגעפירט אויס־שליסלאַך דורך קאָמוניסטן. עס איז טאַקע אמת, אַז די מאַכט האָט דעמאָלט דערלאָזט צו פירן געשעפטן, אָבער יעדעס געשעפט האָט זיך געפונען אונטער דער שטרענגער אויפזיכט פון אַן אַזוי גערו־פענער „ספּעציעלער קאָמיסיע". די דאָזיקע קאָמיסיע האָט אויך גע־הערשט איבער די פאַרשידענע אינסטיטוציעס.

דאָס גאַנצע פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע און עקאָנאָמישע לעבן פון דעמאָלטיקן פּוילן האָט אויסגעזען ווי אַ מאַריאָנעטן־טעאַטער. פונדערווייטנס איז אַלץ געווען נאָרמאַל. די האָלצערנע לאַליעס האָבן אויסגעזען ווי לעבעדיק, אָבער דאָס אַלץ איז געצויגן געוואָרן אויף פאַרשידענע שטריקלעך — און די שטריקלעך־ציער איז געווען די פּאָליטישע פּאָליציי, וואָס האָט באַקומען אירע באַפעלן דירעקט אָדער אומדירעקט פון מאָסקווע.

שפּעטער זענען די דאָזיקע מאַריאָנעטן אַראָפּגענומען געוואָרן פון דער בינע און עס זענען דאָרט אַרויפגעזעצט געוואָרן די אמת־דיקע מאָסקווער קוקלעס... אָבער דאָס איז געווען שפּעטער. פריער איז נאָך געווען דער אָנשטעל פון דעמאָקראַטישקייט, אָבער מען האָט געדאַרפט האָבן אַ ביסל אָפענע אויגן, כדי צו זען אַז דאָס איז נישט מער ווי אַן אָנשטעל.

די דאָזיקע „ספּעציעלע קאָמיסיע" האָט שוין דעמאָלט געהאַט אַ גאָר גרויסע מאַכט. אַפילו אַ גרעסערע ווי די „אובע", די קאָמיסיע האָט געהאַט די רעכט אַרויסצוגעבן אורטיילן — אויפן שטייגער פון דער מאָסקווער „טראָיקע". קעגן אַזאַ אורטייל איז מען געווען אינ־גאַנצן הילפלאָז. אַפילו דער פּראָקוראָר האָט דאָ ווייניק־וואָס גע־קאָנט פועלן. אַזוי אַרום האָט זיך שוין דעמאָלט דאָס לעבן געפונען אין אַ וואָס אַמאָל מער געדיכטע נעץ פון טעראָר. אָבער נישט אַלע האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון, אַז מען שפּאַנט אויף אַ פאַרעטערישער בריק, אַז איבערן האַלז פאַרציען זיך וואָס אַמאָל

ענגער די פּאָליציייאישע שנורן. און א סך מענטשן — און אפילו דערפאַרענע פּאָליטישע פּארטייען — האָבן געלעבט מיט אילוזיעס.

די גרעסטע טראַגעדיע האָט דאן איבערגעלעבט די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּארטיי — די פּ.פּ.ס. די פּ.פּ.ס.אָווצעס האָבן זיך אריינגעוואָרפן אין דער ארבעט מיטן גאַנצן פלאַם און פייער — אזוי ווי דאָס וואָלט טאַקע געווען זייערס א זאַך און נישט דעם טייוולס...

פּוילישע סאָציאַליסטן האָבן זיך אוועקגעשטעלט ביים רודער. אָנגענומען פּאָסטנס פון סטאַראָסטעס, פון וואָיעוואָדעס, פון דירעקטאָרן. די מיניסטעריומס זענען געווען פול מיט זיי. א חוץ דער פּ.פּ.ס. האָבן אויך אַקטיוו זיך אנגאַזשירט אין די רעגירונג־אַמטן די פּארטיי פון מיקאָלייטשיקן, די פּ.ס.ל. (פּאָלסקיע סטראָננּיצטוואָ לודאָווע) מיקאָלייטשיק איז אין יענע צייט געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע מענטשן אין לאַנד, צו זיינס א רעדע פלעגט מען שטראָמען פון די ווייטסטע געגנטן פון פּוילן. מען פלעגט פאָרן אויף די דעכער פון די צוגן.

מיקאָלאַיטשיק האָט פאַרן דורכשניטלעכן פּאָליאַק פאָרגעשטעלט מיט זיך נישט בלויז דעם אינערלעכן פּוילישן מנהיג, ער איז אויך געווען דער פּאַרבינדונג־מענטש מיט אויסלאַנד. די פּאָליאַקן האָבן געפילט אינסטינקטיוו, ווי רוסלאַנד האַלט ביים אָפּשניידן פּוילן פון דער אויסערלעכער וועלט, ווי די אַמאָליקע געוויינלעכע גרעניצן מיטן מערב הייבן אָן צו ווערן הערמעטיש אָפּגעשלאָסן. האָט מען דעריבער געקוקט אויף מיקאָלאַיטשיקן ווי אויפן פאַרבינדעטן מיט אויסלאַנד, ווי אויף דעם איינציקן לעבעדיקן קאָנטאַקט מיט דער ברייטער וועלט.

אָבער דער קאָמוניסטישער מיקראָב, ווי קליין ער איז נישט געווען, האָט אָנגעהויבן אויפצופרעסן דעם גרויסן אָרגאַניזם פון די דאָזיקע פּאַרטייען. די קאָמוניסטן האָבן עס געטון דעמאָלט אויף א ביטערן און אויף א קלוגן אופן. די לאָזונגען זייערע זענען מייסטנטייל נישט געווען קיין פּאָליטישע. עס האָט זיך כלומרשט געהאַנדלט בלויז וועגן א צוזאַמענאַרבעט ביים ווידעראויפבוי: אויפבוי פון שולן, פון שטעט, פון דער אינדוסטרי, אפילו פון דער קירכע.

די דאָזיקע לאָזונגען זענען דעמאָלט געווען פּאָפּולערע. מען האָט אין דער קאָמוניסטישער צוזאַמענאַרבעט נישט דערזען דאָס געפאַר פון מאַנעוור, א סך האָבן עס טאַקע גענומען ערנסט און ערליך. די קאָמוניסטן האָבן דאַן געשפּילט די ראָלע פון שעפּסלעך. זיי זענען גאָרנישט אויסן, זיי זענען בלויז אויסן די טובה פון כלל. פון פּוילישן כלל, און נישט פון די מאָסקווער באַלעבאַטים. און גרויסע פּאַרטייען זענען נעגאַנגען צום ריטם פון די דאָזיקע לאָזונגען און האָבן זיך געלאָזט אריינציען אין תהום פון זעלבסט־ליקווידאַציע און פון אומקום.

ביי אונז אין שטוב איז אַמאָל פאָרגעקומען א קאָנפערענץ פון פּ.פּ.ס׳ישע פירער. עס איז געווען דעמאָלט די צייט פון די וואַלן. די אַנטיילנעמען פון דער קאָנפערענץ — אַלטע, דערפאַרענע און אויפריכטיקע סאָציאַליסטן, האָבן זיך דעמאָלט אויפגעפירט ווי נישט דערפאַרענע קינדער. זיי זענען געווען מיט ליב און מיט לעבן אריינגעטון אין די צוגרייטונגען צו די דעמאָקראַטישע וואַלן. זיי האָבן געגלויבט — זיי האָבן געהאַט צוטרוי. מיט קיין איין וואָרט איז נישט דערמאָנט געוואָרן, אַז עס איז פאַראַן א מעגלעכקייט פון א קאָמוניסטישער פּאַסטקע. ווען עמיצער ביי אונז אין שטוב האָט זיי אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז זיי דאַרפן נישט קוקן בלויז אויף דער אויבערפלאַך „אל תסתכל בקנקן", האָט איינער פון זיי אָנגעצונדן מיט א יוגנטלעכן פלאַם און האָט געזאָגט:

— אייערע רייד זענען אומבאַגרינדעט. עס איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן פאַר קיין שום מאַכינאַציעס. מיר זענען א צו גרויסע פּאַרטיי, מען זאָל אונז קאָנען פאַרפירן. מיר האָבן 500 טויזנט מיטגלידער און די סימפּאַטיע פון מיליאָנען. מיט אַזא כוח מוז אפילו מאָסקווע זיך רעכנען.

אָרימע נאַאיווע מענטשן!

# קאַפּיטל נ יין

אין דער דאָזיקער צייט איז פּלוצלונג אָנגעקומען די פינצטערע די בלוטיקע ידיעה וועגן דעם פּאָגראָם אין קעלץ. די ידיעה איז נישט געקומען פון העלן הימל אַראָפּ. אַלץ איז געווען גרייט צום דאָזיקן בלוטיקן ספּעקטאַקל. די אַטמאָספערע אין פּוילן איז געווען אַדורכגעדרונגען מיט יידן־שנאה. טאָג־טעגלעך זענען אָנגעקומען ידיעות וועגן אָנפאַלן אויף יידן. דאָס אָפּשטעלן באַנען און אַראָפּ־שלעפּן יידישע פּאַסאַזשירן האָט זיך כסדר איבערגעחזרט.

מיר, וואָס האָבן געוווינט דעמאָלט אין גרעסטן יידישן ישוב, אין לאָדזש, האָבן גוט געפילט, אז דאָס לעבן אונזערס איז געבויט אויף זאמד. מיר האָבן עס געפילט — אָבער נישט געוואָלט דערלאָזן צום באַוווסטזיין. מיר האָבן אָפּגעשטויסן מיט די הענט די געשפּענ־סטער, וואָס האָבן זיך אריינגעריסן אין אונזער געמיט פון אַלע זייטן. מיר האָבן געוואָלט צוריק לעבן ווי מענטשן און דעריבער האָבן מיר אויפגענומען די אַלע ידיעות וועגן יידן־מאָרדן, ווי איינ־צעלנע אָפּשפּריצן און נישט ווי אַ גאַנץ בילד. ערשט דער פּאָגראָם אין קעלץ האָט אונז אויפגעוועקט פון דער דאָזיקער אילוזיע.

איך געדענק גוט דעם טאָג, עס איז געווען דער פינפטער יולי. אין לאָדזש זענען געשטאַנען בלויע און גאָלדענע טעג. דער הימל האָט נישט געזשאַלעוועט פון זיין זומערדיקער שפע. די שטראַלן האָבן נחתדיק געוואַרעמט און די מענטשן האָבן זיך באַוועגט איבער די גאַסן מונטערע און לעבעדיקע, ווי נאָך אַ לאַנגער דערוואַרטונג... און פּלוצלונג האָט ווי אַ שטורעם זיך אריינגעריסן אין דאָזיקן מענטשלעכן וואַלד די ידיעה און די אויגן פון די יידישע דורכגייער האָבן זיך איבערגעקוקט מיט אַ פּלוצלונג אָנגעגאָסענער שרעק:

— צי איז עס אמת? און איינער צום אַנדערן איז צוגעלאָפן און האָט געזוכט אין יענעמס געזיכט אַ באַשייד צו דער פראַגע:

— צי איז עס אמת?

די פראַגן זענען נישט געווען מער ווי רעטאָרישע פראַגן. אוודאי האָבן מיר געוווּסט, אַז עס איז אמת. און דער פּלוצלונג־אָנגעקומענער קלאַנג קאָן נישט זיין קיין אויסגעטראַכטער, אַז אין דער שטאָט קעלץ...

וואָס איז פאַרגעקומען אין קעלץ?

איינער האָט ביים אַנדערן געשטעלט די פראַגע און האָט געוואַרט מיט אַ קלאַפּעדיקן האַרץ, אַז ער זאָל אָפּלייקענען די ידיעה, אָבער קיינער האָט די ידיעה נישט אָפּגעלייקנט. יאָ, עס איז אמת. אין קעלץ איז פאַרגעקומען אַ מוראדיקער פּאָגראָם. אין קעלץ האָבן פּאָליאַקן אויף אַ אָרגאַניזירטן אופן במשך פון גאַנצע זיבן שעה געשאָכטן די יידן. 41 יידן זענען דערמאָרדעט געוואָרן מיט בלערליי טויטן. 30 יידן זענען אומגעקומען אין די הינטערשטאָטישע באַנען און עטלעכע און דרייסיק יידן זענען שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן. יאָ. סאיז נישט געווען קיין ספק. און דער באַווייז איז דאָ פאַראַן געווען שוואַרץ אויף ווייס. די פּאָר צענדליק פאַרוווּנדעטע יידן האָט מען דאָ אהער־געבראַכט קיין לאָדזש, אין שפּיטאָל אריין.

מיר זענען געשטאַנען אויף דער גאַס, אַ גרופּע מיט אויפגע־טרייסלטע יידן, און מיר האָבן פון גרויס ביטערניש זיך געשעמט צו קוקן אין די געזיכטער אריין. מיר האָבן שוין געוווּסט די פּרטים.

דער פּאָגראָם האָט געדויערט אַ גאַנצן טאָג. דער פּאָגראָם איז געווען אַן אָרגאַניזירטער. אינם פּאָגראָם האָבן אָנטייל גענומען פּאָלי־ציאַנטן און מיליטער לייט. צום פּאָגראָם האָבן געשטויסן גלחים...

יעדער איינער פון אונז האָט געשווידערט. איך האָב אין שטוב גאָרנישט געזאָגט. איך בין אַוועק אין שפּיטאָל אריין. אויפן וועג האָב איך געטראָפן נאָך יידן. וואָס האָבן געאיילט אין דער ריכטונג פון שפּיטאָל. ווען מיר זענען אָנגעקומען איז שוין דאָרט געווען פאַר־זאַמלט אַ גאַנצע מחנה. געזיכטער זענען געווען צעפּלאַמט. אויגן האָבן געגליט. עס איז געווען די שעה פון אויפנאַם, אָבער נישט אַלע

האָבן געקאָנט אריין צו די פאַרוואונדעטע. איך בין דעריבער אוועק. איך האָב מיך ארומגעדרייט איבער דער גאַס. באַשלאָסן דאָך צוריק־צוגיין אין דער נאָכמיטאָג שעה.

דערווייל האָב איך מיך געדרייט איבער דער שטאָט און וויפל כ'האָב נישט באַמיט זיך אָפּצונויגן די געדאנקען, האָבן זיי אָבער ווי באַציילן ארומגעראַיעט אין די געהירן; מער טאָר מען דאָ קיין מינוט נישט בלייבן. מען טאָר דאָ מער קיין רגע נישט פאַרזוימען.

כ'האָב געטראָפן אַ באַקאַנטן ייד, מיט וועלכן מיר האָבן זיך נישט געזען זינט רוסלאַנד. נאָרמאַל וואָלט די באַגריסונג אונזערע געווען אַ הייסע, אַ פריידיקע, אָבער מיר האָבן זיך שטיל דערלאַנגט די הענט און אָנגעקוקט ווי צוויי אבלים.

— איר האָט געהערט?

דאָס איז געווען גענוג, איינער האָט שוין געוווּסט, וואָס עס טראַכט דער אַנדערער. איך האָב אים בלויז געפרעגט:

— ווען זענט איר דאָ געקומען? ווי אַזוי? מיט די רעפּאַטריאַנטן?

אָבער ער האָט אַ מאַך געטון מיט די האַנט:

— וואָס פאַרא באַדייטונג האָט עס? יענץ געהערט צו דער פאַר־גאַנגענהייט. איז שוין מער נישט אַקטועל. יעצט זענען פאַראַן נייע צרות.

כ'האָב מיך דערמאָנט אין עגלעבע סצענע, וואָס כ'האָב איבער־געלעבט באַלד אין די ערשטע טעג פון קריג. באַלד ווי די דייטשן זענען אריין האָט עמיצער ביי אונז אין שטוב דערמאָנט די אדורכ־געלעבטע באָמבאַרדירונגען. דאַן האָט מיין מוטער געזאָגט:

— וועגן יענעם רעדט מען שוין מער נישט. איצט איז פאַראַן אַ נייע צרה — די דייטשן. יענץ איז שוין נישט אַקטועל.

געגנוי די זעלבע ווערטער האָט אויך געענטפערט דער ייד. רוס־לאַנד, קאַטאָרגע, תפיסות, גרעניצן — דאָס אַלץ איז אַ פאַרעלטערט קאַפּיטל. איצט איז פאַראַן אַן אנדער זאַך, וואָס שטופּט אַראָפּ אַלע זאַכן אין פאַרגעסעניש. די נייע צרות, די שנאה, די בלוט־פאַרגי־סונגען, די פּאָגראָמען.

מיר האָבן זיך כמעט שווייגנדיק ארומגעדרייט איבער דער שטאָט,

ביז די טריט אונזערע האָבן זיך נאָכאַמאָל געווענדעט צום שפּיטאָל. דאָס מאָל האָט מען אונז אַריינגעלאָזט אין אַ זאַל, וווּ עס זענען געלעגן אַ פּאָר פון די לייכטע פאַרוואונדעטע יידן. דאָס ערשטע בילד, וואָס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן זענען געווען די צעשלאָגענע, פאַרבאַנדאַזשירטע קעפּ מיט די פּאָר שרעק אַרומלויפנדיקע פּנימער. די יידן האָבן זיך געפונען סך הכל איין מעת לעת פון פּאָגראָם און האָבן נאָך נישט באַפרייט זיך פון די נאָך פרישע שאָטנס. איך האָב זיך צוגעזעצט אויפן בעט פון אַ יינגן ייד. ער האָט געהאַט צוויי גרויסע, אַש־קאָליריקע און איינגעפאַלענע באַקן און אַ בלוט־אויפגעשוואָלן מויל. די גאָמבע איז געווען אַרומגענומען מיט אַ ווייסן באַנדאַזש, פון וועלכן עס האָט אַפּערגעקוקט אַ שטיק וואַטע מיט גאַזע. דער באַנדאַזש איז געווען אַ גרויסער, ער האָט זיך געוויקלט אַרום האַלז און אַרום דער ברוסט און פּלייצע. דאָס רעדן איז אים אָנגעקומען שווער, אָבער דאָס בילד וואָס האָט זיך געשאַפן פון זיינע איינצלנע און שטיל־אַרויסגעזאָגטע ווערטער איז געווען אַ בולטס, בולט און שרייענדיק, אַז עס האָט אין מיר געריסן די נערוון מיט די בלוט־אָדערן!

קעלץ איז געווען אַ גוט-באַקאַנטע שטאָט אין פּוילן. די שטאָט קעלץ איז געווען דאָס זיץ אָרט פון דער „וואָיעוואָדזטווע". די שטאָט האָט געציילט 64 טויזנט איינוווינער, דערונטער 25 טויזנט יידן. די שטאָט האָט געשמט מיט איר ריינקייט, מיט איר גוט־אַנטוויקלטן האַנדל און קליין־אינדוסטרי. דער יידישער ישוב אין קעלץ איז געווען איינער פון די פרוכטבאַרסטע אין פּוילן: גרויסע פּאַרטייען, יידישע אָרגאַניזאַציעס, קלובן, אַ פּרעכטיקע אָרגאַניזירטע יוגנט. אַן אייגענע יידישע וואָכן־צייטונג.

דאָס יידישע קעלץ איז געווען אַ באַדייטנדיקער ציגל אין פּויליש־יידישן בנין. אין דער אַלגעמיינער יידישער קולטור אין פּוילן האָט קעלץ צוגעטראָגן איר וויכטיקן חלק. דאָס איז געווען פאַר דער מלחמה. דער אָנהויב פון דער נאַצי־אָקופּאַציע האָט דאָס יידישע לעבן בלויז אויבערפלעכלעך אָנגערירט. עס האָט זיך אויסגעדאַכטן ווי די נאַציס וואָלטן זיך צו די יידן אין קעלץ באַצויגן אַנדערש ווי

אין אַנדערע געגנטן. מען האָט נישט געהערט דאָ פון קיין דערשי־סונגען, פון קיין סעלעקציעס. אָבער אומגעריכט האָט מען דערפילט דעם ערשטן בלאָז פון אַנקומענדיקן שטורם. און ווען דער שטורעם איז אויסגעבראָכן האָט ער באַלד מיט דריי קלעפּ אַרויס־געריסן דעם יידישן בוים מיטן וואָרצל. 19.000 יידן זענען אַוועקגע־פירט געוואָרן במשך פון דריי קורצע אַקציעס קיין טרעבלינקע און זענען דאָרט פאַרסמט געוואָרן . די איבריקע זענען אומגעבראַכט געוואָרן נאָך פאַרשידענע חבלי־לידה אין אַנדערע טויט־ערטער.א פּאָר געציילטע יידן בלויז זענען אַוועק אין די וועלדער אָדער האָבן זיך לעבעדיקערהייט באַגראָבן אין בונקערם. גאָר אַ קליינע צאָל איז פריער נאָך אַוועק קיין רוסלאַנד.

ווען די נאַצי זענען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון דער געגנט, זע־נען קיין קעלץ צוריקגעקומען אַכציק יידן. 80 פון 25 טויזנט. די יידן, צווישן וועלכע עס זענען אויך געווען עטלעכע קינדער, האָבן זיך אין גרעסטן טייל אַריינגעצויגן אין הויז פון יידישן קאָמיטעט אויף פּלאַנטי 7.

25.000 יידן האָבן דאָ פריער געלעבט און האָבן דאָ איבערגע־לאָזט זייער האָב און גוטס מיט זייערע דירות, אָבער ווען 80 יידן זענען צוריקגעקומען, זענען נישט געווען פאַר זיי קיין וווינונגען, האָט די גרעסטע טייל פון זיי געמוזט זיך אַריינציען אין הויז פון יידישן קאָמיטעט.

— צי האָט איר געהאַט בדעה צו פאַרבלייבן אין קעלץ? איינצו־אָרדנען זיך דאָרט אויף שטענדיק?

דער ייד מיטן באַנדאַזשירטן געזיכט קוקט אונז אָן מיט נאָכ־טראַכטנדיקע אויגן:

— מיר האָבן עס אַליין נישט געוווסט. יעדער פון אונז האָט געטראַכט פאַרשידן. געהאַט אַנדערע פּלענער. אָבער דערווייל האָט מען געדאַרפט זיך ווי עס איז איינאָרדנען. מען האָט געדאַרפט האָבן אַ געלעגער, זוכן אַ באַשעפטיקונג. און אפשר וואָלט אַ טייל פון אונז טאַקע פאַרבליבן דאָרט אויף שטענדיק, אָבער די יידן־שנאה האָט אונז געברענט די טריט.

די יידן־שנאה! קעלץ האָט אויך פאַר דער מלחמה געהאַט נישט ווייניק אַנטיסעמיטיזם־פּרעדיקער. אַפילו פון די פּולפּיטן אין דער קירכע האָט זיך געגאָסן אַנטי-יידישער האַס. אָבער ווען עס האָבן זיך פּלוצלונג באַוויזן אַכציק יידן! אכציק יידישע נפשות, ניין, דאָס האָבן אפילו די גאָר מעסיקע פּאָליאַקן נישט געקאָנט פאַרטראָגן.

דער ייד האָט דערציילט:

— מיר האָבן געוווּסט, אַז מיר זענען ארומגערינגלט מיט האַס, אָבער מיר האָבן עס באַטראַכט נישט מער ווי אַ פאַריבער־גייענדיקע זאַך. די פּאָליאַקן האָבן שוין דאָ עטלעכע יאָר קיין ייד פאַר די אויגן נישט געזען. די דייטשן האָבן ביי יעדן פון זיי פאַרוואַנדלט דעם טליענדיקן יידן־האַס אין אָפענעם פּלאַם. דעריבער קוקט דער רוב פון זיי מיט אַזעלכע ביטערע אויגן. אָבער דאָס וועט פאַרבייגן, זיי וועלן זיך צוגעוווינען. דאָס געשטאַלט פון אַ ייד וועט ביי זיי צוריק ווערן וואָכעדיק. זיי וועלן נישט דערפילן ביים אָנבליק פון אַ ייד אַ חשק צו כאַפּן זיך צום מעסער...

אָבער אונזערע האָפנונגען זענען געווען פריציייטיקע. די ידיעות, וואָס זענען אָנגעקומען פון אַנדערע שטעט וועגן יידן־מאָרדן, האָבן געמטן זייערס... זיי האָבן פאַרגרעסערט אונזער שרעק און דעם פאַר־לאַנג פון די רוצחים נאָכצוטון דאָס זעלבע, נישט אָפּצושטיין פון זייערע חברים — ביז עס איז געקומען דער טאָג...

דער ייד ווערט אַנטשוויגן. עמיצער פון די ארומיקע יידן פרעגט אים:

— איר האָט אייך דאָך געריכט אויף אַלע מעגלעכקייטן. צי זענט איר לחלוטין נישט געווען צוגעגרייט צו קיין שום אומגליק?

דער ייד שמייכלט ביטער:

— יאָ, מיר האָבן געהאַט אַ פּאָר העק, מיר זענען געשלאָפן מיט די העק אונטער די קישנס. מיר האָבן אויך געהאַט שטיין אין דרויסן עמיצן, אַ מאַן, אַ וועכטער, מ'שטיינס געזאָגט: אָבער דאָס אַלץ איז גוט געווען קעגן איינעם אָדער צוויי, אָבער נישט, ווען אַ האַלבע שטאָט האָט זיך געוואָרפן אויף אונז.

מיט אַ טאָג פריער האָט זיך פאַרשפּרייט איבער דער שטאָט אַ

בלוט־בלבול. יידן האָבן געכאַפּט אַ קריסטלעך שייגעצל, האָבן אים פֿאַרשלעפּט אין אַ קעלער און האָבן אים געוואָלט שעכטן אויף מצות.

און אַלטע געשיכטע. ווי אַלט איז זי? הונדערט יאָר? טויזנט יאָר? אָבער שטענדיק האָט די געשיכטע גורם געווען די זעלבע קוואַלן מיט פֿאַרגאָסן יידיש בלוט — דאָס שייגעצל, דער 8 יעריקער הענריק כלאַבשטשיק האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון די יידנס הענט און איז אַנט־לאָפֿן צו די עלטערן און האָט זיי דערציילט וועגן זיינע איבערלע־בונגען. ווי אַזוי די יידן האָבן אים אַראָפּגעשלעפּט אַ געבונדענעם אין אַ קעלער. ווי אַזוי אין קעלער זענען שוין געלעגן אַ צענדליק געשאָכ־טענע פּוילישע קינדער. און ווי אַזוי די יידן האָבן שוין געשליפֿן די חלפים, כדי אויך אים איבערצושניידן דעם האַלז און אַריינצו־קענען דאָס בלוט זיינס אין די מצות. אָבער דאָס האָבן זיי נישט באַוויזן צו טון, ווייל ער האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון זייערע הענט און איז אַנטלאָפֿן. ער איז אַנטלאָפֿן, כדי צו קומען צו די ערלעכע קריסטן און צו מאָנען ביי זיי נקמה פֿאַר דעם — נישט אויסגעצאַפּטן קריסטלאַכן בלוט.

דער דאָזיקער בלוט־בלבול האָט זיך גענומען פֿאַרשפּרייטן איבער דער שטאָט מיט דער שנעלקייט פֿון אַ וואַלד־שרפֿה. די יידן האָבן זיך געריכט אויף עפּעס און זיי זענען די גאַנצע נאַכט פֿון דריטן אויפֿן פֿערטן יולי נישט געשלאָפֿן. זיי האָבן זיך געריכט, אַז גלייך ווי די נאַכטיקע שאָטנס וועלן אַראָפּנידערן איבער דער שטאָט, וועלן פֿון די ווינקלען זיך אַרויסשאַרן די שאָטנס פֿון די פּאָגראָמ־טשיקעס. יעדער ייד האָט שוין געפֿילט די אָנקומענדיקע טריט פֿון מיטלאַלטער. אָבער די נאַכט איז אַדורך רואיק.

דער ייד שווייגט אַ ווײַלע. אויך אויף די אַנדערע בעטן, וווּ עס ליגן יידישע פֿאַרוווּנדעטע, הערשט אַ טויט שווייגעניש. דער ייד מאַכט אַ באַוועגונג מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט פֿון זיך געוואָלט עפּעס אָפּטרייבן, אָבער ער בלייבט צוריק ליגן אַ פּאַסיווער און אונ־טערגעגעבענער.

אינדערפֿרי, ווען עס האָט גענומען זיך ווייזן דער ערשטער

בליאַסק פֿון טאָג, האָבן מיר אָפּגעטעמט. טאָג — איז דאָך דער קעגנזאַץ פֿון פינצטערניש. אונטערן שוץ פון טאָג וועלן אפשר צוזא־מען מיט די פּינצטערע שאָטנס פאַרשווונדן ווערן די שאָטנס פון עלילת דם. און וואָס מער דער טאָג איז געוואַקסן, אַלץ מער זענען מיר געוואָרן ביי זיך זיכערער. בייטאָג קענען זיי, די רוצחים, אוים־פירן זייערם אַ מאָרד־אָנפאַל אין אַ וואַלד, אָדער אויף אַן אָפּגעזונ־דערטן וועג, אָבער נישט אינמיטן פֿון אַ שטאָט, אינמיטן פֿון אַ וואָ־יעוודזקע שטאָט. אָבער האַלב צען אינדערפרי איז שוין געווען קלאָר, אַז אונזער אַנטשפּאַנונג איז געווען אַ נישט באַגרינדעטע. און צען אַזייגער האָט עס זיך אָנגעהויבן.

פון אַלע עקן שטאָט האָבן זיי גענומען אָנקומען. פון אַלע גאַסן. זיי זענען געקומען אָרגאַניזירט אַלע ווי שלאַכטלייט אָפּצוהאַלטן אַ מלחמה. זיי זענען געקומען יינג און אַלט, מענער און פרויען — אַלע באַוואָפֿנטע מיט געווער. מיט שטעקענעס, מיט קלאָניצעס, מיט שטיי־נער, מיט דרענגער, מיט מעסערס, מיט רעוואָלווערן, אַלע זענען זיי געקומען, אין די הונדערטער. נאָך די קעפּ פֿון די 80 יידן!

אויך זעלנער זענען צווישן זיי געווען. זעלנער, וואָס האָבן אפילו נישט געהאַלטן פאַר נויטיק אַראָפּצונעמען פֿון זיך די מונדירן, אויך פּאָליציאַנטן! יאָ, פּאָליציאַנטן וואָס זענען באַשטימט געוואָרן צו היטן די רו, זענען דאָ מיטגעקומען מיטן המון, כדי אַדורכצופּירן דעם מאַסן־מאָרד. פּאָליציי — און זעלנער! ווען מיר האָבן דורך די פענצטער דערזען דעם המון, וואָס האָט זיך דערנענטערט צום בנין פון יידישן קאָמיטעט, האָבן מיר געוווסט, אַז מיר זענען פאַר־לוירן.

פאַרלוירן! דער ייד זאָגט ארוים דאָס וואָרט און דער קאָפּ זיי־נער פאַלט אַוועק אויפֿן קישן. מער זאָגט ער נישט קיין וואָרט. אויך די אַנדערע רעדן נישט. און מיר פאַרלאַנגען נישט ביי זיי, זיי זאָלן עס דערציילן. מיר זענען נישט פּעאיק אויפצונעמען די דאָזיקע גרוי־זאַמע פּרטים! זיבן שעה האָט עס געדויערט. יידישע צייטונ־גען האָבן עס שפּעטער אָנגערופֿן פּאָגראָם. פּוילישע צייטונגען האָבן עס אָנגערופן איבערפאַל. אָבער עס איז נישט געווען קיין פּאָגראָם

און נישט קיין איבערפאַל. דאָס האָבן עטלעכע טויזנט מאַן — עס־לעכע טויזנט דערוואַקסענע פּאָליאַקן מיט זייערע ווייבער, ווי וועלף אין א ווילדן און הפקרדיקן וואלד זיך געלאָזט אויף א בלוטיקן יאַגד. דאָס האָבן עטלעכע טויזנט וואלד־רוצחים אונטער דער שוץ פון פּוילישע מיליטער־לייט און פון פּוילישע פּאָליציאַנטן און מיט דער ברכה פון זייערע קלויסטערס אַרוים אויף א שחיטה. און אזוי זענען זיי געשטאַנען קעגן זיך: פון איין זייט די טויזנטקעפּיקע מאַסע, באַוואָפנטע מיט דרענגער, מיט ביקסן און מיט מעסערס און פון דער אַנדערער זייט די 80 יידישע מענער פרויען און קינדער, וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון די לאַגערן, פון די וועלדער פון די בונקערס.

און די רוצחים האָבן אַרויסגעוויזן גרויסע העלדישקייטן. זיי האָבן אַדורכגעשטאָכן יידישע קערפּערס מיט מעסערס. זיי האָבן צעשמעטערט יידישע שאַרבנס מיט שטיקער האָלץ, זיי האָבן אַרויס־געוואָרפן יידישע לעבעדיקע גופים דורך די פענצטער, כדי זיי אונטן צו צעריים אויף שטיקער. ווען מען האָט פאַרן אָפּטרעטן פון די רוצחים, גענומען אויפזאַמלען די קרבנות, האָט מען זיבן צעריסענע יידישע קרבנות נישט געקענט דערקענען.

זיבן שעה האָט געדויערט דאָס בלוט־פאַרגיסעניש. 40 מענער און פרויען און א יידיש קינד זענען דערהרגעט געוואָרן אין סאַמע קעלץ. די נעמען זייערע? נישט אַלע נעמען זענען באַקאַנט געוואָרן. אָבער די נעמען פון די, וואָס זענען געווען באַקאַנט זאָלן דאָ פאַר־בלייבן אַלס אייביקע דערמאָנונג: אייזנבערג, אַלבירט, ישראל באָרוך, פּאַלאַ גוטוורצל, ביילע גערשטאַק, דושקאַ (א קינד), לייזער באָרענ־דאָרף, ווזצעלע, וויינבערג, וויינטרויב, ווייגריב, נתן טענענבוים. דר. סעווערין קאַהאַנע, משה מאַראַוויעץ, מענדל מישנקאָווסקי, סאַמ־באָרסקי, יחיאל סאָקאָלאָווסקי, שלום פּלוטנאַ, אסתר פּראָשאָווסקאַ, יצחק פּריי, פיינקוכן, רעגינע פּיש, אדאם פיש, הערשל קערש, ש. סירש, דאַבאַנדאָרף, ריינמאַן, שומאָוויטש, פאַניאַ שומאַכער. די נעמען פון די איבריקע איז נישט געלונגען פעסטצושטעלן. א חוץ דעם זענען עטלעכע און צוואַנציק יידן פאַרווונדעט געוואָרן מיט

מעסערס און מיט שטיקער האָלץ. 30 יידן זענען אין דער זעלבער צייט ארויסגעצווינגן געוואָרן פון ארומיקע צוגן און זענען אומגע־בראַכט געוואָרן אויף די וועגן. צוזאַמען זענען געפאַלן 71 יידישע הרוגים און עטלעכע און צוואַנציק פאַרוואונדעטע.

דאָס איז געווען דער שניט פון דאַזיקן טאָג. פון בלוטיקן דאַ־נערשטיק אין קעלץ. אזוי האָט עס אויסגעזען די אונטערשטע שורה.

די פאַרוואונדעטע יידן זענען געלעגן אין די בעטן אויסגעצווייגענע, אומבאַוועגלעכע, מיט איינגעגעסענע אויגן אין סופיט. וואָס האָט יעדער פון זיי איבערגעלעבט בעת עס איז אָנגעגאַנגען די שחיטה? ווי אזוי איז יעדער פון זיי ניצול געוואָרן? קיינער פון אונז האָט זיי נישט געוואָלט שטעלן די דאָזיקע פראַגע. פיר און צוואַנציק שעה זענען געשטאַנען צווישן דעם איצט און צווישן דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען נעכטן. די געשרייען פון די געפייניקטע און די געשרייען פון בלוט-הונגעריקן המון זענען נאָך געהאַנגען אין דער לופט לע־בעדיק און פריש.

אפילו דאָ, אין שפיטאָל, צווישן דער דאָזיקער לאַקירטער ווייס־קייט און אינמיטן פון דער דאָזיקער אויפגעצווונגענער רו, האָט מען בפירוש געהערט די נישט אויסגעגאַנגענע געשרייען פון די גע־מאָרדעטע. די דאָזיקע אומבאַוועגלעכע שפיטאָל־שטילקייט איז געווען א גרויסער, ווייסער עקראַן, אויף וועלכן דאָס נישט לאַנג פאָרגעקומע־נע האָט צוריק געלעבט אין אלע דריי אויסמעסטן.

איך האָב פאַרלאָזט דאָס שפיטאָל און איינגעבויגענער אונטער דער לאַסט. אויפן קעלצער בית עולם זענען געלעגן 41 יידישע מתים גרייט פאַרן אָפּענעם מויל פון מאַסן־קבר. און אין מיין האַרץ האָבן געבלוטיקט 41 טריפּנדיקע וווּנדן. עס איז געווען קלאָר: דער פּאָגראָם איז געווען א צוגעגרייטער, און אָרגאַניזירטער. אָבער דורך וועמען?

די לאָדזשער יידן האָבן דעם דאָזיקן טאָג נישט געהאַט קיין רו. איבער די קעלצער גאַסן האָבן זיך געקאָלערט 41 לויות און יע־דער פון אונז האָט געפילט ווי די דאָזיקע 41 עגלות וואָלטן זיך גע־קאָלערט אויף די שטעגן פון זיין אייגענעם מח. ווער איז שולדיק

אין דער דאָזיקער הריגה? אויף וועמענס קאָפּ פאַלט דאָס דאָזיקע אומשולדיק־פאַרגאָסענע בלוט?

דער טאָג הייבט זיך אָן צו דערנענטערן צום פאַרנאַכט און עס קומען אָן וואָס אַמאָל מער ידיעות, וואָס ווערן איבערגעחזרט דורך איין ייד צום צווייטן:

איז עס אמת, אַז פּוילישע מיליטער־לייט האָבן נישט נאָר נישט געשטערט, נאָר אַז אַ טייל פון זיי האָט זיך אַליין באַטייליקט אינם מאָרד? צי איז אמת, אַז געוויסע גלחים האָבן צוגעלייגט אַ האַנט ביים פונאַנדערברענען דאָס פֿייער פון עלילת דם און אַז דער המון איז ארויס אויף דער גאַס מיט דער בענטשונג פון גלחישע הענט? און צוזאַמען מיט די דאָזיקע פראַגן הייבן זיך אָן צושטעלן אַנדערע, אויפֿן סמך פון נייע אָנגעקומענע פּרטים.

ווען דער פּאָגראָם איז אָנגעגאַנגען האָבן געוויסע מענטשן זיך געווענדעט נאָך הילף צום רוסישן מיליטערישן גאַרניזאָן, ער זאָל קומען צוהילף, אָבער די רוסן האָבן קאַלטבלוטיק אָפּגעענטפֿערט, אַז דאָס געהערט נישט צו זיי. אַז זיי האָבן נישט קיין דערלויבעניש פון דער העכערער מאַכט צו מישן זיך אין ציווילע ענינים. אין דער שטאָט איז אָנגעגאַנגען אַ בלוטיקע רציחה און דער רוסישער גאַר־ניזאָן איז געשטאַנען פֿון דער ווייטנס, אונטער דעם אויסרייד פֿון נישט באַקומענע באַפעלן! דער פּאָגראָם האָט געדויערט אַ גאַנצן טאָג פון 10 אין דער פרי ביז פינף פאַרנאַכט און במשך פון דאָזיקן לאַנגן זומערדיקן טאָג, האָט קיינער פֿון דער רוסישער מאַכט נישט גע־האַלטן פאַר נויטיק ארויסצוגעבן דעם דאָזיקן באַפֿעל.

ווי אַזוי זאָל מען דאָס אַלץ אויסטייטשן?

פֿאַרנאַכט זענען צו אונז אין שטוב געקומען פֿיל יידישע שכנים און יעדער האָט געהאַט דעם זעלבן פאַרצווייפלטן אויסדרוק. וואָס טוט מען איצט? ווייל אויב די נייע מאַכט האָט זיך נישט געקאָנט (אָדער האָט נישט געוואָלט!) קיין עצה געבן אין אַזאַ שטאָט ווי קעלץ, טאָ ווער וועט באַשיצן די צענדליקער אַנדערע יידישע ישובים און שטעט און שטעטלעך און אפילו אַזאַ שטאָט לאָדזש? עס איז

געווען קלאָר: דער פּאָגראָם איז איינגעאָרדנט געוואָרן דורכן פּעבל, דורך די רעאַקציאָנערן, דורך די קעגנער פון נייעם רעזשים.

די קעלצער גלחים האָבן אפילו נישט באהאַלטן זייער שנאה צו די יידן אפילו אין טאָג פון דער מאַסן-לוויה. זיי האָבן זיך אָפּן און פרעך אָפּגעזאָגט אָנטייל צונעמען אין דער לוויה־פּראָצעסיע. זיי האָבן געהאסט די לעבעדיקע יידן און האָבן אויך פיינט געהאַט די טויטע יידן. דער האַס זייערער איז נישט געשטילט געוואָרן מיטן פאַרגאָסענעם בלוט. אויך איז נישט געווען דער מינדעסטער ספק, אַז קיינער פון די טויזנטער פּוילישער איינוווינער פון דער שטאָט קעלץ האָט זיך נישט אויסקורירט פון זיין חיהשן יידן־האַס נאָכן אויספירן דעם 41־פאַכיקן מאָרד.

פאַרקערט. דער קעלצער פּאָגראָם האָט בלי ספק אָנגעצונדן נייע האָפענונגען אויך ביי די פּאָליאַקן פון אַנדערע שטעט, אַז מען קאָן אָפּטון דאָס זעלבע. און מען קאָן נישט בלייבן הינטערשטעליק זייערע קעלצער חברים.

די שטימונג ביי אונז אין שטוב איז געווען אַ פינצטערע. אַ ייִדי־שער סאָציאַליסט, אַ מיטגליד פון „בונד", האָט ביי אונז אין דאָ־זיקן אָוונט אַרויסגעזאָגט ווערטער, וואָס האָבן זיך איינגעקריצט אין אונזערע אַלעמענס הערצער:

— עס איז נישטאָ קיין ספק, אַז דער פּאָגראָם איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך קעגנער פון דער רעגירונג. איך בין אָבער נישט זיכער, צי די רעגירונג איז טאַקע אַזוי „צעבראָכן", וואָס עס איז פאַרגעקו־מען דער דאָזיקער מאָרד. עס איז נישטאָ קיין סימן, אַז די מאַכט האָט אָנגענומען — במשך פון אַזאַ לאַנגן טאָג — די מינדעסטע שריט, אַז דער מאָרד זאָל איבערגעריסן ווערן אין מיטן. דאקעגן איז וואַר־שיינלעך, אַז זי וועט אויסנוצן דעם דאָזיקן פּאָגראָם, כדי אָנצוהויבן אַ טעראָר־כוואַליע קעגן אַלע אירע קעגנער: קעגן די רעאַקציאָנערן פון רעכטס און קעגן אירע קעגנער פון לינקס.

יעדער פון אונז האָט געפילט די ריכטיקייט פון די דאָזיקע ווער־טער. עס האָט זיך דעמאָלט נישט געפונען אין פּוילן קיין איינער

וואָס זאָל האָבן געזאָגט, אַז אין דעם אָרגאַניזירן דעם פּאָגראָם האָבן אויך געהאַט אַ חלק די קאָמוניסטן. אָבער היינט, ווען איך שרייב די דאָזיקע ווערטער און קוק אויפן פּאָגראָם נישט ווי אויף אַ געשעעניש, וואָס איז פֿאָרגעקומען מיט געציילטע שעהן צוריק, נאָר פֿון אַ צייט שטח פֿון עטלעכע יאָר, דערזע איך דאָס גאַנצע בלוטיקע ספּעקטאַקל אין לחלוטין אַנדערע פאַרבן.

צומאָרגנס איז די גאַנצע פּוילישע פּרעסע אַרויס מיט פּראָטעסטן און מיט רעזאָלוציעס קעגן די יידן־מערדער. די מאַכט האָט אַדורכגעפֿירט אַרעסטן צווישן די אַקטיווסטע אָנטיילנעמער פֿון פּאָגראָם און דאָס געריכט איז פֿאָרגעקומען אין אַ שנעלן טעמפּאָ און האָט ניין פֿון די אָנטיילנעמער אינם פּאָגראָם פאַרמשפּט צום טויט, די פאַראורטיילטע זענען גלייך דערשאָסן געוואָרן.

די רעגירונג האָט איבערן גאַנצן לאַנד אָנגעהויבן אַ פאַרשטאַרקטע קאַמפּאַניע קעגן די אידעאישע חברים פֿון די מערדער. אָבער די דאָזיקע קאַמפּאַניע האָט זיך באַלד גענומען ווענדן נישט בלויז קעגן די פיזישע און מאָראַלישע פּאָגראָמטשיקעס, נישט בלויז קעגן שונאים פון יידן, נאָר אויך קעגן אַלע אַנדערע שונאים. און אָפּאָזיציאָנערן פון דער מאַכט: קעגן דער פּויערים־פּאַרטיי, קעגן די סאָציאַליסטן און קעגן יעדן איינעם, וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַ שמץ פֿון קעגנערשאַפט צו דער פּאַרטייאישער ליניע. דער פּאָגראָם איז דורך דער רעגירונג אויסגענוצט געוואָרן, כדי אַדורכצופירן אירע טשיסטקעס מיט רייניקונגען און אין דער פּאַסטקע פֿון די דאָזיקע טשיסטקעס האָבן אָנגעהויבן אַריינצופאַלן קעגנער פון אַלע קאָלירן: אָנהויבנדיק פֿון שוואַרץ ביז רויט.

צי האָט אויך אינם אָרגאַניזירן דעם פּאָגראָם געשטעקט די באַהאַלטענע האַנט פון דער מאַכט? איינס איז קלאָר: די נייע סאָוויעטישע אָקופּאַציע־מאַכט איז אין אַזאַ פּאָגראָם בלי ספק געווען פאַראינטערעסירט און אויב אפילו זי האָט נישט געהאַט קיין שייכות מיט דער אָרגאַניזאַציע, האָט זי אָבער געוווסט, ווי אַזוי צו שלאָגן דערפֿון דעם נעהעריקן קאַפּיטאַל.

די ייִדן אין פוילן האָבן אין די דאָזיקע טעג דערפילט, ווי דאָס געפאַר דערנענטערט זיך צו זיי פֿון צוויי ריכטונגען:

פֿון דער האַס־אַדורכגעפרעסענער פוילישער באַפעלקערונג, וואָס האָט געטראָגן אַ באַהאַלטן מעסער קעגן יעדן פֿון די לעבעדיקע ייִדן. און פון דער צווייטער זייט — פֿון דער וואָס אַמאָל מער ריקזיכטלאָזער מאַכט, וועלכע האָט אָנגעהויבן ביסלעכווייז אַרויסצווייזן איר אמתדיקן פּרצוף. די קורצע טעג פון טאָלעראַנץ האָבן זיך אָנגעהויבן צו ענדיקן. מען האָט אָנגעהויבן צו דער פילן דעם אָנריר פון דער אייזערנער און פֿון דער אומרחמנותדיקער האַנט פון דער שטיקנדיקער דיקטאַטור.

# קאַפּיטל צען

ביז איינמאָל האָט עס פּאַסירט אויך מיט מיר.

איך בין געפאָרן אויף איינע פון מיינע רייזעס פון לאָדזש קיין וראָצלאַוו און בין דאָס מאָל געפאָרן נישט אליין, נאָר מיט אַ צווייטן מיניסטעריום־אַרבעטער, אַ פּאָליאַק. דער נאָמען זיינער איז געווען שטשעפּאַן זאַסלאַווסקי. ער האָט געשטאַמט פון לעמבערג און צוליב זיין גאַליציאַנער אויסשפּראַך האָבן מיר אים גערופן — פּונקט אַזוי ווי ס'האָט, געהייסן דער אַמאָל באַרימטער פּוילישער ראַדיאָ־אַרטיסט פון פאַר דער מלחמה — „שטשעפּקאָ".

דער דאָזיקער שטשעפּקאָ איז געווען אַ הונדערט פּראָצענטיקער אַריער. אַ זון פון אַן אַלטער פּוילישער „שלאַכטעצקער פאַמיליע", וואָס האָט זינט דורות געוווינט אין מזרח־גאַליציע און האָט פאַרנומען הויכע מלוכהשע פּאָסטנס. אָבער טראָץ זיין עכטער פּוילישקייט, האָט ער אויסגעזען ווי אַ הונדערט־פּראָצענטיקער ייד. ער האָט געהאַט אַן אַמתדיקע סעמיטישע נאָז, אַן אָדלער נאָז פון אַ שפּאַר־רונדיקער ליניע און צוויי אויגן האָט ער געהאַט, אַזוי ווי צוויי קוילן מיט־לאַנגע, שוואַרצע וויעס. אויך דאָס מויל איז געווען ביי אים אַ יידיש'ס אויב עס קען זיין אַ רייד וועגן אַ סעמיטיש מויל. און צו דעם אַלעם האָט ער געהאַט אַ זייער טונקעלן „זאַראָסט" און כאָטש ער האָט זיך יעדן אינדערפרי זייער גענוי אויסגעראַזירט, האָט ער כסדר געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט אַרומגעגאַנגען נישט ראַזירט און ווי ער וואָלט געטראָגן אַ דיק, דיסקרעט־חסידיש בערדל. און היות ער האָט נאָך צו דעם אַלעם גערעדט מיט אַ גאַליציאַנער אַקצענט, אין וועלכן ער האָט אָפטמאָל אַריינגעמישט דעם לעמבערגער „טאַיאָ", וואָס האָט אַ סך ענליכקייט צום יידישן „איי־איי", איז עס

געוועזן אַ קאָמפּלעטירונג פון זיין יידישקייט. עס איז געוועזן מערק־ווירדיק ווי דער דאָזיקער אריער שטשעפּקאָ זאַסלאַווסקי האָט אויס־געזען ווי אַ יידישער, צניעותדיקער בחור.בלויז זיינע נאָענסטע פריינט, וואָס האָבן געוווּסט וועגן זיין פּוילישקייט, האָבן זיך באַ־צויגן צו אים ווי צו אַ קריסט. יעדער אַנדערער האָט געמאַכט דעם אומפאַרמיידלעכן טעות און עס האָט פאַרלאַנגט אַ סך איבערצייגונג, ביז זיי האָבן ענדליך מסכים געווען מיטן געדאַנק, אַז דאָס איז טאַקע אַ ריינער „אריער". מיטן דאָזיקן שטשעפּקאָ זאַסלאַווסקי איז מיר אויסגעקומען צו פאָרן אין אַ מיסיע פון איינקויף־דעפּאַרטעמענט פון לאָדזש קיין וורעצלאַוו.

מיר זענען געפאָרן מיט אן אייגענעם „האַלבן" לאַסט־אויטאָ, אַזאַ מין געמיש צווישן אַ פּריוואַטן אויטאָמאָביל מיט אַן אויטאָ, אין וועלכן מען פּירט איבער סחורות. איך האָב אָנגעפירט מיטן ראָד און שטשעפּקאָ איז געזעסן נעבן מיר און האָט מיט זיין שפּראַציקן איבערגעטריבענעם גאַליציאַנער אַקצענט דערציילט אַנעקדאָטן, וואָס זענען געווען געפּעפּערט און געזאַלצן. ער האָט געהאַט די טבע, אַז נאָך יעדן אַנעקדאָט, האָט ער אַליין געלאַכט אַ לענגערע צייט. ער האָט זיך ממש צוגעהאַלטן ביים בויך, וועלכער האָט זיך ביי אים גע־שאָקלט פון געלעכטער. ער פלעגט לאַכן אַזוי לאַנג, אַז ביז ער האָט געענדיקט האָבן מיר ביידע פאַרגעסן דעם אינהאַלט פון אַנעקדאָט און מיר האָבן זיך ביידע גוט געמוזט אָנשטרענגען, כדי זיך צו דער־מאָנען וועגן וואָס מ'האָט אַזוי לאַנג געלאַכט.

דער אויטאָ איז געווען אַ נייער, נישט לאַנג פון דער פאַבריק אַרויס און אַלע אינעווייניקסטע טיילן האָבן געפּעבלט מיט אַ שימע־רירנדיקן גלאַנץ. די רעדער האָבן שטיל, במעט עלעגאַנט זיך געגליטשט איבערן נישט איבעריק גלאַטיקן שאָסיי (וואָס האָט נאָך אין פיל ער־טער געטראָגן טיפע ריסן פון דער מלחמה) און מיר זענען שנעל פאַרבייגעפאָרן שטעטלעך מיט דערפער.

דער טאָג איז געווען אַ נחת'דיקער. דער הימל האָט זיך געצויגן איבער די פעלדער אַ בלויע, אַ נישט געריינצלטער און אַ שווערע, גאָלד־טריפנדיקע זון האָט מיט אַ מילדער וואַרימקייט אַנגעגאָסן די

גאַנצע לופט. פוןביידע זייטן שאָסיי זענען געשטאַנען ווילדע באַרגע־ביימער און האָבן ווי אויסגעשטעלטע זעלנער געהאַלטן ערן־וואַך. פון די פעלדער זענען דערגאַנגען גרילערייען פון די גראָז־שפּרינגערס. אין די צווייגן פון די ביימער האָבן געטשווירקעט פאַרשידענע פייגל און דער לופטן האָבן זיך געטראָגן ריחות פון פלאַנצן און פון בלומען — עס איז געווען איינער פון די טעג, ווען מען באַדויערט, וואָס מען איז אַ שטערבליך באַשעפעניש און וואָס מען וועט מוזן אַמאָל אַוועקגיין און דאָס אַלץ פאַרלאָזן.

מיר האָבן שוין געהאַט אָפּגעפאָרן אַ פופציק קילאָמעטער פון לאָדזש און „שטשעפּקאָ” האָט נאָך אַלץ נישט געהאַט אויסגעשעפּט זיינע גאַליציאַנער אַנעקדאָטן. פאַרקערט. די דרויסנדיקע זוניקע וואַרימקייט און פרישקייט האָט אים צוגעגעבן וואָס אַמאָל, מער כח און חשק צו דערציילן און ער האָט יעדע פאָר מינוט זיך געקאַטשעט פאַר לאַכן. אין אַ געווים אָרט האָט די שאָסיי האַסטיק אַריינגעדרייט אויף רעכטס און אַ שיטער וועלדל פון גלייך־אויסגעשטעלטע נאָדל־ביימער האָט זיך פּלוצלונג געענדיקט און פאַר די אויגן אונזערע האָט זיך אויפגעעפנט אַ ריזעדיק שטיק פעלד מיט פון צייט צו צייט צעוואָרפענע באַלופעס. דער שאָסיי האָט גענומען גיין לענג־אויס אַ באַן־ליניע מיט שטאָל־גלאַנצענדיקע שינעס און אין אַ רגע אַרום האָט דער שאָסיי מיט דער באַן־ליניע זיך צוזאַמענגעטראָפן ביי אַ געמיינזאַמען קנופּ, ווו עס האָט זיך געפונען אַ קליינע פאַרוואָרפענע סטאַציע.

„שטשעפּקאָ” האָט זיך פּלוצלונג דערמאָנט, אַז ער איז דורשטיק און אַז עס וואָלט געווען אַ פּלאַן צו פאַרהאַלטן זיך און אויסטרינקען ערגיץ אַ גלאָז טיי אָדער מינעראַל וואַסער. איך האָב אַ זוך געטון מיט די אויגן עפּעס אַ הויז מיט אַ קרעטשמע און איך האָב פאַרקערעוועט דעם אויטאָ אַביסל באַרג־אַראָפּ צו אַ לאַנג, הילצערן הויז, אויף וועלכן עס האָט זיך געפונען אַן אַלטער, אָפּגעריבענער בלעכערנער אויפשריפט פון אַ געטראַנק־פירמע. כ׳האָב אַ דרוק געטון ביי די האַמולצעס און מיר זענען שטיין געבליבן. „שטשעפּקאָ” האָט

ארויפגעדרייט דאָס שייבל פון אויטאָ און ארויסשטעקנדיק דעם קאָפּ האָט ער א געשריי געטון:

— העי, ס'איז פאַראַן דאָ עמיצער?

א טיר האָט זיך געעפנט מיט א סקריפּ און עס איז ארויסגעקומען א פּויער, וועלכער האָט וויזט אויס פריער נאָך באַמערקט אונזער וואָגן, און ער האָט אונז שווייגנדיק אָנגעקוקט. שטשעפּקאָ האָט אים באַוואָרפן מיט א לאַבעדיקן בליק און האָט געפרעגט אויף זיין גאַלי־ציאַנער דיאַלעקט:

—ר'האָט עפּעס צו טרינקען, פעטער? מיר גייען אויס פאַר דורשט.

ער האָט זיך דערביי הילכיק צעלאַכט, אָבער דער פּויער האָט אויף אים ווייטער געקוקט מיט אַן אומבאַוועגלעך פּנים. דעם אויטאָ אונזערן האָט דערווייל ארומגערינגלט א טשאַטע מיט קינדער און אויך פּויערים מיט פּויערטעס. דער ערשטער פּויער, דער אייגנטימער פון געוועלבל, האָט נאָכאַמאָל אָפּגעמאָסטן שטשעפּקא פון קאָפּ ביז פיס און האָט א זאָג געטון צו א פּויערטע, וועלכע האָט דערווייל ארויס־געבויגן דעם קאָפּ פון געוועלבל ארויס:

— גיב עפּעס צו טרינקען, דער פּאַן דזשעדזשיץ״ (הער פּ־יץ) איז זייער דורשטיק.

ער האָט געזאָגט „פּאַן דזשעדזשיץ״ מיט זייער אסך חוזק און אַלע ארום האָבן גענומען כיכיקען. איך האָב שוין געוואָלט זיין וואָס ווייטער פון דאַנען, אָבער שטשעפּקאָ האָט אריינגענומען אין מויל אריין דאָס דערלאַנגטע פלעשל מיט „קוואַס״ און האָט עס מיט גרוים נחת און זייער פאַוואָליע גענומען זייגן. און ווען ער האָט שוין געהאַט אויסגעטרונקען, האָט ער געזאָגט צום פּויער:

— אמתדיקער האָניג, אַזוי זאָלן מיר אַלע געזונט זיין. גיט אַהער א צווייטס. נישטאָ נאָך אַזא קוואַס אויף דער גאַנצער וועלט.

איך האָב אים אונטערגעזאָגט ער זאָל שנעלער אויסטרינקען ווייל מיר באַלעמוטשען שוין צו לאַנג, אָבער ער איז דווקא געווען א פּאַ־וואָליער. ער האָט גאָר בנעימותדיק געזופּט דאָס צווייטע פלעשל און היות שטאַרק דורשטיק איז ער שוין נישט געווען, האָט זיך עס טאַקע

געצויגן ווי דער יידישער גלות, דער סוף איז אָבער געווען, אז ער האָט עס ענדליך אויסגעזופּט ביז צום דנאָ, איך האָב אַ וואָרף געטון דעם פּויער אַ באַנקנאָט און האָב אַ ריר געטון דעם מאָטאָר.

מיר זענען געפאָרן אַ ווײַלע אין דער שטיל און איך האָב עפּעס געהאַט אַ שלעכט פאָרגעפיל. וואָס — האָב איך נישט געוווּסט, אָבער די שפּיזלדיקע אויגן פון די פּויערים זענען מיר נישט געפעלן געוואָרן, און אויך די שלאַנגיקע ביכיקען זייערס. און דאָס פאָרגעפיל מײַנס האָט מיך נישט אָפּגענאַרט.

ווען דער אויטאָ אונזערער האָט גענומען ארויספאָרן פון דאָרף ארויס און האָט ווידעראַמאָל גענומען זיך גליטשן לענג־אויס די באַן-שינעס, האָבן מיר פונדערווײַטנס נאָך באַמערקט אַ גרופּע מיט מענער, אונטער אַ גרויסן, צעצווייגטן בוים. איינער פון זיי האָט געפאָכעט צו אונז מיט אַ שטיק באַבלעטערטע צווײַג, געבנדיק אונז אַ צייכן זיך אָפּצושטעלן.

אין ערשטן מאָמענט האָב איך געהאַט בדעה שטאַרקער אַ דריק צו טון אויפן פּעדאַל און פאַרגרעסערן די שנעלקייט, אָבער אין לעצטן מאָמענט האָב איך דערזען לענג אוים דעם שאָסיי אַ שוואַרץ אָפּגעבראָכענעם שטאַם פון אַ איבערגעשניטענעם בוים און האָב קוים באַוויזן צו פאַרהאַמעווען דעם אויטאָ, כדי נישט ארויפצופאָרן אויף דעם שטיק האָלץ. דער פאַרשוין מיט דער צווײַג האָט זיך דערנענטערט צום אויטאָ און האָט אויפגעפראַלט דאָס טירל, ווו מיר זענען געזעסן:

— „שאַנאָוואַניע", הערן פּריצים — האָט ער געזאָגט מיט חוזק — ווו אײַלט איר אַזוי פרי? ער האָט אָנגענומען „שטשעפּקאָ" ביי אַ קלאַפּע און האָט אים מיט איין ריס אראָפּגעצויגן אויף דער ערד. שטשעפּקאָ האָט געקוקט אויף אים צום ערשט מיט לאַבעדיקע אויגן, ווײַל ער האָט דאָס אַלץ אָנגענומען פאַר אַ וויץ, דערנאָך מיט פאַרוואונדערונג און צום סוף מיט שרעק.

— איר זענט משוגע? — האָט ער געפרעגט מיט זײַן גאַליציאַנער אקצענט — וואָס איז דאָס פאַר אַ „קאַוואַל" ווידער? צום אויטאָ האָבן זיך דערנענטערט נאָך אַ צוויי פון די פאַרשוינען, וואָס זענען

געשטאַנען נעבן בוים און האָבן געהייסן, אז אויך איך זאָל ארויס־גיין. זיי האָבן אַלע געטראָגן פויערישע מלבושים, אָבער שטיוול האָבן זיי געהאַט זעלנער־ישע און ברייט־אריינגעלאָזטע זעלנערישע שטיבלעטן. אין איינעם פון זיי האָב איך דערקענט אַ פויער, וועלכער איז פריער געשטאַנען ביי דער קרעטשמע. ער האָט געהאַט אַ פּאָר אומבאַוועגלעכע קליינע אייגעלעך, ווי שטיקלעך בלעך, און אַ קורץ איינגעשרומפּן פּנים מיט אַ סטערטשענדיקער נאָז. ער איז וויזט אוים געוועזן דאָ דער דעה זאָגער. ער האָט אַ שלעפּ געטון שטשעפּקאָ צום בוים צו, וואָס איז געשטאַנען מיטן שטאַם אין אַ ראָוו, און האָט אים געפרעגט מיט דער זעלבער חוזק־שטימע:

— אפשר קענסטו אונז זאָגן, פּריצ׳ל, ווי שפּעט ס׳איז?

נאָך איידער שטשעפּקאָ האָט באַוויזן צו ענטפערן, האָט ער אים דער־לאַנגט אַ מוראדיקן קלאַפּ אין פּנים אריין מיט אַ ברייטער אָפּע־נער האַנט און די אַנדערע צוויי האָבן אים פלינק גענומען ארומזוכן אין די קעשענעס. וואָס שייך מיר, האָט מיך בלויז אָפּגעהיטן אַ הויכער, לאַנגער פּאָליאַק מיט אַ פויערישער קורטקע, אָבער טראָץ דעם, וואָס ער איז געשטאַנען נעבן מיר, און דער גאַנצער אינטערעס זיינער געלעגן אויף דעם, וואָס די חברים זיינע האָבן אָפּגעטון מיט שטשעפּקאָ. ווען דער ערשט פון דער באַנדע האָט ווידעראַמאָל גע־נומען שלאָגן מיט רציחה דעם קרבן זיינעם, האָט זיך דער הויכער פּאָליאַק צו מיר צוגעבויגן:

—אַ מצווה אויף אים. זאָלן די זשידעס זיצן אין דער היים און נישט ארומפּאַראַדירן אין נייע אויטאָס.

איך האָב פּלוצלונג פאַרשטאַנען די גאַנצע סיטואַציע. זיי, די פּוילישע אויסוווּרפן, האָבן אָנגענומען דעם לעמבערגער פּאָליאַק פאַר אַ ייד, דאַקעגן מיך, דעם ייד, האָבן זיי געהאַלטן פאַר אַ פּאָ־ליאַק! איך האָב דערפילט אַ טאָפּלטן גרויל: ערשטנס האָב איך גע־זען, אז מיר זענען דאָ אריינגעפאַלן אין די הענט פון באַנדיטן, מיט וועלכע עס ווימלען די פּוילישע וועגן און אז קיין גאַנצע וועלן מיר פון זייערע הענט נישט אַרויס. צווייטנס האָב איך נישט געקאָנט ביי מיר באַשליסן וואָס צו טון. זאָל איך אויסרופן צו זיי, אז זיי באַגייען

דאָ אַ טעות, אַז דער קרבן זייערער איז נישט קיין ייד, נאָר פאַרקערט, אַז עכטער אריער פונקט ווי זיי, האָב איך מורא געהאַט, אַז זיי וועלן פּלוצלונג נעמען ווענדן זייער אויפמערקזאַמקייט אויף מיר און באַמש איך האָב אויסגעזען ווי אַן אריער און האָב אפילו גערעדט ווי אַן אמתדיקער פּאָליאַק, האָבן זיי אָבער געקענט לייכט פעסטשטעלן, אַז כ'בין אַ ייד... און אַ חוץ דעם האָב איך אויך מורא געהאַט, אַז שטשעפּקאַ, וועלכער איז איצט געלעגן אַ באַוווסטלאָזער אין זייערע הענט, מיט אַ בלוט־פאַרשמירט פּנים, וועט נאָכן אָפּמינטערן קאָנען גאָר אָנווייזן, אַז זיי דאַרפן ווענדן זייער ריכטיקן צאָרן אויף מיר.

איך האָב געטראַכט וועגן נאָך אַ מעגליכקייט. ביי מיר אין טאַש האָב איך געהאַט אַ רעוואָלווער. איך האָב מיך קיינמאָל נישט געלאָזט אין וועג אריין אָן געווער, אויף וועלכן איך האָב געהאַט אַ דערלויבעניש פון מיניסטעריום. זאָל איך ארויסכאַפּן דעם רעוואָלווער און פּרווון פאַרטרייבן די באַנדע אונטער דער דראָאונג פון געווער? דאָס איז אָבער געווען אינגאַנצן צוועקלאָז. ערשטנס איז די באַנדע באַשטאַנען פון אַ האַלבן טוץ חברה־לייט און אויב איך וואָלט אפילו אויסגעשאָסן אויף איינעם, וואָלטן די איבעריקע צערריסן אונז ביידע אויף שטיקער. אַ חוץ דעם זענען זיי אוודאי אויך געווען באַוואָפנט און וואָלטן צוריקגעענטפערט מיט פייער. יעדנפאַלס איז איינס געווען זיכער — אַז דאָס ארויסנעמען דאָס געווער וואָלט זיכער צוגע'חתמ'עט אונזער גורל, בעת דערווייל איז ביז אהער געווען אַ מעגליכקייט זיך ארויסצודרייען.

די באַנדיטן האָבן דערווייל אראָפּגעשלעפּט ביי שטשעפּקאָ( וועלכער איז געלעגן אַ צעבלוטיקטער און אַ מאַכטלאָזער אין זייערע הענט) די מאַרינאַרקע און אויך זיינע קאַמאַשן. זיי האָבן גענומען אים צושלעפּן צום בוים און עס איז געווען ביי מיר קלאָר, אַז זיי ווילן אים דאָרט פאַרטיק מאַכן. אויפהענגען אָדער סתם אַזוי צעשלאָגן צום טויט. איך האָב מיך דאַן בליץ־שנעל דעצידירט אויף אַ דרייסטע האַנדלונג, אויף אַ האַנדלונג, וואָס האָט געקאָנט אָפּ־

ראַטעוועז שטשעפּקאַן און אויך באַשטעטיקן פאַר זיי, אַז איך בין אַ הונדערט-פּראָצענטיקער פּאָליאַק.

איך האָב מיך אַ וואָרף געטון אין זייער ריכטונג און האָב אַ געשריי געטון צו איינעם פון די אָנפירער:

— וואָס טוט איר? איר מאַכט אַ טעות! דאָס איז נישט קיין ייד! דאָס איז אַן אונזעריקער! אַ קאַטאָליק! אַזוי ווי איך און איר!

זיי האָבן מיך אָנגעקוקט מיט חוזק און דער הערשט, דער מיט די בלעכענע אויגן, האָט צו מיר געזאָגט:

— דו מיש דיך בעסער נישט אַריין! זיי נישט קיין יידישער מאַ־שעס! ווייל אַז נישט וועסטו באַצאָלן מיט דיין הויט פאַר איינשטעלן זיך פאַר אַ „גודלאַי" (אַ באַליידנדיקער אויסדרוק אויף אַ ייד).

— אָבער יינגלעך — האָב איך אויסגערופן (ביז היינט פאַרשטיי איך נישט, פון וואַנען עס האָט זיך צו מיר גענומען אַזוי פיל קאַלט בלוט!) — כ'פאַרזיכער אייך, אַז דאָס איז אַן אונזעריקער. כ'שווער אייך אויף די ווונדן פון יעזוסן!... ער זעט בלויז אויס ווי אַ ייד, אָבער ער איז אַן אמתדיקער קריסט! אַ פּאָלאַק! איר קענט אייך אי־בערציינגן. איר קאָנט אים באַטראַכטן וועט איר זען! שטשעפּקאַ איז געלעגן אונטערן בוים און האָט כמעט אינגאַנצן נישט געאָטעמט. די יידישע געקרייזלטע האָר זענען אים געלעגן צעוואָרפן איבערן שטערן. די גרויסע אָדערלר נאָז איז געווען צעבלוטיקט. איין אויג איז געווען בלוי און בלאָ. די צוויי באָרוועסע פיס, פון וועלכע די באַנדיטן האָבן געהאַט אַראָפּגעצויגן די קאַמאַשן מיט די זאָקן, זענען געלעגן ווי צוויי טויטע אברים. ווען כ'האָב געזאָגט, אַז ער איז אַן „אונזערי־קער" האָבן די „יינגלעך" אַ קוק געגעבן אויפן פּנים פון „שטשעפּ־קאַן" און האָבן אָנגעהויבן ווילד צו לאַכן: אויך מיר „אַן אונזערי־קער", מיט אַזאַ אויסגעקניטשט, רבניש פּנים! אָבער איך האָב פונדעסטוועגן געפילט, אַז ביים הערשט איז דאָך פאַראַן אַ שטיקל צווייפל. האָב איך אים נאָך מער געמונטערט:

— געדענקט, איר גרייט אייך דאָ צו באַגיין אַ זינד קעגן גאָט, קעגן אונזער בלוט און פליישׂ! כ'שווער אייך ביי אַלעם הייליקן, אַז

ער איז אַ פּאַלאַק. שטעלט עס פעסט! איך קאָנט עס לייכט פעסט־שטעלן!

אונטער די קלאַנגען פון אַ ווילד הינטיש געלעכטער האָבן די באַנדיטן אויף אַ ווונק פון זייער אָנפירער גענומען אַדורכפירן די רעוויזיע... אָבער אין אַ רגע ארום האָבן זיי אויפגעהערט צו לאַכן. זיי האָבן טאַקע דערזען בולט, אַז זיי זענען דאָ באַגאַנגען אַ טעות. אַז דער כלומרשטער ייד איז טאַקע זייער „בלוט און פלייש"...

איך האָב געפילט אַז איצט איז געקומען דער מאָמענט, ווען די אויפמערקזאַקמייט פון די באַנדיטן האָט זיך גענומען איבערוואַרפן אויף מיר. און זייער ביטער וועט זיין, אויב זיי וועלן מיך טאַקע אָנ־הויבן בודק צו זיין! אָבער צום גליק האָט דער הערשט פון דער באַנדע מיט אַ נויג פון קאָפּ באַפוילן אונז ארויסצולאָזן פון זייערע הענט. צוויי ייִנגען האָבן אַ נעם געטון שטשעפּקאָן (דאָס מאָל שוין אַ ביסל דעליקאַטער), האָבן אים צוגעטראָגן צום אויטאָ און האָבן אים אינעווייניק אוועקגעזעצט. דאַן האָט אַן אַנדערער צוגעטראָגן די קאַמאַשן, די זאָקן מיט דער מאַרינאַרקע און האָט זיי אנידערגע־לייגט אויף זיינע קני.

איך האָב נישט געוווּסט, וואָס עס וועט איצט פּאַסירן מיט מיר. צי וועלן די באַנדיטן זיך איצט אַ נעם טון צו מיר? איך האָב באַ־שלאָסן צו האַנדלען זייער שנעל. כ'האָב מיך געמאַכט נישט זען, וואָס דער היטער מיינער, דער הויכער, דאַרער פּאַלאַק, האָט מיך צוגעהאַלטן ביי אַן ארבל, נאָר כ'האָב גענומען גיין אין דער ריכ־טונג פון אויטאָ. קיינער האָט מיך נישט פאַרהאַלטן. כ'בין כלומרשט קאַלטבלוטיק אָבער מיט אַ האַרץ, וואָס האָט ביי מיר געקלאַפּט ווי ביי אַ גזלן, אריינגעזעצט מיך אין אויטאָ, נעבן דעם באַוווּסטלאָזן שטשעפּקאָ. כ'האָב אָבער נישט באַוויזן צו פאַרקלאַפּן דאָס טירל, ווי עס איז צוגעשפּרונגען דער אָנפירער זייערער:

— נעם מיר נישט פאַר אומגוט — האָט ער מיר געזאָגט — וואָס דאָ איז געשען. אז ער האָט אַזאַ פּנים (ער האָט אָנגעוויזן אויף דעם נאָך אַלץ נישט באַוועגלעכן שטשעפּקאַ) זיצט מען אין דער היים און מען לאָזט זיך נישט אין וועג אריין.

ער האָט מיר דערלאַנגט אַ ברייטע, ביינערדיקע האַנט. כ׳האָב אויף איר אַ קוק געטון מיט שרעק און מיט עקל. ווער ווייס, וויפל ייִדן, ער האָט מיט דער דאָזיקער האַנט טויט געשלאָגן. כ׳האָב אָבער מיט אַ געמאַכטן שמייכל דערלאַנגט אים די האַנט, געזאָגט צום ווידערזען „יינגלעך" האָב אַ דרוק געגעבן דאָס אייזן און געלאָזט דעם מאָטאָר אין גאַנג.

כ׳האָב שוין געוואָלט זיך געפינען וואָס ווייטער, אָבער אַ הינטערשט ראָד האָט זיך געדרייט אין זאַמד און האָט נישט געקאָנט זיך אַרויסבאַקומען. פֿונדערווייטנס האָבן גענומען צולויפֿן עטלעכע יינגען, ווייזט אויס, כדי מיר צוצוהעלפֿן, אָבער אין דאָזיקן מאָמענט האָט דער אויטאָ זיך געטון אַ ריס פֿאָראויס און אין אַ רגע אַרום האָב איך מיך געפֿונען ווייט פֿונם אָרט פֿון דעם צוזאַמענטרעף מיט די רוצחים.

אַ שטאַרקער ווינט האָט מיר געקילט דעם צעהיצטן שטערן, דער זעלבער ווינט האָט אויך שנעל צוריקגעברענגט שטשעפּקאָן צום באַוווסטזיין. ער האָט מיך געבעטן מיט אַ שוואַך קול, כ׳זאָל מיך אָפּשטעלן, כדי ער זאָל זיך קאָנען אַרומוואַשן דאָס פּנים און אַרויפֿציען אויף זיך די מלבושים, אָבער איך האָב געדריקט וואָס אַמאָל שטאַרקער מיטן פֿוס אויפֿן פּעדאַל און בין נישט געווען אימשטאַנד אַרויסצורעדן אַ וואָרט.

הארט הינטער וראָצלאַוו האָב איך מיך אָפּגעשטעלט. שטשעפּקאָ האָט זיך געבראַנגט אין אָרדנונג. אָבער דעם הומאָר האָט ער שוין נישט צוריקגעוווּנען. ער האָט מיך בלויז געפֿרעגט, צי כ׳גלויב, אַז זיי האָבן אים טאַקע געוואָלט שלעכטס טון, און ווען כ׳האָב אים געזאָגט, אַז אַ האָר האָט געפֿעלט און ער, דער אַריער, וואָלט איצט געהאָנגען אויף אַ בוים ווי אַ „זשיד", האָט ער גענומען ציטערן אויפֿן גאַנצן קערפּער. אין וראָצלאַוו האָב איך קודם כל געווענדעט דעם אויטאָ צו אַ מיליץ־סטאַציע. מיר האָבן זיי דערציילט וועגן אונזער איבערלעבונג און האָבן זיי אָנגעמשלט גענוי סיי דאָס אָרט און סיי יעדן פֿון די פֿאַרשוינען באַזונדער. איינער פֿון די מיליציאַנערן האָט דאָס אַלץ גענוי פֿאַרשריבן אויף אַ לאַנג שטיק פּאַפּיר,

אָבער פֿון די מינעם און פֿון די חוזק־בליקן, מיט וועלכע די איבריקע מיליציאַנטן האָבן זיך אריבערגעוואָרפֿן, האָב איך געזען, אַז דאָס איז נישט מער ווי אַ ברכה לבטלה. אַז זיי וועלן דערפֿון קיין שום וועזן נישט מאַכן.

אָבער איין זאַך האָט מיך די געשיכטע אָנגעלערנט: פֿון דע־מאָלט אָן בין איך מער מיט שטשעפּקאָ אויף קיין צווישן־שטאָטישע רייזעס נישט געפֿאָרן.

# קאַפּיטל עלף

מיינע רייזעס איבער דער אומגעגנט נאָך דער רויע פעל האָבן מיך אָפּטמאָל אריינגעברענגט אין דייטשן שלעזיע. א געווייסן טאָג בין איך ארײַפּגעקומען אין אַזאַ דייטשיש שטעטל, אין טאָג ווען עס איז ארוים דער באַפעל פון דער פוילישער מאַכט, אַז אַלע דייטשן זאָלן פאַרלאָזן זייערע וווינ־ערטער און אוועק איבער דער גרענעץ — קיין דייטשלאַנד.

דאָס איז געווען א טיפּיש נידערשלעזיש שטעטל. יעדעס הייזל האָט געהאַט ווייס־געפּלעגטע ווענט מיט אַ גערטנדל, און איז ארומגע־נומען מיט אַ פּאַרקאַן. די גאַסן זענען געווען ברייטע, באַפלאַנצטע מיט ביימלעך און ריינע, אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען אָפּגעצוואָגע־נע מיט זייף! א טייל פון די הייזער זענען געווען באַוווינט דורך יידן און דורך פּאָליאַקן. דאָ האָבן די דייטשע באַלעבאַטים אליין זיך אויפגעהויבן און זענען אַנטלאָפן צוזאַמען מיט דער נאַצישער אַרמיי. די איבריקע זענען אָבער ווייטער געווען באַזעצט דורך דייטשן. זיי זענען ווייטער געזעסן ביי זיך אין די היימען און פּונקט ווי זיי זענען פריער געווען אונטערטעניק היטלערן, אַזוי זענען זיי איצט געווען פול מיט חניפה פאר די נייע פוילישע באַלעבאַטים. קיין שום דייטש האָט נישט געוואַגט אַ פּיפּס צו טון קעגן אַ פּאָ־ליאַק אָדער א ייד. פאַרקערט. זיי פלעגן יידן באַגעגנען מיט אַן אונ־טערטעניקן שמייכל און האָבן געצויגן די היטלען מיט אַ הויכן „גוטן־טאָג". קיינער האָט זיי נישט געטשעפּעט. זיי האָבן געלעבט אַזוי ווי פריער. א סך האָבן געהאַט זייערע שטיקער ערד מיט בהד־מות און זיי האָבן געפירט די באַלעבאַטישקייט אַזוי ווי ס'וואָלט

גאָרנישט געשען. אנדערע האָבן געאַרבעט ביי פּאָליאַקן אָדער ביי ייִדן און זיי זענען געווען ווייך און נאָכגיביק און פּלייסיק, אַזוי ווי זיי וואָלטן קיין הויך וואָרט נישט געקענט אַרויסרעדן. אָבער פּלוצלונג איז געקומען די פאַראַנדערונג פון דער פּוילישער מאַכט, אַז זיי זאָלן זיך אויפהויבן און אַוועק איבער דער גרעניץ קיין דייטשלאַנד. ווען איך בין אָנגעקומען אין שטעטל אריין זענען ביי פּיל פון די דייטשע הייזלעך געשטאַנען געשפּאַנטע פערד און וואָגן און די דייטשן האָבן דאָרט געלאָדעוועט זייערע פּאַרמעגנס. זיי האָבן עס געטון זאַכלעך און מיט פּינקטלעכקייט, אַזוי ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט און אָפּטון עפּעס אַ געוויינלעכע אַרבעט. עס האָט גע־הייסן אַז זיי ווערן אַרויסגעוואָרפן פון פּוילן, אָבער ווי אַנדערש האָבן זיי, די דייטשן, געטון דאָס דאָזיקע וואַרפעניש, ווען זיי זע־נען געווען ביי דער מאַכט און ווי אַנדערש ווערט עס איצט געטון מיט זיי. נישט אַלע דייטשן זענען אַוועק מיט פערד־און־וואָגן. די גרעסטע טייל איז איינגעלאָדעוועט געוואָרן אין וואַגאָנען און זיי זענען אַוועקגעפירט געוואָרן איבערן מערב. אָבער אויך די דאָזיקע דייטשן זענען געפאָרן מיט גרויסע געשוואָלענע פּעק און דער עיקר האָבן זיי געוווּסט, אַז סדראַט זיי נישט קיין טויט. זיי האָבן געוווּסט — אָן שום ספק, וווהין זיי פאָרן. זיי האָבן געוווּסט, אַז די וואַ־גאָנען וועלן זיי דערפירן אויף אַן אָרט. זיי האָבן געוווּסט, אַז אויף דער צווייטער זייט פון זייער וועג וואַרט נישט אויף זיי קיין אויש־וויץ, און נישט קיין גאַז־קאַמערן מיט אויוונס. זיי האָבן געוווּסט, אַז זיי וועלן אָנקומען לעבעדיקערהייט, אַ טרייסט, וועלכע זיי האָבן נישט פאַרגינען זייערע ייִדישע קרבנות מיט אַ יאָר־צוויי צוריק.

אויף דער ערשטער גאַס אין שטעטל האָב איך געטראָפן אַ באַ־קאַנטן ייִד, וועלכער האָט פריער געוווינט אין לאָדזש. מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק נעבן זיין הייזל און האָבן זיך צוגעקוקט צו די דייטשן ווי זיי פּאַקן זייערע בעבעכעס... זיי זענען בסדר אריין אין די הייזלעך, האָבן אַרויסגעצויגן פון דאָרט פרישע זאַכן, האָבן זיי זאָרגפעליק אָפּגעפּוצט און דאַן זאַכלעך און אין

אָרדנונג אַרויפגעלייגט אויפן וואָגן. ארום יעדן הייזל זענען שוין געשטאַנען פוילישע „שאַבראָווניקעס" וועלכע האָבן געוואַרט אַז דער וואָגן זאָל אָפּפאָרן און זיי זאָלן זיך דערלאַנגען אַ לאָז אריין אינם הייזל און אויסרוימען דאָס וואָס ס'האָט זיך נישט געלאָזט מיטנעמען מיטן וואָגן.

— מיינט נישט — האָט מיר דער ייד געזאָגט, — אַז דאָס אַלץ קומט דאָ פאָר אַזוי רואיק, ווי עס זעט אויס. ווען די פאַראָרדנונג פון פאַרלאָזן די „אָפּגענומענע געביטן" איז אַרויס, זענען פול פון די דייטשן אַריינגעפאַלן אין אַ פינצטערער פאַרצווייפלונג. געווען אַפילו אַזעלכע, וואָס האָבן נישט געקאָנט פאַרטראָגן, וואָס מען פאַרטרייבט זיי פון זייער „היימלאַנד" און עטלעכע דאָ אין שטעטל האָבן זיך ביינאַכט אויפגעהאָנגען. די דאָזיקע דייטשן האָבן זייער גוט פאַרטראָגן ווען מען האָט געטריבן יענעם, אָדער ווען זיי אַליין האָבן זיך באַזעצט אין ראַבירטע דירות, אָבער איבערטראָגן דאָס אַליין אויף די אייגענע פּלייצעס — דאָס נישט. דערצו זענען אַ סך פון זיי נישט פּעאיק געווען. איך האָב געקוקט אויף די דייטשן פון נאָנטסטן הייזל, וואָס האָבן זיך געפּאָרעט ביים וואָגן. נעבן סאַמען וואָגן איז געשטאַנען אַן אַלטער יעקע אָנגעטון אין אַ פּאָר זאַמשענע הויזן מיט אַ גריין וועסטל און עס האָט זיך פאַרנומען מיט איינאָרדנען די זאַכן אויפן וואָגן. פון הייזל אַרויס זענען כסדר אַרויסגעקומען צוויי דייטשקעס — איינע אַ דיקע אַ ברייטהיפטיקע, ווייזט אויס דאָס ווייבס זיינס. טראָץ איר גאַנצער דיקקייט און די צוויי געזונטע הענט, איז זי אָבער יעדע פּאָר מינוט אַרויסגעקומען פון שטוב אַרויס מיט אַ גאָר קליינער זאַך. אָדער זי האָט נעברענגט עפּעס אַ בלומען־טעפּל אָדער אַן איינצעלנעם טעלער. די צווייטע איז געווען אַ יינגע, אַ הויכע, מיט אַ קאָפּ געלע האָר און מיט אַ געשפּרענגט פּנים. זי האָט געטראָגן טשעמאָדאַנעס און גאַנצע קאַסטנס. ביידע פרויען זענען אָבער געגאַנגען זייער פּאַמעלעך.

פאַרקערט ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט אין שטוב אריין מיט ליידיקע הענט, זענען זיי געגאַנגען פּאַמעלעכער ווי פריער, ווען

זיי זענען געווען באַלאָדנט. דער יעקע האָט ביי יעדע פון זיי צו־
גענומען די אַרויסגעטראָגענע זאַך און איז געשטאַנען דערמיט
האַלטנדיק עס אין די הענט און האָט אָפּגעמאָסטן דעם וואָגן ווו
עס אַרויפצולייגן. ער איז געשטאַנען אַזוי לאַנג, ביז דער בליק זייד־
נער האָט אויסגעזוכט אַ פּאַסיק אָרט, דאַן האָט ער עס מיט גרויס
פּאָרזיכטיקייט אַרויפגעצויגן, אַנידערגעלייגט און גלייך צוגעבונדן
מיט אַ שטיקל שטריק צו די אַרומיקע זאַכן. די צוויי פֿרויען גע־
שטאַלטן, וואָס האָבן זיך יעדע פּאָר מינוט אומגעקערט מיט אַן
אַנדערן שטוב־חפץ און דער אַלטער, ווייס קעפּיקער יעקע, וואָס
האָט אַ שווייגנדיקער צוגענומען ביי זיי די זאַכן און האָט — ווי
אַ מוראַשקע — גענומען עס אַרויפקוילערן אויפן וואָגן אַרויף, די
אַלע דריי געשטאַלטן האָבן ביי מיר פּלוצלונג אַרויסגערופן אַ רחמ־
מנות. איך האָב דאָס געזאָגט צום צווייטן ייד, וואָס איז געזעסן
מיט מיר אויף דער באַנק און יענער האָט אויף מיר אַ קוק געגעבן
צום ערשט מיט חידוש און דאַן האָט ער פּלוצלונג זיך פֿאַרקוקט אין
אַ זייט און האָט געזאָגט:

— מאָדנע, אָבער איך האָב אויך דאָס זעלבע געפיל. ער האָט אַ
ווײַלע געשוויגן און דאַן האָט ער געזאָגט:

— איר ווייסט? ווען כ׳בין געווען אין רוסלאַנד און עס האָבן
אָנגעהויבן אָנצוקומען די ידיעות וועגן די נאַצישע שחיטות איבער
יידן, האָבן זיך מיר נישט בלויז די הענט פּאַרביילט אין פֿויסטן,
נאָר אויך אַ רציחה האָט מיך אַרומגענומען צו יעדן דייטש באַ־
זונדער. דער דורשט נאָך נקמה האָט מיר פּשוט פּאַרגאָסן דאָס באַ־
ווּסטזיין. גאַנצע טעג און נעכט האָב איך בלויז געטראַכט ווי אַזוי
איך וואָלט זיי געשאָסן, געשטיקט אין גאַז-קאַמערן, אין וועלכע
זיי האָבן אומגעבראַכט אַזוי פֿיל קרבנות. און דערביי האָב איך גע־
טראַכט, אַז איך וואָלט עס געטון מיט אַ קלאָר געוויסן, ווייל זיי
האָבן פּאַרטיליקט אומשולדיקע און איך וואָלט עס דאַן געטון מיט
זיי, מיט די מערדער! אַזוי האָב איך געטראַכט, דורך די לאַנגע
יאָרן. און מיט די דאָזיקע רעיונות זענען פֿול געווען מיינע נעכט —

אָבער ווען כ'בין דאָ אהערגעקומען אין דאָזיקן שלעזישן שטעטל און כ'האָב זיי דערזען אין דער ווירקלעכקייט... ניין, עס טראַכט זיך אינגאַנצן אַנדערש, ווי עס טוט זיך. איך זע זיי דאָ יעדן טאָג. די מענער, די ווייבער זייערע, די קינדער. איך קוק זיי אָן פון דער נאָענט און איך טראַכט, צי וואָלט איך געקאָנט אויפהויבן אַ האַנט און אראָפּלאָזן זי אויף זייערם אַ קאָפּ...

ער האָט אַ בליק געטון אויף די דריי דייטשן, וואָס האָבן זיך אזוי לאַנגזאַם געפּאָרעט ביי זייער וואָגן מיט די בעבעכעס און ער האָט געזאָגט:

— ניין... איך וואָלט עס נישט געקענט טון. ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן און דאַן האָט ער פּלוצים געזאָגט:

— איר ווייסט, וואָס איך טראַכט אָפּט? עס איז אַ מאָדנער געדאַנק, אָבער ער לאָזט מיך נישט אָפּ. איך טראַכט, אַז די דייטשן זענען שוין באַשטראָפט געוואָרן... זיי זענען באַשטראָפט געוואָרן דערמיט, וואָס זיי זענען געווען מערדערס. ווייל זיין אַ מערדער איז אַ שרעקלעכע זאַך, דאָס איז נישט ווייניקער גרויזאַם, ווי זיין אַ קרבן. איך מיין, אַז אונזער נקמה דאַרף זיין אַן אַנדערע. מיר דאַרפן זיי, די דייטשן, כסדר דערמאָנען, אַז יעדער פון זיי האָט אויסגעטונקענע הענט אין בלוט, אַז זייערע געוויסנס זענען אויסגעווייקט אין בלוט. און יעדער פון זיי האָט זיך באַטייליקט, פּערזענלעך אינם מאָרד. דאָס דאַרף זיין די שטראָף זייערע. דער ברענענדיקער קיין־צייכן אויף די שטערנס...

די זון האָט זיך געלאָשן אויפן מערב און האָט באַפּאַרבט מיט אַ רויטער פּאַרב דעם הויך אָנגעלאָדעוועטן דייטשן וואָגן. די עלטערע דייטשקע איז מיט דער הילף פון דער ייִנגערער ארויפגעזעצט גע־וואָרן אויפן וואָגן. דער יעקע מיט דער וועלורענער מאַרינאַרקע האָט אַ נעם געטון די לייטשן אין דער האַנט און גייענדיק לעבן אוים דעם וואָגן האָט ער אַ שטילן געשריי געטון צו די פערד:

— וויאָ־אָ־אָ!

די אייזערנע רעדער האָבן זיך געטון אַ ריס אָפּ פונם ברוק און האָבן זיך אַ קאָלער געטון מיט אַ מעטאַלענעם, טעמפּן קלאַנג.

פּאָרוים איז געגאַנגען אַן אָנגעבויגנס דאָס ברוינע, הויכפּיסיקע פּערד. פון הינטן האָט זיך אים נאָכגעשלעפּט דער וואָגן, אַן ארומגע־צויגענער מיט שטריק. אויף דער קעלניע איז געזעסן שטייף ווי פאַר־פרוירן, די אַלטע דייטשע פרוי. פּאַראַלעל מיטן וואָגן האָט געשפּאַנט דער יעקע, און נאָך אים, אַן ארומגענומענע מיט אַ פּאַטשיילע די יינגע. ווען די פּראָצעסיע איז אַדורכגעפאָרן דורך אונזער באַנק, האָט דער דייטש אַראָפּגענומען דאָס היטל פון קאָפּ און האָט גע־זאָגט צו אונז:

— גוטן טאָג...

מיר האָבן ביידע אָוועקגעדרייט די קעפּ...

# קאַפּיטל צוועלף

דער איינקויף-צענטער פון לעדער האָט מיר א געוויסן טאָג גע־געבן אן אינסטרוקציע צו פאָרן קיין גלינקי נאָך א פּאַרטיע מיט לע־דער.

ווו געפינט זיך גלינקי? איך האָב לאַנג שטודירט דעם פּלאַן, כדי צו באַקענען זיך מיט דער געגנט, ווו כ'האָב געזאָלט אדורכפירן מיין נייע מיסיע און כ'האָב מיך דערוווּסט, אַז גלינקי געפינט זיך אַן ערך 16 קילאָמעטער הינטער וואַלדענבערג. אָבער די רייזע איז נישט גע־ווען קיין דירעקטע. נאָכן אָנקומען קיין וואַלדענבערג האָט מען גע־מוזט נעמען א טראַמוויי, וואָס האָט צוגעפירט ביז קיין דזשימאַלאָוואַ און פון דאָרט האָט מען נאָך געדאַרפט צופאָרן מיט אן אויטאָבוס אָדער צוגיין צופוס קיין גלינקי.

פון אַלע מיינע רייזעס איז דאָס געווען איינע פון די שענסטע. די גאַנצע געגנט, וואָס האָט זיך געפינען אין די „אָפּגענומענע דייטשע געביטן", איז געווען אן אומגעהויערע מאַלערישע. דער האָ־ריזאָנט איז געווען אַרומגענומען מיט א קייט פון נישט הויכע, אָבער פאַרביקע בערג. די בערג האָבן זיך געבאָדן אין א געדיכטן ים מיט שמעקעדיקע סאָסנע־וועלדער און האָבן אויסגעזען פונדערווייטנס ווי ריזעדיקע כוואַליעס מיט גרינס. די בערג־שפּיצן זענען געלעגן ווייך צוגעטוליעט צום הימל און זענען געווען אָנגעזאַפּט מיט א גרינ־לעכער בלויקייט. אָבער דאָס גרינס פון די בערג איז נישט געווען קיין איינהייטלעכ. פון צייט צו צייט האָט פון צווישן די געדיכט־וואַקסנדיקע סאָסנע־ביימער אַרויסגעלויכטן א רויטער פלעק פון א הויז. דאָס זענען געווען נישט געווינלעכע באַווין־בני־נים, נאָר קור־הייזער, ווייל די גאַנצע געגנט איז צוליב איר מאַלעריר־

שער לאַגע און צוליב איר זויבערער, טרוקענער סאָסנע־לופט, געווען אַ גרויס קור־אָרט מיט אַן אַ שיער הייל־ערטער. דאָס באַרימטסטע צווישן זיי איז געווען „סאָליצע זדרוי", וואָס איז באַרימט אין דער מעדיציניש־ער וועלט מיט אירע מינעראַלע קוואַלן. גלינקי אַליין איז געווען אַ טיפּיש דייטשיש דאָרף, מיט ווייס געמויערטע הייזלעך, באַ־דעקטע מיט רויטע שינדלען. דער הויפּט-שטריך, וואָס האָט זיך דאָ געוואָרפן אין די אויגן איז געווען דער שידוך פון דאָרף מיט שטאָ־טישע ציוויליזאַציע. יעדעס פּויעריש הייזל איז געווען פאַרבונדן מיט דער אויסערליכקייט מיט עלעקטרישע דראָטן, פון יעדן דאַך האָט אַראָפּגעקוקט אַן ארויפגעשטעלטע אַנטענע. אָבער צוגלייך מיט דער דאָזיקער „טעכנישע ציוויליזאַציע", האָבן זיך די הייזלעך געבאָדן אין בלומען און אומעטום זענען געווען איינגעאָרדנט קליינע גערטנ־דלעך. און ווידעראַמאָל האָבן זיך די דאָזיקע גערטנדלעך אויסגע־צייכנט מיט אַ זאָרגפעלטיקייט און מיט אַ פלעגע, וואָס איז בלויז כאַראַקטעריסטיש פאַר די דייטשן (אויך אין מאָרדן האָבן זיי זיך אויסגעצייכנט מיט דער זעלבער „ציוויליזאַציע"!).

דאָס דאָרף איז געווען איינגעאָרדנט לויט אַ סיסטעם, די הייז־לעך זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט ווי סאָלדאַטן און עס האָט דאַ־ריבער נישט געדויערט לאַנג, ווי כ'האָב מיך דערפרעגט צו דער גאַר־בעריי, ווו כ'האָב געזאָלט אָפּנעמען די פאַרטיע מיט דער אויסגעאַר־בעטער לעדער.

די געביידע פון דער גאַרבעריי איז אויך געווען אַ מאָדערנע מיט גרויסע פענצטער און מיט אַלע נייעסטע איינריכטונגען. אינעווייניק אין עטלעכע גרויסע האַלעס האָבן געאַרבעט אַ פּאָר הונדערט אַר־בעטער, צוזאַמען מיט מייסטערס און אַ שטאַב דירעקטאָרן. אַלע אַר־בעטער און אויפזעער זענען געווען פּאָליאַקן, אין גרעסטן טייל אַהער־געקומענע פון פאַרשידענע פּוילישע שטעט און דערפער. אָבער די פּאַכלייט זענען געווען דייטשן. פּוילן האָט נאָך דעמאָלט נישט גע־האַט גענוג פאַכלייט צו באַזעצן אַלע איבערגענומענע פאַבריקן און איז געווען געצווינגען, אויף אַ צייט יעדנפאַלס, צו פאַרהאַלטן די פריערדיקע דייטשע מייסטערס. שפּעטער ערשט, נאָכדעם ווי מען

האָט שוין אויסגעשולט אייגענע פּאַבליט, האָט מען די דייטשן אַוועקגעשיקט. די דאָזיקע דייטשע ספּעציאַליסטן זענען דאָ נישט פֿאַרבליבן אַליין, נאָר צוזאַמען מיט זייערע פֿאַמיליעס און זיי האָבן צוגלייך מיט די פּאָלאַקן גענאָסן פֿון פולע, בירגערליכע רעכט.

איך האָב מיך פֿאַרגעשטעלט פֿאַר דער דירעקציע פֿון דער פֿאַבריק און האָב זיי געוויזן מיינע פּאַפּירן און בריוו. אויך זיי האָבן שוין ווייזט אוים געהאַט די געהעריקע אינסטרוקציעס, האָבן זיי דעריבער נישט געמאַכט קיין גרויסע שהיות און האָבן באַפֿוילן אייניקע אַרבעטער זאָלן אָנהויבן ארויפצולאָדעווען דאָס לעדער אויף צוויי פּלאַטפֿאָרמעס, וועלכע האָבן עס געדאַרפט צופירן צו דער באַן־סטאַציע אין „זאַלצוואַסער" און פֿון דאָרטן האָט עס די באַן געדאַרפט אַוועקפירן קיין וואַרשע.

בעת די אַרבעטער זענען געווען באַשעפּטיקט מיטן ארויפלייגן די גרויסע פּעק מיט לעדער אויף דער צווייטער פּלאַטפֿאָרמע בין איך דערווייל געשטאַנען ביים הויפּט־איינגאַנג פון דער פאַבריק און האָב נישט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן פון דער וונדער־שיינער פּאַנאָראַמע, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט פֿאַר מיינע אויגן. עס איז שוין געווען פֿאַרנאַכטליך און די קעפּ פון די בערג האָבן זיך אָנגעצונדן מיט אַלע מעגלעכע פאַרבן. עס איז ממש געווען אָטעם־פאַרכאַפּנדיק צו זען, ווי די נאַטור איז דאָ דערשינען אין אַלע אירע פּראַכטן.

אָבער עס איז מיר נישט באַשערט געווען לאַנג זיך אָפּצורייסן פֿון ערדישער ווירקליכקייט... נאָך פריער האָב איך געהאַט באַמערקט, ווי פון אַן אַקעגנאַיבערדיקער גאַס האָבן זיך גענומען דערנענטערן עטלעכע מיליציאַנטן. זיי זענען אָבער גלייך פאַרשוואונדן געוואָרן און איך האָב נישט באַמערקט, אַז זיי זענען אריין מיט אַ צווייטן איינגאַנג אין דער פאַבריק אריין. פּלוצלונג זענען זיי אָבער אויסגעוואַקסן האַרט נעבן מיר און איינער פֿון זיי, ווייזט אוים דער עלטסטער, האָט ביי מיר פאַרלאַנגט די פּאַפּירן.

— וואָס דאַרפֿט איר עפּעס מיינע פּאַפּירן? — האָב איך אים געפרעגט מיט אַ שמייכל, ווייל וויפל כ׳זאָל נישט האָבן (לײדער אַזאַ באַרעכטיקטן) „רעספּעקט" פֿאַר די דאָזיקע קנעפּל־לייט, בין איך

אָבער געווען גוט פֿאַרזיכערט מיט דאָקומענטן, מיט פּאַפּירן און מיט בריוו פֿון מיין מיניסטעריום.

— פֿרעגט נישט קיין קשיות — האָט מיר דער מיליציאַנט גע־ענטפֿערט מיט אַ שפּיציק לשון, אַזוי ווי עס איז טבע פֿון די דאָזיקע לייט — ווייזט אייערע דאָקומענטן.

כ'האָב אַרויסגענומען פֿון בוזים-קעשענע מיין פּאָרטפֿעל און האָב אים אָנגעהויבן אַריינלייגן אין ד ער אויסגעשטרעקטער האַנט אַריין איין פּאַפּיר נאָכן אַנדערן. דער פּאַס, די קאַרטע פֿון מיניס־טעריום, דעם בריוו פֿון דער דירעקציע, וואָס האָט מיך דעלעגירט קיין גלינקי און אַ גענויע ליסטע פֿון דעם לעדער־טראַנספּאָרט, וועלכן כ'האָב געזאָלט נעמען דאָ אין פּאַבריק און אַוועקפֿירן מיט דער באַן אין דער צענטראַלע. דער מיליציאַנט האָט צוגעלייגט צו די אויגן יעדן דאָקומענט באַזונדער, דאַן האָט ער זיי אַריינגעלייגט צו זיך אין אַ גרויסער היפּטן־קעשענע און האָט צו מיר אַ מאַך גע־טון מיט אַ באַוועג פֿון קאָפּ:

— קומט!

— וווהין?

— קומט אין דער מיליץ אַריין.

— וואָס עפּעס? כ'האָב דאָך אייך געוויזן די פּאַפּירן!

— אייערע פּאַפּירן זענען פֿאַלש — האָט דער מיליץ־אָנפירער האַסטיק געזאָגט און איידער כ'האָב נאָך באַוויזן צו עפֿנען דאָס מויל בין איך שוין געשטאַנען אין אַרומגערינגלטער דורך עטלעכע באַ־וואָפֿנטע לייט און כ'האָב מיך דערפֿילט ווי אין די אַלטע, גוטע צייטן פֿון די נאָר וואָס איבערגעלעבטע יאָרן אין רוסלאַנד. די אַר־בעטער וואָס זענען געווען באַשעפֿטיקט מיטן אַרויפֿלאָדעווען די סחורה, זענען געבליבן שטיין מיט דער לעדער אין די הענט. אויך דאַי דירעקטאָרן מיט די מייסטער האָבן געקוקט אויפֿן גאַנצן בילד מיט אויפֿגעריסענע אויגן, אָבער איך בין שוין געווען אונטער דער השגחה פֿון מיינע אַפּוטרופּסים און כ'האָב שנעל (אַן אונטערגע־טריבענער פֿון הינטן) מאַרשירט אין דער ריכטונג פֿון דער צענ-טראַלער מיליץ.

איך האָב אַלץ נאָך געפילט זיך אַביסל האַפּערדיק, ווייל טראָג אַלע מיינע דערפאַרונגען מיטן „סאָציאַליסטישן" יושר, בין איך דאָך אָבער געווען 100 פּראָצענט כשר. וואָסזשע קאָנען זיי מיר טון? זיי וועלן אָנקלינגען אין דער צענטראַלע, וועלן דערזען זייער טעות און וועלן מיך מוזן אַרויסלאָזן. ווייל עס גייט דאָ נישט אין מיר. מיט מיין אַרעסטירן אָבער ווערט דאָך געשעדיקט אַ וויכטיקע מיניסטער־יאַלע אַרבעט.

די מיליציאַנטן האָבן מיך אָפּגעפירט אין צערקל אַריין אויף שענקעוויטשאַ גאַס, דאָרט האָט די פּאַפּירן מיינע גענומען אין דער האַנט אַריין עפּעס אַ נאַטשאַלניק, מיט אַ רויטער, מיט בראָנפן־אָנ־געגאָסענער נאָז און האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ שנעלן פּסק:

— פאַלש!

און צו די מיליציאַנטן האָט ער אַ זאָג געטון:

— פירט אים אָפּ אין דער צעלע.

— וואָס הייסט — האָב איך גענומען פּראָטעסטירן — פונוואַנען נעמט איר עס, אַז די פּאַפּירן זענען פאַלשע? קלינגט אָן קיין ווראָצ־לאַוו, קיין לאָדזש! דאָרטן וועט מען אייך זאָגן, צי זיי זענען פאַלש, צי נישט.

— דו גיב אונז נישט קיין עצות, ווו מען זאָל קלינגען — האָט דער נאַטשאַלניק צו מיר אַ געשריי געגעבן אויף „דו" — אַז מ'וועט דאַרפן קלינגען, וועט מען קלינגען.

ער האָט געגעבן אַ קורצן צייכן מיט דער האַנט און אין אַ רגע אַרום האָב איך מיך געפונען אין קעלער־צעלע וואָס איז געווען אָנ־געפּראָפּט מיט אַרעסטירטע.

דאָ ערשט האָב איך מיר אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון אין וואָס פאַ־ראַ לאַגע איך געפין מיך. די צעלע, אַ טונקעלע און אַ שטיקנדיקע, איז געווען אָנגעפּראָפּט ביז איבער די ברעגעס. צווישן די אַרעס־טאַנטן האָט זיך אויך געפונען אַ צענדליק יידן, וועלכע האָבן זיך דאָ שוין געפונען מערער וואָכן.

די גרעסטע טייל פון די אַרעסטאַנטן האָט נישט געוווסט, פאַר־וואָס מען האַלט זיי דאָ. נישט זיי האָבן געוווסט און נישט עס האָט

זיי עמיצער געזאָגט. מען האָט זיי דאָ אריינגעפירט און עס האָט אויסגעזען, ווי קיינער וואָלט זיך מיט זיי מער נישט אינטערעסירט. דער ערגסטער פאַל איז דאָ געווען א ייד לייביש ווינציקסטער פון שטעטעלע סטאַרעוו, הינטער קעלץ. ער איז דאָ געווען דער עלטסטער אַרעסטאַנט. ער איז געזעסן דאָ 5 חדשים. מען האָט אים יעדע פאָר טעג געשלעפּט פון דאָזיקן קאַמער אין תפיסה אריין און פון דער תפיסה צוריק אין קעלער, אָבער אין וואָס דער חטא זיינער איז באַשטאַנען האָט אים קיינער נישט געזאָגט. דער ייד האָט איבערגעלעבט דעם היטלער-חורבן צוזאמען מיט זיין פאָטער, מיט א יינגערן ברודער און מיט יענעמס א כלה. זיי האָבן זיך אויסבאהאַלטן אין די אַסטראָווצער וועלדער. די סאָוויעטישע באַפרייאונג האָט פאַר אים לאַנג נישט געדויערט. מען האָט אים באַפרייט פון די וועלדער און פאַרשלאָסן אין דער תפיסה.

— ווי אַזוי האָט מען אייך ארעסטירט? — האָב איך אים געפרעגט. ער איז געווען א יונגער, 26־יעריקער בחור, מיט א סימפאַטיש געזיכט און מיט א פּאָר גרויסע, טרויעריקע, אויגן אין וועלכע עס איז נאָך געלעגן דער גאַנצער גרויל פון די אַסטראָווצער וועלדער.

ער שמייכלט ביטער:

— ווי אַזוי מען האָט מיך ארעסטירט, קאָן איך אייך זאָגן. אָבער ב׳קאָן אייך נישט זאָגן פאַרוואָס מען האָט מיך איינגעזעצט.

— מען האָט ארעסטירט בעת אן אָבלאַווע?

— ניין, מיר האָבן זיי אָנגעטון דעם כבוד און זענען געקומען צו מיר אין שטוב אריין. פאַרטאָג איז עס געווען. זיי זענען געקומען צו אונז אין שטוב און האָבן זיך פאָרגעשטעלט, אַז זיי זענען פון דער „ספּעציעלער קאָמיסיע".

פון דער ספּעציעלער קאָמיסיע! דאָס האָט געקאָנט באַדייטן זייער ערנסטע חשדים, וואָס האָבן געקאָנט זיך שטיצן אויף רכילות אָדער אפילו אויף א געוויינלעכן טעות. דער רעזולטאַט איז אָבער געווען דער זעלבער. קעגן דער „ספּעציעלער קאָמיסיע" האָט מען גאָרנישט געקאָנט אויפטון. מען האָט געמוזט האָבן א סך אויסדויער. און דער דאָזיקער יינגער בחור, וועלכער איז אָבער במשך

פון די 5 חדשים שטאַרק פאַרעלטערט געוואָרן, האָט נישט געוווּסט, אין וואָס פאַרא טראַגישער לאַגע ער געפינט זיך. ער האָט געהאָפט, אַז היינט-מאָרגן וועט זיך דער טעות אויפקלערן און ער וועט ווערן אַרויסגעלאָזט.

געוועזן אָבער אין דעם קעלער אַ סך, וואָס האָבן יאָ געוווּסט, וואָס פאַרא הטאים מען זיי וואַרפט פאָר. מייסטנטייל זענען דאָס געווען שמוגלערס, אומלעגאַלע סוחרים, ספעקולאַנטן און ענלעכע.

אַ גאַר באַזונדערן סאָרט אַרעסטאַנטן האָט מיט זיך פאָרגע־שטעלט אַ גרופּע פון עטלעכע יידישע יינגעלייט, וואָס האָבן אויך געוווּסט, פאַרוואָס מען האָט זיי אַריינגעזעצט, וואָס האָבן זיך אָבער מיט די „פאַרברעכנס" זייערע אינגאַנצן נישט געשעמט. דאָס זענען געווען יינגעלייט, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער דעמאָלט אָנגייר־ענדיקער אַקציע פון דער אַזוי גערופענער „בריחה". זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט אָרגאַניזירן דאָס „אַנטלויפן" פון יידן פון פוילן. זיי האָבן אַריבערגעפירט יידן פון פוילן קיין טשעכן און פון דאָרטן וויי־טער — קיין ישראל. די דאָזיקע גרופּע איז פאַרהאַלטן געוואָרן, בעת זי האָט געהאַלטן אין אַריבערפירן 30 יידן (דערונטער דריי פרויען און פיר קינדער) איבער דער טשעכישער גרעניץ.

מיט אַ סך מוט און אפילו מיט הומאָר האָט זיך צווישן דער דאָ־זיקער גרופּע אויסגעצייכנט אַ יינגער 22־יעריקער בחור, ווינטשעווס־סקי. איך האָב נאָך פריער פאַרשטייט זיך געוווּסט, וועגן דער דאָ-זיקער אומלעגאַלער אַקציע פון אַרויספירן הונדערטער יידישע פאַ־מיליעס פון וואָס אַמאָל מער סאָוויעטיזירטן פוילן, אָבער ערשט פון זיין מויל האָב איך מיך דערוווּסט וועגן דעם אומגעהויערן פאַרנעם פון דער אַקציע. פאַר מיינע אויגן האָט זיך אויפגעוויקלט אַ בילד פון אומגעהויערע מסירות נפש, פון העלדישקייט, פון קרבנות־גרייט־קייט און פון אַ גרויסן דראַנג צו פאַרלאָזן די דאָזיקע ערד, וואָס איז נישט בלויז אויסגעווייקט אין יידיש בלוט, נאָר וואָס געפינט זיך איצט אין די קלאַמערן פון אַ וואָס אַמאָל שרעקלעכערע דיקטאַטור. ווינטשעווסקי דערציילט מיר, ווי אַזוי מען האָט זיי אַרעסטירט:

— מיר זענען שוין געווען אויפן גרענעץ־פּאַס, מיר האָבן שוין

געזען פֿאַר זיך דאָס טשעכישע לאַנד. די גאַנצע גרופּע, אפילו די פרויען און קינדער האָבן זיך גלענצנדיק אויפֿגעפֿירט. אָבער עפּעס האָט נישט געקלאַפּט אין דער אַנפירערשאַפֿט. די „שמוגלערס" וואָס האָבן זיך געפֿונען אויף דער טשעכישער זייט, האָבן זיך פאַרזוימט. זיי האָבן געזאָלט צוקומען מיט אַן אויטאָמאָביל און אַריבערנעמען אונזערע מענטשן, אָבער זיי זענען נישט געקומען. ווייזט אויס, אַז דאָרטן איז עפּעס געשען אַן אומדערוואַרטעטע זאַך, ווייל אַזוינס האָט נאָך פריער נישט פּאַסירט. דערווייל איז אונזער אויפהאַלטן זיך נעבן דער גרענעץ געוואָרן אויפֿפּאַלנד. עמיצער פֿון די גרענעץ־פּויערים האָט צווויסן געגעבן, ווו מען דאַרף, און באַלד זענען מיר אַרומגערינגלט געוואָרן מיט מיליץ. מען האָט אונז פונאַנדערגעשיקט איבער פֿאַרשידענע תפיסות, עס איז געפֿערליך צו האַלטן אַזוי פיל פאַרברעכער צוזאַמען... איצט וואַרטן מיר מען זאָל אונז אַריבער־פירן אין תּפֿיסה אַריין. אָבער טראָץ דער טראַגישער לאַגע זייערע, האָבן זיך די יינגע צחורים אויפֿגעפירט זייער האָפערדיק. זיי האָבן אַפֿילו געזונגען צווישן זיך אין דער שטיל העברעאישע לידער און האָבן דיסקוטירט פּאָליטישע פראַגן. זייער רו איז נאָך געווען מערק־ווירדיקער דערמיט, וואָס כמעט אַלע זענען זיי שוין פאַרהאַלטן גע־וואָרן פריער און עס האָבן זיי איצט גערדאָט שווערע תּפיסה־שטראָפֿן.

נעבן מיר, אויף דער באַנק, איז געזעסן אַ פּוילישער פּאָרוטשניק און האָט זיך אויפֿגעפירט לחלוטין נישט אַזוי ווי אַ מיליטער־מאַן. נישט בלויז ווי אַ מיליטער־מאַן, נאָר אַפּילו ווי אַ געוויינלעכער מאַן... ער איז געזעסן מיט פאַרבראָכענע הענט און האָט געוויינט ווי אַ קליין קינד. ער האָט כסדר איבערגעחזרט די זעלבע פראַזע:

— קיין יידן האָב איך דאָך נישט אומגעבראַכט, טאָ וואָס האָט יענער ייד געוואָלט פון מיר!

„יענער ייד" איז ביי אים געווען דער אויספאָרשונג־ריכטער פון „או-בע", וועלכער איז ווייזט אויס געווען אַ משלנו'דיקער...

דער פּאָרוטשניק איז געווען אַ הויכער, ברייטבייניקער יונג, מיט אַ פּאָר גרינע, בליציקע אויגן. די אויגן זענען געווען אַרויסגעזעצט

און עס האָט ארומגענומען א פּחד, ווען מען האָט אים אַנגעקוקט און נאָך מער, ווען ער האָט אויף עמיצן געגעבן א קוק. ער האָט אויך געהאַט א פּאָר קנאָכיקע באַקן, וואָס זענען געווען באַוואַקסן מיט א קורץ, שיטער בערדל, און דאָס האָט אים נאָך צוגעגעבן א מער אימהדיקן, טאַטערישן אויסזען.

איך האָב מיך שטאַרק געוואונדערט, וואָס דער דאָזיקער גרויסער און שטאַרקער מאַן האָט אַזוי ביטער געוויינט. וואָס ער האָט זיך אַזוי צוזאַמענגעבראָכן. אמת — איך האָב דאָ געהאַט מיינע אייגענע צרות, אָבער כ'האָב שוין געוווּסט פון דער פּראַקטיק, אַז עס איז לייכטער איבערצוטראָגן די אייגענע, ווען מען אינטערעסירט זיך אויך מיט פרעמדע. איך האָב אים געפרעגט, וואָס עס איז די סיבה פון זיין פאַרצווייפלונג און ער האָט געענטפערט מיט אַן אומגעריכט דינער און פּרוויאַישער שטימע, וואָס איז געווען אויסגעווייקט אין טרערן:

— איך בין צעבראָכן, ווייל כ'האָב מורא, אַז מען זאָל מיך נישט אַוועקשיקן. אויב זיי האָבן בדעה מיך צו פאַרמאַכן אין א פּוילישער תפיסה, איז פאַרפאַלן, אָבער — נאָר נישט קיין רוסלאַנד. פאַר סיביר ציטער איך אימת מוות.

— נעמט אייך אַזוי שטאַרק נישט איבער — האָב איך אים באַרואיקט — דאָרטן זענען אויך פאַראַן מענטשן. אַט קוקט אָן מיך, וועט איר זען. נישטאָ דאַכט זיך קיין גיהנום אין רוסלאַנד ווו איך בין נישט אויסגעווען, און פונדעסטוועגן גיט א קוק, וועט איר אייך איבערצייגן... ער קוקט מיך אָן מיט גרינע פאַרטרערטע אויגן און גלייבט זיך נישט צו :

— איר זענט געווען ביי „זיי" א פאַרשיקטער?

— אַלץ הייסט פאַרשיקט. כ'בין געווען אויף ערטער, ווו קיין שום לעבעדיק באַשעפעניש קומט נישט צו. ווו אפילו די זון האָט נישט קיין חשק אויפצושיינען... די בעסטע זאַך פאַר אייך איז נישט צו טראַכטן קיין סך. אָדער בעסער נאָך — איבערהויפּט נישט צו טראַכטן. וואָס ווייניקער איר וועט טראַכטן, אַלץ לענגער וועט איר לעבן... איך רעד צו אים מיטן טיפּישן ווילערישן טאָן פון רוסישע

תפיסה׳ניקעס, אָבער אין מה ענגבערט מיר אַ פֿראַגע: ווער ווייסט, פֿאַרוואָס דער דאָזיקער ברייטבייניקער הברהמאַן איז דאָ אריינגע־זעצט געוואָרן. ס׳קאָן טאַקע זיין, אַז ער זיצט דאָ איננאַנצן אָן אומ־שולדיקער, אָבער פּונקט אַזוי איז מעגליך, אַז ער איז אַ וואַלד־גזלן און מערדער.

איך זאָג נאָך צו אים, ווען׳לנדיק פֿון אים ארויסבאַקומען דעם סוד פֿון זיין ארעסט.

— איין זאַך איז זיכער. אַז קיין גרויסע שטראָף דערוואַרט אייך נישט.

— פונוואַנען נעמט איר דאָס?

— דערפֿון, וואָס מען האָט אייך דאָ איבערגעגעבן דער מיליץ. טאָמער וואָלטן זיי געהאַט קעגן אייך עפּעס אַן ערנסטע זאַך, וואָלטן זיי אייך פֿאַרמאַכט אין אַ בנין פֿון או. בע.

אָבער דער פּאַרוטשניק לאָזט זיך נישט „אָנציען״. ער פֿירט זיך אויף איננאַנצן אַנדערש ווי עס איז דער מנהג פֿון ארעסטאַנטן. די טבע פֿון אַן „איינגעזעסענעם״ איז אָראָפּצוזעדן זיך פֿון הארץ. צו זוכן פֿאַר זיך עפּעס אַ שטיקל חסד און צו חלומען הויך פֿאַר אַנדערע צעלע־„חברים״ וועגן זיינע פּלענער און האָפֿנונגען. אויך דאָ אין דער דאָזיקער צעלע האָבן כמעט אַלע הויך קאָמענטירט זייער און יענעמס גורל. א חוץ די, וואָס האָבן בכלל נישט געוווּסט, פֿאַרוואָס זיי זענען דאָ אריינגעזעצט געוואָרן. האָבן אָבער אַלע איבריקע דער־ציילט וועגן די פֿאַרשידענע „שטרויכלונגען״, וואָס האָבן זיי אריינגע־ברענגט הינטער די קראַטן און זיי האָבן געפּרוּווט טרעפֿן, וואָס עס דערוואַרט זיי מצד דער מאַכט.

דאָס קאָמישסטע ביי דעם אַלעם איז געווען דאָס, וואָס כמעט אַלע האָבן דאָ געטראַכט מיט דער קאַטעגאָריע פֿון די פֿאַר־מלחמה־דיקע באַגריפֿן. מען האָט אָפּערירט מיט תפיסה־אורטיילן פֿון וואָכן און חדשים, לויט דעם אַלטן פּוילישן שטראָף קאָדעקס. קיינער פֿון די דאָזיקע ארעסטאַנטן האָט ווייזט אוים נישט געהאַט הינטער זיך די סאָוויעטישע פּראַקטיק. אָדער האָט נישט געוווּסט, אַז אויך דאָ אין פּוילן דאַרף מען מעסטן נישט לויט די אַמאָליקע אידיליש־פּוי־

לישע שטראָפן, נאָר לויט דעם יושר פון די סאָוויעטישע געריכטן, ווו מען אַפּעלירט נישט מיט חדשים, נאָר מיט צענער יאָרן.

ענדליך דערפילט אויך דער פּראָוטשניק די דאָזיקע נויטווענדיקייט זיך אָראָפּצופירן פון הארץ. אויסצודריקן אָפן זיינע מוראָ׳ס און ספקות. און ווען ער הויבט אָן צו דערציילן, נידערט אראָפּ אויף דער צעלע א טווישע שטילקייט. ווייל עס ווייזט זיך ארויס, אז דער דאָזיקער גבור מיט דער נשמה פון א זאַיאַנץ, זיצט דאָ נישט פאר אבי־וואָס. ער האָט זיך אַמאָל אָנגעשכורט און האָט איינגעאָרדנט ווי ער דריקט זיך אויס — א „שיסעריי קארנאוואל". ער איז ארומגעלאָפן איבער דער גאס און האָט געשאָסן אויף לינקס און אויף רעכטס. וויפל און וועמען ער האָט געשאָסן ווייסט ער נישט. ער ווייסט אויך נישט, צי ער האָט די קרבנות זיינע געהרגעט, צי ער האָט זיי סתם אזוי צעקאַלעטשעט. אָבער איין זאַך ווייסט ער אויף זיכער — און דערויף זאָגט ער איז ער גרייט צו שווערן אין דער קירכע ביי די פיס פון יויזל און ביי דער מוטער זיינער, די הייליקע בתולה. ער האָט נישט געשאָסן אויף קיין יידן, ער האָט נישט געהאַט בדעה איינצואָרדענען קיין שום פּאָגראָמען. פאַרקערט, ער איז זייער א ליבעראַלער און טאָלעראַנטער מענטש. ביי אים איז נישט פאַראַן קיין אונטערשיד יאָ־ייד צי נישט־ייד. ביי אים זענען אַלע גלייך. ער האָט געשאָסן נישט אויף קיין יידן און נישט אויף קיין פּאָלאַקן, נאָר אויף מענטשן. אָן שום ראַסן-דיסקרימינאַציע...

און דעריבער פאַרשטייט ער טאַקע נישט איין זאַך: וואָס האָט זיך דער יידישער „סלעדאָוואַטעל" צו אים צוגעטשעפּעט? פאַרוואָס האָט ער אים אזוי געמאַרדעט בייטאָג און ביינאַכט מיט פראַגן, מיט אויספאָרשונגען און אפילו מיט גאַנץ פּילבארע מיטלען? וואָס האָט זיך די פּאָליציי צו אים צוגעטשעפּעט? ער ווייסט, דער פּאָרוטשניק, זייער גוט, אז די איצטיקע גאַנצע רעגירונג איז א יידן־רעגירונג און אז דער ציל זייערער איז בלויז צו פאַרטיידיקן די יידישע אינטערעסן, טאָ וואָס וויל מען האָבן פון אים, וואָס האָט געשאָסן נישט אויף די „אויסדערוויילטע" פון דער איצטיקער רעגירונג, נאָר אויף כשרע פּאָלאַקן?

דאָס רעדן זיינס ברענגט אריין אין צאָרן יידישע אַרעסטאַנטן. מען איז אים מוחל זיין „יידן-טאָלעראַנץ" און די טובה, וואָס ער האָט אונז געטון נישט שיסנדיק אויף יידן. מען קאָן נישט פאַר־טראָגן דאָס רעדן זיינס וועגן דער „יידן־רעגירונג". איינער פון די יידישע „בריחה"־יינגעלייט זאָגט אים טאַקע אַ פּאָר געהעריקע ווער־טער און דער ברייט־ביינער פּאָרוטשניק צינדט זיך אָן און כאַפּט זיך צו שלאָגן. אָבער דער יידישער בחור איז אויך נישט מפיל קינד. ער כאַפּט אַ דערנעבן-שטייענדיקע קריג מיט וואַסער און דערלאַנגט דערמיט דעם פּאָלאַק איבערן קאָפּ. יענער ציט זיך אוים און באַגיסט זיך מיט בלוט. צוויי מיליציאָנערן פאַלן אריין אין דער צעלע, רייסן פונאַנדער די צדדים און שלעפּן אַרויס דעם בלוט־אויסגעווייקטן פּאָרוטשניק.

איך זיץ דערווייל אויף אַ באַנק נעבן פאַרקראַטעטן פענצטער און טראַכט וועגן מיינע אייגענע צרות. לאָגיש־גענומען האָב איך נישט וואָס מורא צו האָבן. די מיליץ וועט מסתמא אָנקלינגען אין מיין מיניסטעריום און דער גאַנצער ענין וועט ווערן קלאָר. אָבער עס הייבן מיר אָן צו קריכן אין קאָפּ אריין מיינע דערפאַרונגען אין די סאָוויעטישע תפיסות און לאַגערן. איך הויב אָן צו טראַכטן: ערשטנס, ווער זאָגט עס, אַז די מיליץ לויפט טאַקע אַזוי שנעל קלינגען, ווו מען דאַרף? וואָס איז דאָס יאַגעניש? וואָס וועט עס זיי אַרן, אַז איך וועל דאָ פריער אָפּזיצן אַ צוויי־דריי חדשים נאָך איידער זיי וועלן זיך צורירן צו מיין ענין. צווייטנס — בין איך גאָרנישט אַזוי זיכער, אין זייערס אַ טעלעפאָן אָדער אַפילו אַ בריוו צום מי־ניסטעריום וועט אַזוי שנעל געבן אַ רעזולטאַט. טאָמער וועט מען דאָרטן דערהערן, אַז מען האָט מיך אַרעסטירט, וועט די ערשטע רעאַקציע פון מיינע „בעל־הבתים" זיין נישט צו אַנגאַזשירן זיך צו שטאַרק. מיט פּאָליציי האָט קיינער נישט ליב צו טון. זיי וועלן מס־תמא געבן די נויטיקע אינפאָרמאַציעס, אָבער צופיל אַנגאַזשירן זיך אָדער איינרייסן וועלטן, וועט קיינער נישט וועלן. און דריטנס — אויב אַפילו זיי וועלן יאָ צושיקן וועגן מיר אַלץ וואָס מען דאַרף, איז נאָך דערפון אויך נישט געדרונגען, אַז באַלד אין דער זעלבער רגע,

רופט מען מיך אַרויס צום נאַטשאַלניק פון מיליץ, מען בעט מיך איבער און מען לאָזט מיך גלייך אַרויס. די קאָמוניסטישע מאַכט צייכנט זיך אויס מיט איין שטריך: זי האָט זייער אַ סך צייט. דאָ ווערט די צייט געמאָסטן נישט לויט אַ זייגער נאָר לויט אַ יאָרן־קאַלענדאַר.

איך בין דעריבער געזעסן אַ נידערגעשלאָגענער און די איינציקע טרייסט מיינע, האָב איך געפונען אָבסערווירנדיק מיינע אחים לצרה, די איבריקע געפאַנגענע.

בשכנות פון מיר זיצט אַ טשעך, וועלכער וווינט שוין אין וואַלבזשיך 25 יאָר. דאָס איז אַן עלטערער מענטש מיט אַ ווייסן קאָפּ האָר. פאַרוואָס מען האָט אים איינגעזעצט, ווייסט ער נישט — ער ווייסט בלויז וואָס עס האָט אים אַרעסטירט, די ספּעציעלע קאָמיסיע" און דאָס איז גענוג, אַז אין די אויגן זיינע זאָל זיין אַ תהום פון שרעק און פון אומרו.

אין אַ ווינקל אין דער צעלע זיצן דאָ עטלעכע דייטשן. דאָס זענען אַזעלכע, וואָס האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד, ווען מען האָט זיי געוואָלט „רעפּאַטריאירן" פון שלעזיע קיין דייטשלאַנד. זיי האָבן דאָ אַ שוואַרצן און אַ פאַרדינטן גורל. אַלע איבריקע אַרעסטאַנטן דרייען זיך אַוועק פון זיי מיט עקל. מען דערמאָנט זיי די רעפּאַטריאַציעס, וואָס זיי, די דייטשן האָבן אַדורכגעפירט איבער פרויען און קינדער. מען דערמאָנט זיי די צוגן מיט די קאַלך־וואַגאָנען, וועלכע זענען געגאַנגען אין גאַז־קאַמערן אַריין. די דייטשן שווייגן. זיי שווייגן נישט, ווייל זיי זענען איבערגענומען מיט אַ געפיל פון געוויסנביסן, נאָר ווייל עס פּאַסט זיי נישט אָפּצוענטפערן די „מענטשן פון דער נידריקער ראַסע". קיינער האָט נישט אויף זיי קיין רחמנות, בעת מען שלעפּט זיי אַרויס יעדן פאַרנאַכט צו דער אויספאָרשונג און מען ברענגט זיי צוריק מיט צעקיילטע און צעביילטע אברים. פאַראַן אפילו אַ תפיסה־וועכטער וועלכער קומט אַריין דאָ אין דער צעלע אַריין, און שלאָגט זיי איבער די פּנימער מיט אַ לעדערנעם קאַנטשיק. די דייטשן פירן זיך אויף ווי אמתדיקע „העלדן". זיי „דערנידריקן" זיך נישט מיט קיין איין געשריי אָדער מיט אַ קרעכץ.

זיי די מאַסן מערדער און גענגסטערס — שפּילן נאָך אויך דאָ די ראָלע פֿון „סופּער־מענטשן״.

פֿאַראַן דאָ אַנדערע, וואָס זיצן דאָ נישט, נאָר עס טראָגט זיי ממש אין דער לופֿטן, עס אַרט זיי נישט אַזוי שטאַרק די צעלע, די ענגשאַפֿט, די אייביקע פֿינצטערניש און דער שמוץ. זיי וואָלטן זיך צו אַלעם שוין צוגעוווינט, אָבער איינס קענען זיי נישט פֿאַרטראָגן — דאָס איז די צייט, וואָס פֿליסט דאָ נישט, נאָר שטייט אויף אַן אָרט. יעדע רגע זעט דאָ אויס ווי אַן אייביקייט. און דאָס נישט דער־פֿאַר, ווייל זיי ציען זיך אַזוי לאַנג, נאָר ווייל זיי האָבן נישט קיין שום זינען און דער עיקר — ווייל זיי האָבן נישט קיין שום האָפֿנונג, יעדער פֿילט, אַז זיין גורל ליגט דאָ אין קיינעמס הענט נישט. אַז אין דרויסן, אין דער אָנפֿירונג, פֿאַרנעמט מען זיך מיט אים נישט. און זיין „ענין״ קאָן דאָרטן אָפּליגן לאַנגע חדשים, ביז מען וועט אים ארויסגראָבן און בכל אָנהויבן צו באַטראַכטן.

און איך זיץ שוין די צווייטע וואָך! די צווייטע וואָך! עס איז נישט מער ווי אַ מיספֿאַרשטענדניש, עס איז דאָ ווייזט אויס געשען אַ טעות, אָדער עמיצער האָט דאָרטן שלעכט אויסגעטייטשט אַ באַ־פֿעל, אָבער איך זיץ שוין דאָ די צווייטע וואָך! איך האָב נישט קיין שום מיטל, ווי אַזוי צו פֿאַרשטענדיקן זיך מיטן אויסנווייניק. און דער עיקר — צוווייסן געבן מיין פֿרוי. וואָס טוט מען? ווי אַזוי שיקט מען איר כאָטש איבער אַ וואָרט!

אַ פּאָר מאָל אין טאָג רעד איך צום וועכטער, וועלכער היט אונ־זער צעלע. איך טענה מיט אים איין, ער זאָל מיר כאָטש דערלויבן מיט עמיצן מודיע צו זיין מיין פֿאַמיליע. איך וויין פֿאַר אים מיט אָפֿענע און מיט אומפֿאַרשעמטע טרערן. אָבער ער איז נישט קיין מענטש, נאָר אַ שטיק שטיין. איך האָב שוין אָנגעשריבן פֿיל צעטע־לעך מיט מיין פֿרויס אדרעס און איך גרייט מיך זיי מיטצוגעבן אין פֿאַל ווען עמיצער פֿון די אַרעסטאַנטן, וועט באַפֿרייט ווערן. אָבער אַזאַ פֿאַל טרעפֿט דאָ דערווייל נישט און איך זיץ דערווייל אין דער ענגער און דושנער קאַמער און איך ביים מיר די פֿינגער פֿאַר מאַכט־לאָזיקייט און פֿאַר עגמת נפֿש. די צעלע איז אַן ענגע, אַ טונקעלע.

בייטאָג דרינגט אריין אביסל ליכט דורך א קליין, הערמעטיש־פאַר־שלאָסן פענצטערל. קיין לופט קומט דורכן פענצטער אינגאַנצן נישט אריין, נאָר בלויז דורך די לעכער אין דער טיר. דאָס איז א שטיקנ־דיקע טוכלע קעלער־לופט וועלכע פאַרסמט בוכשטעבלעך דאָס לעבן דאָ. די ווענט זענען פייכט, עס רינט פון זיי דער ווילגאָטש. אחוץ דעם שטייט דאָ א קובל, א פאַראַשע, וועלכע ווערט ארויסגעטראָגן בלויז איין מאָל אין מעת לעת. צו דעם אַלעם קומט נאָך צו די אומ־געהויערע אויפגערעגטקייט פון די מענטשן. די כסדר׳דיקע שפּאַ־נונג. א לאַדע וואָס צינדט זיך איינער אָן אויפן צווייטן און עס דער־גייט באַלד צו א געשלעג. יעדער איז דעם צווייטן גרוים אין די אויגן. מען שטויסט זיך כסדר אָן אויף יענעמס א האַנט, א פוס און דאָס פירט באַלד אריין אין אן אומגעלאָשענעם כעס. יעדער פאַר־שעלט זיך די אייגענע פאַר יאָר, מען פאַרשעלט זיך די רגע, ווען מען איז דאָ אריינגעפאַלן און מען שעלט אויך און מען זידלט די מאַכט מיט איר אָרדנונג.

אַזוי גייען אַדורך גאַנצע צוויי וואָכן. עס הויבט זיך אָן א דריטע. ווילאַנג וועט עס זיך אַזוי ציען? איך בענק נאָך מיין קינד, נאָך דער פרוי, נאָך מיין שוועסטער און ברודער. עס קומען מיר כסדר אויף די געדאַנקען די רוסישע תפיסות און קאָנצענטראַציע־לאַגערן. די חלו־מות זענען פול מיט קאָשמאַרן. ווער ווייס, וואָס עס וואַרט אויף מיר? און אפשר — און דאָ גייט מיר אריבער אן עלעקטרישער שטראָם דורכן רוקן־ביין — און אפשר האָט מען מיר דאָ עפּעס אויפגעוויקלט א „חטא" פון רוסלאַנד? עס גייט אַדורך די דריטע וואָך. אויפן 23־סטן טאָג מאַכט מען אויף די טיר און איך דערהער, ווי מען רופט אויס מיין נאָמען. איך צאַפּל אויף, כאָטש אין זעלבן מאָמענט דער־לאַנגט מיר א שלאָג אין געדאַנק מיין פאַרגאַנגענע דערפאַרונג פון דער סאָוויעטישער יוסטיץ: נאָר נישט איבערנעמען זיך. נאָר נישט קיין צו גרויסע האָפנונגען, כדי נישט צו ליידן שפּעטער קיין צו גרויסע אַנטוישונג.

ביים טיש זיצט דער אויספאָרשונג־ריכטער. ער איז א יינגער, אָבער שוין גראָער מאַן מיט א מויל גאָלדענע ציין. ער בעט מיך

זיצן. גאַנץ העפֿליך. דאַן באַגראָבט ער דעם קאָפּ אין אַ פּאַק פּאַ־פּירן, וואָס ליגן פֿאַר אים און ער לייענט פֿון דאָרטן ארויס אַ פּאָר קורצע, געציילטע שורות, אָבער פֿון די דאָזיקע שורות ווערט מיר קיל אין אַלע אברים.

איך הער די חטאים, וואָס מען וואַרפֿט מיר פֿאָר, און אין ערשטן אויגנבליק מיין איך, אַז דאָס האַנדלט זיך וועגן עמיצן אַנדערש. עס ווייזט זיך ארויס, אַז איך בין אַ גאָר וואַזשנער פֿאַרברעכער. אַז נישט מער און נישט ווייניקער, נאָר איך האָב פֿאַרקויפֿט 6 טאָן לע־דער וואָס האָט געזאָלט גיין אין דער לעדער־צענטראַלע קיין וואַרשע, און דאָס דאָזיקע געלט (23 מיליאָן זלאָטעס!) האָב איך אוועקגעגעבן דער „בריחה”, כדי מען זאָל מיך מיט מיין פֿאַמיליע ארויספֿירן דורך טשעכאָסלאָוואַקיע קיין ישראל!

דער אויספֿאָרשונגריכטער לייענט עס שנעל ארויס פֿון פּאַפּיר און זאָגט צו מיר:

— מאַכט נישט קיין לאַנגע שהיות. שרייבט עס אונטער, וועט אייער גורל פֿאַרבעסערט ווערן, מען וועט אייך איבערפֿירן אין תּפֿיסה, און איר וועט האָבן אַ ריין בעט און אַהוץ דעם וועט מען אייך מאַכן אַ שנעלן פּראָצעס.

איך האָב אַ קלאַפּ געטון אין טיש:

— וואָס איז דאָס פֿאַרא בלוט-בלבול?

— דענערווירט אייך נישט — האָט ער געזאָגט מיט דער זעלבער רואיקייט — איר שרייבט אונטער צי נישט?

— וואָס פֿאַרא לעדער? וואָס פֿאַרא בריחה? איך הייב נישט אָן צו וויסן וועגן וואָס איר רעדט!

— איז וועט איר הייסט עס נישט אונטערשרייבן?

— איך וויל איר זאָלט מיר אויפֿקלערן וואָס דאָס אַלץ באַדייט? וואָס פֿאַרא קאָמעדיע שפּילט איר דאָ מיט מיר?

— איך זיץ דאָ נישט, כדי אייך צו געבן אויפֿקלערונגען. דאָס דאַרפֿט איר אונדז געבן אויפֿקלערונגען.

— הלואי וואָלט איך געקאָנט. כ׳ווייס פֿון גאָרנישט צו זאָגן.

—איר דאַרפֿט גאָרנישט זאָגן. איר דאַרפֿט בלויז אונטערשרייבן.

— אונטערשרייבן, אז וואָס?

— איר האָט גוט געהערט.

— אָבער קיין איין וואָרט שטימט דאָך נישט מיטן אמת.

— איר ווילט הייסט עס, צוריקגיין אין קעלער אריין?

—הערט — האָב איך נאָכאמאָל א קלאַפּ געגעבן אין טיש — דאָס וועט אייך נישט אָנגיין. איך האָב א פרוי, איך האָב א ברודער, זיי וועלן פריער אָדער שפּעטער געוווּיער ווערן ווו איך געפין מיך. זיי וועלן מרעיש עולם זיין. א מענטשלעך לעבן איז נישט הפקר!

— מענטשלעך גוטס איז אויך נישט הפקר.

— וואָס מיינט איר דערמיט?

— איך מיין דאָס לעדער וואָס איר האָט גענומען אין דער פאַבריק צו פירן קיין וואַרשע, און איר האָט עס פארקויפט אויף „לינקס".

— דאָס איז נישט אמת. אין מיניסטעריום געפינען זיך אַלע קוויטאַנציעס. איר קאָנט אַלץ נאָכקאָנטראָלירן. לאָזט מיך ארויס פונדאַנען, וועל איך אייך אַלץ באַווייזן.

— וועגן ארויסלאָזן אייך וועט זיך ארויסזאָגן דאָס געריכט. צום ערשט דאַרפט איר דערמעגליכן, אז אייער פּראָצעס זאָל בכלל קאָנען פאָרקומען.

— ווי אזוי ווילט איר זאָל איך עס דערמעגלעכן?

— שרייבט אונטער דעם באַשולדיקונגס־פּראָטאָקאָל, וועט איר דערמיט צושיילן דעם טערמין פון פּראָצעס.

כ׳האָב געזען אז דאָס איז אַ מעשה אָן א סוף. ער האָט מיין שטילשווייגן אויסגעטייטשט דערמיט, וואָס איך פאַרטראַכט מיך אוודאי, צי כ׳זאָל מיך יאָ מודה זיין צי נישט. ער האָט ווידער מיר אונטערגערוקט דאָס פּאַפּיר.

— לייגט אַנידער אייער חתימה און איר וועט אייך פאַרשפּאָרן צרות.

— און וואָס גייט אייך? — האָב איך אים געפרעגט — אין קריגן מיין אונטערשריפט צי אין אמת?

— דער אמת געפינט זיך דאָ אין פּאַפּיר — האָט ער געקלאַפּט

מיט אַ פינגער. איר האָט פאַרקויפט מלוכהש אייגנטום און האָט גע־שטיצט די אומלעגאַלע בריחה־באַוועגונג.

— וואָס פאַרא „בריחה"? וואָס פאַרא באַוועגונג? וואָס פאַרא שייכות האָב איך דערמיט?

— איר האָט אפילו נישט געהערט וועגן איר?

— אַוודאי האָב איך געהערט. וועלכער ייד ווייסט דאָס נישט דערפון? אָבער וואָס האָט איינס אַ שייכות מיטן אַנדערן?

— איר האָט, זאָגט איר, געהערט וועגן דער „בריחה"? איר האָט אינפאָרמאַציעס וועגן דער עקזיסטענץ פון אַזאַ אַנטי־מלוכה'־שער אָרגאַניזאַציע?

— כ'האָב נישט קיין שום אינפאָרמאַציעס, נאָר כ'ווייס וועגן דעם, אַז ס'איז פאַראַן אַזעלכע. די צייטונגען האָבן דאָך אַ סך מאָל געשריבן וועגן דעם.

— גיט מיר די נעמען פון די, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער „בריחה".

— כ'האָב אייך געזאָגט. כ'ווייס נישט קיין שום נעמען.

— וועמען האָט איר געגעבן די 23 מיליאָן זלאָטעס?

כ'בין געבליבן זיצן אין אָנמאַכט.

— הערט — האָב איך געזאָגט — דער גאַנצער ענין איז מיר קלאָר ווי דער טאָג. איר האָט נישט קעגן מיר גאָרנישט, ווייל איר קאָנט נישט האָבן. ווייל איך האָב גאָרנישט געטון קיין שלעכטס. נאָר נישט מער, איר דאַרפט האָבן אַ קרבן. מסתמא זענען עפּעס פאָרגע־קומען גנבות אין לעדער־דעפּאַרטמענט, דאַרפט איר האָבן אַ קרבן און איר האָט אויסגעקליבן מיך. און וואָס שייך בריחה, האָט איר אייך געטראַכט, אַז היות איך בין אַ ייד וואָלט גוט געווען אויסצו־נוצן די געלעגנהייט און צו פאַרבונדן איינס מיטן צווייטן.

זיין אומבאַוועגליך, האַלצערן פּנים, האָט זיך צום ערשטן מאָל אָנגעגאָסן מיט כעס. ער האָט מיך אַ ווײַלע אָנגעקוקט מיט צוויי אומבאַוועגלעכע שטאָלענע אויגן און האָט פּאַוואָלע, אָבער מיט פיל רוגזה געזאָגט:

— בלויז פאַר די ווערטער וואָס איר האָט נאָר וואָס אַרויסגע־

זאגט, וועט איר שוין קיין מאל נישט ארויס פונדאנען! איר האט דא נאר וואס געווארפן א באשולדיקונג אויף די פאלקס־דעמאקראטישע מאכט, אז זי מאכט באוווסטזיניק בלבול־פראצעסן. אז זי זעצט איין — אויף א באוווסטזיניקן אופן — אומשולדיקע בירגער, אן שום סיבה, און טראכט אויף זיי אויס פאנטאסטישע בלבולים. צי גיט איר אייך אפ א השבון, וואס פארא מאנסטרואלע באשולדיקונג דאס איז?

— איך ווייס בלויז איינס: דאס וואס איר ווארפט מיר פאר, איז טאקע אזא פאנטאסטישער בלבול. און איר פארלאנגט פון מיר, כ'זאל עס אונטערשרייבן, נישט פרעגנדיק מיך פריער, צי כ'בין מיך מודה!

כ'האב נאך געוואלט זאגן, אז מיינע איבערגעלעבטע יסורים פון דער רוסישער יוסטיץ געבן מיר א רעכט צו ווארפן אויף דער רעגירונג אזא באשולדיקונג, אבער כ'האב מיך איינגעהאלטן. כ'האב נישט געוואלט ארויסברענגען איבער די ליפן דאס ווארט רוסלאנד, כדי נישט אנצוגעבן דעם גאנצן ענין קיין נייע ווענדונג.

ער זעט סוף כל סוף, אז ער וועט דא גארנישט פועלן און ער זאגט צו מיר:

— גייט צוריק. איר וועט שוין ביי מיר פארפוילט ווערן אינם קעלער.

איך בין צוריקגעגאנגען און האב געפילט, ווי די שלייפן האבן מיר געקלאפט ווי מיט האמערס. ווי אזוי פלאנטערט מען זיך ארויס פון דעם נייעם פלאנטער? מיט וואס וועט זיך דאס ענדיקן? וואס פארא כוונות האט דא געהאט די פראקוראטור ביים צוזאמענשטעלן אזא באשולדיקונג? צי איז עס טאקע א באוווסטזיניקער בלבול, אדער צי האט עמיצער אויף מיר אונטערגעטראגן אזא מין אנקלאגע, כדי אזוי ארום צו „דעקן" אן אנדערן?

און דער עיקר: ווי אזוי גיט מען צוויסן מיין פרוי און דעם ברודער מיינעם וועגן מיין לאגע? ווייל נאר אן אינטערווענץ פון אויסנווייניק האט געקאנט דא עפעס העלפן. האט געקאנט פארשנעלערן די פראצעדור און מיך ארויסנעמען פון די נעגל פון דער פאליציי.

עס זענען ווידער אפגעלאפן דריי טעג. די טיר פון דער קאמער

האָט זיך געעפנט און עס איז אויסגערופן געוואָרן מיין נאָמען. איך בין נאָכגעגאַנגען דעם מיליציאַנט מיט אַ פעסט־אָנגענומענעם באַ־שלוס. איך וועל קיין שום פּראָטאָקאָל נישט אונטערשרייבן, אַפילו, ווען ער זאָל געענדערט ווערן אין בעסטן זין. איך וועל קאַטעגאָריש פארלאַנגען אַן אדוואָקאַט.

אָבער ווען כ׳בין אריינגעקומען אין צימער פון אויספאָרשונג־ריכטער, האָט מיך דערוואַרט אַ סורפּריז. דער ריכטער — דער זעל־בער יונגער גרוי־האָריקער מאַן — איז געזעסן מיט אַ צעפלאַמט גע־זיכט ביי אַ באַרג פון פּאַפּירן. איך האָב גלייך פון דער מינע זיינע דערזען, אַז דאָ איז עפּעס געשען וואָס האָט דעם גאַנצן ענין אראָפּ־געפירט אויף אַ וועג, וואָס איז נישט געווען אָנגענעם פאר אים. און וואָס דאָס הייסט אין דער זעלבער צייט — אַז עס איז געווען בעסער פאַר מיר.

ער האָט מיך געבעטן זיצן אויף אַ גאָר העפליכן אופן. דאַן האָט ער ארויסגענומען אַ פּאַק מיט פּאַפּירן און האָט אָנגעהויבן צו רעדן נישט אזוי ווי דעמאָלט, מיט אַ טרוקענעם, אָפיציעלן טאָן, נאָר מיט אַ טאָן, וואָס איז געווען אַ געמיש פון פריינטלעכקייט און אביסל פון זשעניִרטקייט.

— בירגער עדיסאָן — האָט ער געזאָגט פירנדיק מיט אַ פינגער איבער די פּאַפּירן — עס זענען דאָ אינצווישנצייט געשען עטלעכע זאַכן, וואָס האָבן אין אַ געוויסן זין ארויפגעפירט די אויספאָרשונג אויף אַ נייעם וועג. אייער פרוי האָט אינטערוועניִרט...

— מיין פרוי? — איך בין אויפגעשפּרונגען פון דער שטול.

— יאָ. אייער פרוי — ער האָט אַביסל פאַרלעגן געשמייכלט — זי איז אינפאָרמירט געוואָרן וועגן אייער אַרעסט...

— אינפאָרמירט געוואָרן? — איך האָב טיף אין מיר געשמייכלט וויסנדיק, ווי אַזוי זי האָט דאָס געקאָנט ווערן „אינפאָרמירט".

— זי האָט יעדנפאַלס באַקומען אַלע נויטיקע פּרטים, און עס איז אדורכגעפירט געוואָרן אַן אויספאָרשונג. מען האָט נאָכגעקוקט די מאַטעריאַלן אין דער צענטראַלע און איך בין צופרידן אייך צו

מעלדן, אז וואָס שייך די לעדער איז די באשולדיקונג נישט געווען קיין פּינקטלעכע.

— נישט קיין פּינקטלעכע?

— ס'הייסט, אז די אינפאָרמאַציע איז געווען געבויט אויף אַ מיספאַרשטייעניש.

איך האָב מיר געטראַכט, אַז איינס פון דיביידע: אָדער דער דאָזיקער אויספאָרשונג־ריכטער איז נאָך געווען אַ גאָר „גרינער", און ער האָט נאָך נישט געכאַפּט דעם אמתדיקן „שניט" פון רעדן מיט אַ ארעסטאַנט אָדער אַז ער איז טאַקע געווען אַן ערלעכער מענטש און ער האָט געזאָגט, וואָס ער האָט געטראַכט. אָבער די צווייטע ווערסיע האָב איך גלייך אָפּגעוואָרפן. וואָס-וואָס אָבער אַן ערלעכן מענטש וואָלט מען ביי „זיי" נישט באַשטימט אויף קיין אויספאָרשונג־ריכטער...

— און וואָס שייך —האָט ער געזאָגט — דעם ענין „בריחה", וועט ער נאָך ווערן גרינטלעכער אויסגעפאָרשט. דאָס הייסט אָבער נישט, אַז איר וועט דאָ דאַרפן פאַרבלייבן און וואַרטן אויפן רעזולטאַט.

— דאָס הייסט, אז איך בין פריי?

— יאָ. איר קאָנט צוריק אָנהויבן אייער ארבעט און וועגן רעזולטאַט פון דער אויספאָרשונג וועט מען אייך מודיע זיין פּערזענליך.

ער האָט מיר געגעבן אַ געהעריקע באַשטעטיקונג און אויך אַ פאַראָרדנונג צו אַ מיליציאַנט, מען זאָל מיך ארויספירן. איך בין געגאַנגען אַ גליקלעכער און מיט אַ גלייכצייטיקן ווייטיק, וואָס איך האָב אַן אַ פאַרוואָס און פאַרוואָס פאַרברענגט די 26 טעג אין דעם שטיקנדיקן קעלער. און נאָך מער זענען מיינע מחשבות געווען פאַרטונקלט צוליבן געדאַנק, וואָס אויב אַזאַ רציחה האָט געקענט געשען איין מאָל, טאָ ווו איז פאַראַן די גאַראַנטיע, אַז דאָס קאָן זיך נישט איבער'חזר'ן אַ צווייט מאָל? און אַ דריט מאָל? אין וואָס פאַראַ ווירקלעכקייט לעבן מיר, אויב די פּערזענלעכע פרייהייט ליגט אין די הענט פון אַזעלכע וואָלפישע וואָלד־מעטאָדן?

אָבער אַרויס פון דער מיליץ־צענטראַלע בין איך פונדעסטוועגן מיט אַ געפיל פון גליק. צום ערשטן מאָל נאָך קנאַפּע פיר וואָכן האָב איך דערפילט דעם רחבותדיקן שלאָגן אין פנים פון אַ כוואַליע פרישע מחיהדיקע לופט. אַרום איז געלעגן אַ בלענדנדיקע העלקייט. אַ העל־קייט, וואָס איז געווען אָנגעזאַפּט מיט גאָלד, מיט בלוי און מיט אַ שפע פון גרינס. אַרום זענען געשטאַנען ווייסע, ציכטיקע הייזער מיט רויט־צעזונגענע דעכער; אַ שמעקעדיקער ווינט האָט געקרייזלט די בלעטער און די צווייגן פון ביימער און די פאַרביקע בלומען, וואָס זענען געוואַקסן אַרום יעדן הייזל.

איך האָב געפּרוווט גיין צו דער פּאָסט און אַוועקשיקן פון דאָרט אַ טעלעגראַמע צו דער פרוי מיינער. אָבער די פיס האָבן מיך נע־טראָגן פיל שנעלער, ווי איך האָב עס געוואָלט. איך בין ממש געלאָפן איבער די זון־פאַרגאָסענע, שמאָלע און מיט גרינס פאַרפלייצטע געס־לעך, ביז איך האָב דערגרייכט דעם קליינעם, דאָרפישן בנין פון דער פּאָסט. כ׳האָב מיט אַ ציטערדיקער און מיט אַ געציקלטער שריפט אויפגעשריבן בלויז דריי ווערטער: „כ׳בין פריי. כ׳קום“. און דאַן ערשט, אויפן אָנבליק פון די דאָזיקע אותיות האָב איך דערפילט דעם גאַנצן זין פון דאָזיקן וואָרט: „פריי“.

כ׳בין מיטן טראַמוויי צוריק אַוועקגעפאָרן קיין וואַלבזשיך, (וואַל־דענבורג) און דאָרט האָב איך מיר פאַרקערעוועט צו דער באַן־סטאַ־ציע. אָבער אויפן וועג האָב איך נאָך געהאַט צו דערפילן אַ מיסיע: עטלעכע אַרעסטאַנטן האָבן מיך געבעטן, כ׳זאָל אָפּגעבן פון זיי ידיעות צו זייערע פאַמיליעס, וואָס האָבן דאָ געוווינט, אין וואַלב־זשיך.

כ׳האָב באַזוכט עטלעכע אַזעלכע יידישן שטובן. אומעטום האָט מיין באַווייזן זיך אַרויסגערופן אַ גרויסע צעדרודערונג און אויך אַ פרייד. מען האָט מיך אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן און מען האָט מיך געבעטן, וואָס מער פּרטים וועגן זייער אַרעסטירטן נאָענטן מענטש. זיי האָבן אויך געזוכט ביי מיר אַ טרייסט: ווען וועט זיך עס ענדיקן? ווען וועט ער באַפרייט ווערן? אָבער קיין טרייסט האָב איך זיי נישט געקאָנט געבן. כ׳האָב זיי בלויז איבערגעגעבן דעם

גרוס און האָבן יעדן פון זיי גע'עצה'ט: טאָמער ווילט איר מיט עפּעס לייכטער מאַכן דעם גורל פון אייער נאָנטן, מוזט איר מרעיש עולם זיין. מוזט איר אליין עפּעס זען צו טון, ווייל אַנישט וועט יענער דאָרטן אַפּזיצן אין דעם פינצטערן קעלער אין א חדשים־לאַנגער פאַרגעסנקייט.

אויפן וועג צו דער באַן האָב איך געזען ווי די „אויסזידלונג" - אַקציע פון די דייטשן איז נאָך אַלץ נישט פאַרענדיקט געוואָרן. איצט האָט מען אָנגעהויבן אַרויסצושיקן די איינצלנע דייטשן, וואָס זענען דאָ איבערגעלאָזט געוואָרן צוליב זייערע פּאָסטנס אין די פאַר־שידענע פאַבריקן. אָבער די פּוילישע מאַכט האָט זיך באַמיט וואָס שנעלער זיי צו פאַרטרעטן מיט אויף־שנעל אויסגעשולטע פּוילישע פאַכלייט און האָט יעדן טאָג אָוועקגעשיקט ווייטערדיקע פאַרטיעס מיט דייטשן.

פון דער צווייטער זייט זעט מען דאָ אויף שריט און טריט פאַר־טיעס מיט פּאָלאַקן, וואָס קומען דאָ כסדר אָן פון אויסלאַנד. הויפּט־זעכליך זענען דאָס פּוילישע קוילן־גרעבער, וואָס האָבן דאָס גאַנצע לעבן אָפּגעלעבט אין פראַנקרייך און איצט זענען זיי דאָ צוריקגע־קומען אויפן רוף פון „פאָלקס־דעמאָקראַטישן" פאָטערלאַנד. מען האָט זיי דאָרטן אין פראַנקרייך געזאָגט, אַז עס איז דאָ אויפגעשטאַ־נען אַ סאָציאַליסטישע רעפּובליק. און יעדער וועט דאָ געפונען פולע בערג מיט פרייהייט, און מיט נישט־געוויינלעכע מאַטעריעלע גליקן. זענען זיי דאָ געקומען, די פרייע פּאָלאַקן פון פרייען פראַנקרייך אויף דער ערד פון דער „סאָציאַליסטישער" רוסישער אָקופּאַציע. די דאָזיקע פּאָלאַקן האָבן שפּעטער איבערגעלעבט בלוטיקע טראַ־געדיעס. זיי האָבן אין א קורצער צייט געזען ווי די צוגעזאָגטע פריי־הייט איז אין דער אמתן געווען אַ שרעקלעכע, פאַנאַטיש־געבוירענע טיראַניע און ווי די מאַטעריעלע גליקן באַשטייען פון „סאָציאַליס־טישע געוועטן", פון „נאָרמעס", פון „פּלענער" און פון הונגער־לוי־נען און אָרעמקייט.

א סך טראַגעדיעס האָבן זיך שפּעטער אָפּגעשפּילט צווישן די דאָזיקע רע־עמיגראַנטן. דאָס איז אָבער געווען שפּעטער. דעמאָלט

אָבער, ווען איך האָב זיי געזען, איז נאָך געווען דער האָניג־חודש. דעמאָלט האָבן נאָך די דאָזיקע פּאָלאַקן געקושט די ערד פון זייער צוריק געווונען פּאַטערלאַנד און זיי האָבן זיך ארייננגעוואָרפן אין די אָרעמס פון נייעם פּוילן, נישט ווויסנדיק נאָך, אַז די דאָזיקע אָרעמס זענען נישט קיין ריין־פּוילישע...

אויף טריט און שריט זעט מען דאָ די דאָזיקע טאָפּל־בילדער: וואַגנס מיט מעבל און מיט בעטגעוואַנט פון די דייטשן, וואָס האָבן זיך ארויסגעקליבן פון זייערע הייזער און האָבן זיך אריבערגעקליבן אין זייער מערבדיקער „היימאַט". און וואַגנס מיט מעבל און מיט בעטגעוואַנט פון פּאָלאַקן, וואָס זענען דאָ אַהערגעקומען פון פראַנקרייך און פון בעלגיע, כדי דאָ צוריק ארייינצושלאָגן די וואָרצלען אין דער צוריק געוווּנענער „אָיטשיזנאַ".

ווען איך בין אָנגעקומען צום וואָקזאַל איז פּונקט געשטאַנען דאָרט דער צוג קיין לאָדזש. כ'האָב מיך אָוועקגעזעצט אין דער באַן־אָפּטיילונג און האָב דערפילט דעם ערשטן באַוועג פון די רעדער. דאָס מאָל איז דער געקלאַפּ פון די רעדער איבער די מעטאַלענע שינעס געווען ווי אַ פריידיק געזאַנג — דאָס האָט יעדער דריי פון אַ ראָד מיך אָוועקגעפירט פון דעם איבערגעלעבטן קאָשמאַר און האָט מיך נענטער געבראַכט צו מיין היים.

# קאַפּיטל דרייצן

אין לעבן פֿון דער נייער פּוילישער פֿאָלקס־דעמאָקראַטיע הויבן אָן פֿאָרצוקומען וויכטיקע אַדמיניסטראַטיווע ענדערונגען.

פֿריער האָט מען געמיינט, אַז וואַרשע וועט נישט שפּילן מער די ראָלע פֿון דער אַמאָליקער הויפּט-שטאָט. עס זענען געווען אַפֿילו אַ סך וואָס האָבן געהאַלטן, אַז וואַרשע דאַרף בכלל נישט צוריק אויפֿגעבויט ווערן. ווייל ערשטנס — ווי אַזוי קאָן מען נעמען אויפֿבויען אַ שטאָט, וואָס איז נישט מער ווי אַ באַרג מיט חורבות: דאָס בלויזע אַרויספֿירן די אומגעהויערע בערגער מיט ציגל דאַרף דאָך געדויערן יאָרן! און מען דאַרף דאָך הערצו האָבן גאַנצע אָפּטיילונגען מיט אַרבעטער!

און צווייטנס איז פֿאַראַן געווען ביי געוויסע יחידים אויך אַ צווייטע כוונה: זאָל וואַרשע פֿאַרבלייבן אַזוי ווי עס איז. זאָל עס פֿאַרבלייבן ווי אַ דענקמאָל פֿון נאַצישע באַרבאַריי. זאָל דער דאָזיקער גרויסער בית-עולם פֿון דער אַמאָליקער אַנדערט־האַלבן מיליאָניקער שטאָט, בלייבן לדור דורות אַ מאָנומענט פֿון מלחמות און פֿון היטלעריסטישער ווילדקייט. אָבער געזיגט האָט אַ מיינונג, אַז טראָץ די דאָזיקע חורבות דאַרף וואַרשע פֿונדעסטוועגן פֿאַרבלייבן אויפֿן זעלבן אָרט. ערשטנס איז עס טאַקע דער צענטער פֿון פּוילן און עס האָט די בעסטע געאָגראַפֿישע לאַגע: ביי די ברעגעס פֿון דער ווייסל, אויפֿן קרייץ־קנופּ פֿון די וויכטיקסטע וועגן, וואָס שניידן אַדורך דאָס לאַנד אין דער לענג און אין דער ברייט.

אַ חוץ דעם האָט דעמאָלט, אין די ערשטע טעג פֿון באַפרייאונג און פֿון גלויבן, אַז מען שטייט דאָ טאַקע ערב דעם אויפֿבוי פֿון אַ סאָציאַליסטיש פֿאָטערלאַנד, געהערשט אַן אומגעהויערער ענטוז־

יאַזם. דווקא דערפאַר, ווייל עס איז געווען אזוי אוממעגליך האָט מען געוואָלט עס דערגרייכן. און די באַפעלקערונג האָט זיך טאַקע גענומען מיט גרויס אייפער צו דער אַרבעט. אין פאַרלויף פון א רעקאָרד־קורצער צייט האָט מען אָפּגערייניקט גרויסע טיילן פון דער שטאָט, און עס האָט זיך אָנגעהויבן א פיבערהאַפטע בוי־אַרבעט. געבויט האָט מען ווי דער שטייגער איז — קודם כל אימפּאָזאַנטע רעגירונג־בנינים, און אויך לוקסוס־וווינונגען פאַר דעם נייער הערשנדיקער קלאַס, פאַר דער ביוראָקראַטיע. אָבער דאָס דאַזיקע בויען איז אָנגעגאַנגען טאָג און נאַכט און מען האָט שוין געוווסט: וואַרשע וועט ווייטער זיין די הויפּטשטאָט. —

און דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן אן אַקציע פון אַריבערטראָגן אַלע וויכטיקע אינסטיטוציעס און צענטראַלעס קיין וואַרשע. די נייאויפגעשטעלטע בנינים זענען נאָך כמעט נישט געווען אויסגעטרוקנט, די אינעווייניקסטע צימערן זענען נאָך מייסטנטיילס נישט געווען פאַרענדיקט און אָפּטמאָל איז נאָך אַפילו נישט געשטאַנען אינעווייניק דאָס מעבל, אָבער שוין האָט מען אַרויפגעטראָגן גאַנצע פּעק מיט פּאַפּירן, מיט דאָקומענטן, אויף די טישלעך האָט מען אויסגעשטעלט טעלעפאָנען און פון דרויסן האָט מען בהפזונדיק אָנגעקלאַפּט מעשענע שילדלעך מיט נעמען פון אינסטיטוציעס, פון מיניסטעריומס, פון אָנפיר־קערפּערשאַפטן פון דער „פּוילישער פאָלקס־דעמאָקראַטישער רעפּובליק”. אין דאַזיקן אַלגעמיינעם פיבער פון אַריבערפירן די צענטראַל־אָרגאַנען פון לאָדזש, איז אויך אַריינגעכאַפּט געוואָרן אונזער מיניסטעריום, ווו איך האָב געאַרבעט. אין א געוויסן פרימאָרגן זענען פאַרן בנין אונזערן אין לאָדזש פאַרפאָרן ריזעדיקע לאַסט־אויטאָס און צענדליקער ספּעציעל־אַנגאַזשירטע אַרבעטער האָבן גענומען אויסליידיקן די צימערן פון אַלץ, וואָס עס האָט זיך אינעווייניק געפונען: אָנהויבנדיק פון מעבל מיט די טישן און שטולן און ענדיקנדיק אויף די קלענסטע שטיקלעך פּאַפּירן און דאָקומענטן.

אַלץ איז פּאַרפאַקט געוואָרן אויף די לאַסט־וועגענער, וועלכע האָבן זיך אויסגעשטעלט אין א שורה און האָבן גענומען דאָס אַלץ

איבערפירן אין דעם נייעם און פּעבלדיקן בנין, וואָס איז שוין צוגע־גרייט געוואָרן אין ווארשע.

ווען דאָס מיניסטעריום האָט זיך איבערגעטראָגן אין דער הויפּט־שטאָט, האָב איך פאַרלאַנגט מען זאָל מיך באַפרייען פון דער ארבעט. איך האָב נישט געהאַט קיין חשק צו פאַרלאָזן לאָדזש (ווייל אַזוי האָט פאַרלאַנגט די ארבעט) און איבערטראָגן זיך אין אַ שטאָט ווו עס זענען כמעט אינגאַנצן נישט געווען קיין יידן. איך האָב אָנגע־שריבן אַ געהעריקע ביטע צום דירעקטאָריאַט און האָב אָנגעהויבן צו וואַרטן אויף דער דאָזיקער באַפרייאונג־שיין (ווייל אוועקגיין אָן אַן אָפיציעלער באַפרייאונג איז נישט געווען דערלויבט).

אויפן בריוו מיינעם האָב איך גלייך באַקומען אַ תשובה, אַז ווילאַנג דאָס מיניסטעריום האָט זיך נאָך נישט ווי געהעריק באַזעצט אין דער נייער געביידע, און ווילאַנג דער סעקרעטאַריאַט פונקציאָ־נירט נאָך נישט ווי געהעריק, קאָנען זיי די ביטע מיינע נישט באַ־טראַכטן. מיט צוויי טעג שפּעטער האָב איך באַקומען אַן אַנדערן בריוו. דאָס מאָל שוין פון ביוראָ פון הויפּט־סעקרעטאַריאַט. איך האָב מיך געריכט, אַז אינעווייניק וועט ליגן דער באַפרייאונג־שיין, אָבער אַנ־שטאָט דעם איז דאָרטן געלעגן אַ קורץ בריוועלע: אין שייכות מיט אייער ביטע ווערט איר געבעטן צו קומען פּערזענלעך קיין ווארשע און זיך פאָרשטעלן ביי אונז אין ביוראָ". עס איז נישט געווען קיין אַנדערע עצה ווי אויסצופירן דעם דאָזיקן באַפעל, וועלכער איז גע-ווען געשריבן אין אַ גענוג העפלעכער פאָרם, אָבער ס'איז דאָך גע־זוען אַ באַפעל, וואָס מען מוז אויספירן.

די באַן־רייזע פון לאָדזש קיין ווארשע האָט געדויערט דריי שעה, אָבער זי איז נישט אַדורך אָן אַ ברוטאַלער איבערלעבעניש. דער צוג איז געווען אָנגעפּראָפּט ביז איבער די ברעגעס. די גרעסטע טייל פּאַסאַזשירן זענען געווען פּוילישע הענדלער, וואָס זענען געפאָרן האַנדלען. אין די וואַגאָנען האָבן זיך אויך געפונען פיל באַאַמטע, וואָס זענען איבערגעפירט געוואָרן אין דער הויפּט־שטאָט. זיי זענען געפאָרן מיט זייערע פאַמיליעס, מיט די פרויען און קינדער, ווייל צוזאַמען מיט די נייע פּאָסטנס האָבן זיי אויך באַקומען צוגעטיילטע

דירות. א חוץ דעם זענען אויך געפאָרן פיל פויערים אין זייערע פוילישע פעלצן אין גראַנאַטענע היטלען מיט גלאַנציקע דאשקעס.
אונזער אָפּטיילונג איז געווען אָנגעפּראַפּט ביז איבער די ברעגעס, אָבער ווען דער צוג האָט נאָר גערירט, האָט יעדער ווי עס איז זיך איינגעאָרדנט. די פרויען האָבן גענומען די קינדער אויף זייערע אָרעמס, די מענער האָבן זיך צוזאַמענגעפּרעסט און די, פאַר וועלכע עס איז נישט געווען קיין אָרט צו זיצן, האָבן זיך געזעצט אויף דער פּאָדלאָגע אָדער זענען געשטאַנען ביים פענצטער.

אויף דער ערד, ביי דער טיר, איז געזעסן א רוסישער זעלנער. ער איז געווען א יינגער בחור מיט א נישט-דריימט געזיכט און מיט א פּאָר יינגלערישע אויגן. ער איז געזעסן אויף דער ערד מיט די פיס הינטער זיך און מיטן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט פון קאָרי-דאָר. די פּאָלאַקן אינם וואַגאָן האָבן באַלד פון אָנהויב געוואָרפן אויף אים בייזע בליקן, אָבער היות קיינער האָט זיך נישט געקענט האָט זיך דעריבער די דאָזיקע שנאה אויסגעדריקט בלויז אין די אויגן. אָבער גלייך ווי דער צוג האָט א ריר געטון פון אָרט, איז די אַטמאָספערע אין וואַגאָן געוואָרן א מער היימישע. עמיצער האָט אויפגעקאָרקע-וועט א פלעשל שנאַפּס און האָט אָנגעהויבן מכבד צו זיין די איבריקע פּאַסאַזשירן, פרויען האָבן זיך גענומען טיילן מיט צוקערלעך און עס האָט נישט געדויערט קיין רגע און די אויפמערקזאַמקייט פון אַלע, איצט שוין באַפריינדעטע פּאַסאַזשירן, האָט גענומען זיך וויק-לען ארום דעם צוזאַמענגעטולעטן געשטאַלט פונם רוסישן זעלנער.
עס האָבן אָנגעהויבן צו פאַלן באַמערקונגען:

— קוקט אים נאָר אָן, אונזער באַפרייער.

— ער איז אונז געקומען באַפרייען פון אונזער ברויט.

— ער וואָלט בעסער פריער געגאַנגען אין באָד אריין, איידער ער האָט זיך אונטערגענומען צו באַפרייען די וועלט.

— זאָל ער זיך פריער באַפרייען פון די וואַנצן, וואָס ער האָט אהערגעברענגט פון מאָסקווע.

די באַמערקונגען זענען געווען שטעכעדיקע, אָבער „געמיטלעכע".

ביסלעכווייז אָבער איז דער עולם איבערגעגאַנגען אויף ווערטער אָנגעזאָפּטע מיט שנאה.

— ער איז דאָ אהערגעשיקט געוואָרן הרוב צו מאַכן אונזערע קאַשטשאָלן.

— אַנטיכריסט!

— בעזבאָזשניק!

— מיר זענען ארונטערגעפאַלן „פון רעגן אונטער דער רינע".

— פון נאַצישן מערדער ביז דער מאָסקאַלישן רויבער.

עטלעכע פּאַסאַזשירן, וואָס זענען געזעסן נאָענט צו דער טיר, האָבן גענומען אַזוי באַוועגן מיט די פיס, אַז דער זעלנער האָט כסדר געמוזט ענדערן זיין פּאָזיציע, כדי נישט געטראָפן צו ווערן מיט א פוס אין קאָפּ אריין.

— קוקט אים נאָר אָן, ווי ער האָט זיך דאָס צעפּראַלט ביי דער סאַמע טיר. מען וועט דאָך נישט קאָנען צוליב אים אדורכגיין.

— וואָס הייסט ער האָט זיך צעפּראַלט? — האָט א פּאָלאַק מיט א פּאָר שטרויענע וואָנסעס געפרעגט — מען נעמט אים אָן ביים קאָפּ און מען ווארפט אים ארויס דורכן פענצטער.

— דאָס איז נישט פון די שווערסטע זאַכן — האָט געזאָגט א צווייטער פּאָלאַק — ער זיצט דאָך ביי דער טיר. מאַכט מען אויף די קלאַמקע און מען גיט אים א שטופּ צו מיט א פוס.

דער זעלנער האָט ווייזט אויס דערפילט, וואָס מען רעדט דאָ וועגן אים, אויב אפילו ער האָט נישט פארשטאַנען די ווערטער, האָט ער ארויסגעפילט, אַז ער האָט דאָ אקעגנאיבער זיך א סטאַדע מיט וועלף.

— נו? — האָט א גויע מיט א פעטן גוידער געפרעגט מיט א ברייטן שמייכל — אויף וואָס וואַרט איר? איר זענט נישט קיין מע־נער?

— גייט מיט די היינטיקע מענער — האָט א צווייטע פרוי גע־זאָגט — די היינטיקע מענער זענען פּיאַיק בלויז צו איין זאַך...

— קומיע! — האָט א ברייטפּלייציקער קריסט זיך אריבערגע־בויגן צו א שכן, וואָס איז געזעסן הארט נעבן דעם זעלנער — אויף

וואָס וואַרט איר? אויב איר דאַרפֿט, מען זאָל אייך העלפֿן, וועט מען אייך העלפֿן. ס'זענען דאָ פֿאַראַן גענוג ערליכע קאַטאָליקן, וואָס וועלן גערן צולייגן אַ האַנט.

אָבער דער „קום", וואָס איז געזעסן נעבן דעם זעלנער איז ווייזט אוים נישט געווען קיין אָנהענגער פֿון אַזעלכע דראַסטישע מעטאָדן.

— לאָזט אָפּ — האָט ער געזאָגט — ער איז טאַקע אַ קאַצאַפּ, אָבער דאָך גאָטס אַ באַשעפֿעניש.

— פֿון וועלכן גאָט? האָט אַ גויע געפֿרעגט — איר מיינט פֿון בעלזעבוב? פֿונם טייוול?

— פֿון ווען זענט איר דאָס אַ מאָסקאַל־פּאַרטייִדיקער? האָט זיך שוין דער כעס פֿון וואַגאָן געווענדעט קעגן פּאַלאַק.

— ווער זאָגט דען, אַז כ'פּאַרטייִדיק אים? זאָל מיך די מאַטקע באָסקע אָפּהיטן. איך זאָג בלויז, אַז כדי אים פּטור צו ווערן, דאַרף מען אים נישט אַרויסוואַרפֿן דורך דער טיר. מען קאָן אים אָוועקלייגן דאָרטן, ווו ער געהערט, ער זאָל אונז נישט קאַלע מאַכן די לופֿט.

— ווו מיינט איר דאָס?

— אין קלאָזעט...

דער געדאַנק איז דעם עולם זייער געפֿעלן געוואָרן. און עס איז שנעל געוואָרן באַשלאָסן אים אַרויסצושלעפּן פֿון וואַגאָן און פֿאַרשליסן אים אין קלאָזעט. עס האָבן זיך גלייך געפֿונען עטלעכע פֿאַר געזונטע פּויערישע הענט, וועלכע האָבן אַ כאַפּ געטון דעם זעלנער ביים קאָפּ און ביי די פֿיס און נאָך איידער ער האָט באַוויזן אַרויסצורעדן אַ וואָרט, האָט מען גענומען אים שלעפּן צום סוף פֿון באַן־וואַגאָן.

פֿאַראויס זענען געגאַנגען עטלעכע אָנגעפּעלצטע פּויערים, וואָס האָבן אים געשלעפּט און פֿון הינטן איז נאָכגעלאָפֿן אַ פּראָצעסיע פֿון פֿרויען און פֿון קינדער, וואָס האָבן נאָכגעשריגן:

—אין קלאָזעט אַריין דעם הינטישן זון!

דער זעלנער האָט נישט געוווּסט, וואָס מען גייט דאָ טוען מיט אים. ער איז אוודאי געווען זיכער, אַז אַט מאַכט מען אויף די טיר און מען וואַרפֿט אים אַרויס פֿון לויפֿנדיקן צוג. ער האָט דעריבער

גענומען מאַכן ווילדע קולות, אָבער וואָס העכער ער האָט געשריגן, אַלץ העכער האָט דער עולם באַגלייט אים מיט קולות:

— אין קלאָזעט אריין דעם „סוקי־סין"!

דער קאָרידאָר איז אָבער געווען א באַלייגטער מיט מענטשן און די „פּראָצעסיע" האָט זיך נישט געקאָנט באַוועגן פאָראויס. זיי האָבן דעריבער אראָפּגעוואָרפן דעם זעלנער אויף דער ערד און האָבן אים געוואָרנט, ער זאָל זיך אָפּטראָגן אין א צווייטן וואגאָן אריין, אנישט וועט ער אראָפּפליען פון דער באַן.

אין א רגע ארום זענען די העלדן צוריקגעקומען אָן זייער קרבן, האָבן צוריק פאַרנומען די פּלעצער און האָבן זיך גענומען איבער־געבן פּרטים פון זייער נאַר וואָס אָפּגעטוענע העלדישקייט.

איינע פון די פרויען האָט געזאָגט:

— כ'האָב מורא, אַז מיר וועלן האָבן צרות. ער וועט אראָפּגיין אויף א סטאַציע און וועט דאָ אונז ארויפּברענגען מיליץ.

— זייט רואיק, ער וועט עס נישט טוען. ער ווייסט, אַז טאָמער טוט ער עס, וועט ער שוין א גאַנצער קיין ווארשע נישט אָנקומען.

און אזוי איז טאַקע געווען. ווען דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער נאָנסטער סטאַציע, האָט מען געוואַרט, צי עס וועט עפּעס נישט געשען. אָבער עס זענען אדורך עטלעכע מינוט, דער צוג האָט ווידער גערירט און ס'האָט גאָרנישט פּאַסירט.

דערווייל האָט דער הימל אינדרויסן זיך אָנגעצויגן מיט דיקע, וואַטענע וואָלקנס, ערגעץ פון דערווייטנס האָט דערלאַנגט א קלאַפּ אַ דונער און אין א רגע ארום איז דער גאַנצער דרויסן פינצטער גע־וואָרן ווי ביינאַכט. א שווערער רעגן האָט גענומען פּויקן אין דער שויב און דער שווער־אָנגעלאָדענער הימל האָט גענומען אויפגעריסן ווערן דורך לאַנגע פייערן פון בליצן. אויף די פּאַסאַזשירן אין וואַגאָן איז אָנגעפאַלן אַן אימה. די גוים און איבערהויפּט די פרויען האָבן זיך גענומען פּרום צלמ'ען און יעדער האָט גענומען פּרעפּלען מיט די ליפּן:

— וו' אימיע אָיצאַ אי סינאַ...

— הייליק מוטערל, באַשיץ אונז...

— יעזוס מאריא...

זיי זענען געזעסן ווי א סטאָדע מיט איבערגעשראָקענע שעפּסן. ערשט מיט א רגע פריער זענען זיי געווען אזעלכע העלדן און יעצט זענען זיי געזעסן איינגעקורטשעט און פּחדנות'דיק ווי אַ סטאָדע מיט טכוירן. דער רעגן קלאַפּט אין פענצטער און פויקט הויך איבערן דאך. און דרויסן זעט מען כמעט גאָרנישט — עס זעט אוים ווי מיר וואָלטן געפאָרן אין סאמע מיטן פון א געדיכט וואסער, וואָס איז יעדע צוויי רגע'ס אדורכגעשניטן געוואָרן דורך לאַנגע פייערדיקע צינגער.

אָבער ווען דער צוג האָט זיך גענומען דערנענטערן קיין ווארשע, האָט דער שלאַקס־רעגן אויפגעהערט. איבער די שויבן האָבן גענומען אראָפּשווימען די לעצטע פּאסמעס וואסער פונדערווייטנס האָט מען אָנגעהויבן אונטערשיידן די ערשטע קאָנטורן פון א שטאָט. פונדער־ווייטנס האָט די טונקעלע מאסע מיט בנינים אויסגעזען טאקע ווי א לעבעדיקע שטאָט מיט הייזער, אָבער ערשט שפּעטער, ווען מען איז נעקומען נענטער און ווען דער צוג האָט זיך אָנגעהויבן ארייַנצוקאָ־לערן אין וואָקזאל אריין, האָט מען געזען, אז דאָס זענען נישט קיין הייזער, נאָר בלויז לעבעדיקע, אויסגעברענטע שקעלעטן.

# קאַפּיטל פּ ע ר צ ן

דער וואָקזאַל איז נישט געווען קיין פּאַסאַזשיר־וואָקזאַל. דער אַמאָליקער הויפּט־וואָקזאַל מיט וועלכן עס האָט שטאָלצירט די פאַר־מלחמהדיקע הויפּט־שטאָט איז איצט געשטאַנען אַ פאַרברענטער, צווישן אַ באַרג מיט גרוזעס. דער וואָקזאַל מיט וועלכן מיר זענען אָנגעקומען איז געווען דער אַמאָליקער „דוואָזשעץ טאָוואַראָווי", וואָס פאַרטרעט דעם צענטראַלן. דאָ קומען איצט אָן אַלע באַנען פון די פאַרשידענע ריכטונגען.

ארום דעם וואָקזאַל — אינדרויסן — שטייען בלויז חורבות — עס זעט אוים נישט ווי אַ שטאָט, נאָר ווי דער טויטער שאָרבן פון אַ שטאָט. אומעטום זעט מען דאָס זעלבע: גרוזן, גרוזן און נאָכאַמאָל גרוזן. פון דער ערד אַרויס סטערטשן שטיקער פאַרברענטע מויערן, אויסגעדרייטע אייזערנע סלופּעס, אָפּגעברענטע קוימענס. פון צייט צו צייט זעט מען אויך אַ גאַנץ הויז, אָבער די גאַנצקייט איז נישט מער ווי אַן אילוזאָרישע אין דער אמתן זענען עס נישט מער ווי די ציגלענע ביינער פון אַ הויז. ווייל דער טינק איז אָן אָפּגעברענטער און די פענצטער זענען נישט מער ווי פּוסטע אויגן־לעכער אין אַ טויטנגעזיכט. אָבער אַרום דעם גרוז ראָיעט ווי אין אַ בינשטאָק. אי־בער די אָפּגעריייניקטע גאַסן שטייען לאַנגע רייען מיט פויערישע ווע־גענער, אויף וועלכע מען לאַדעוועט דעם גרוז. הונדערטער אַרבעטער שטייען מיט דרענגער, מיט האַמערס, מיט לאָפּעטעס און מיט קי־לאָפּן און מען צענעמט די פאַרברענטע און צעשטערטע הייזער, מען לייגט זיי אַרויף, צעקרישלטערהייט אויף די וועגענער און מען פירט זיי אַוועק צו דער ווייסל.

די מענטשן אַרבעטן פלייסיק, זיי באַוועגן שנעל מיט די הענט.

אָבער די ארבעט־מעטאָדן זענען פרימיטיוו. דאָרט ווו מען דאַרף זיך באַנוצן מיט עלעקטרישע גראָב־מאַשינען, מיט אויטאָמאַטישע הויב־מאַשינען און מיט גרויסע לאַסט־אויטאָס, באַנוצט מען זיך ממש מיט די הענט. מען זעט, ווי עס ווערט דאָ געפּטרט און פאַרבּרענט אַ ריזעדיקער סכום מיט מענטשלעכער ענערגיע. ווייל איידער אַזאַ פויערישער וואָגן פאָרט אַוועק צו דער ווייסל און קומט צוריק, גייט אַוועק אַ האַלבער טאָג מיט אַ מינימום אָפּגעטוענער אַרבעט.

מיין ערשטער געדאַנק איז: ווו אָרדנט מען זיך דאָ איין אויף דער אָנקומענדיקער נאַכט? ווו נעכטיקט מען דאָ איבער?

וועגן קיין האָטעל איז דאָ קיין רייד נישטאָ. דער איינציקער האָ־טעל, וואָס שטייט אַ נישט געשעדיקטער, איז דער האָטעל „פּאָלאָ־ניאַ" אָבער ער איז באַשטימט בלויז פאַר דיפּלאָמאַטן און פאַר גאָר וויכטיקע שישקעס. און אַ הוץ אַלעם איז עס אויך נישט פאַר דער קעשענע פון אַזאַ ס'גאָל מענטש ווי איך.

אָבער פונדעסטוועגן, כאָטש די גאַנצע שטאָט איז איין גרויסע חורבה, וווינען דאָ צענדליקער און אפשר הונדערטער טויזנטער מענטשן. די גרעסטע טייל וווינט אין פּראַגע, וואָס איז פאַרהעלט־ניסמעסיק ווייניק פאַרניכטעט. אָבער מען וווינט אויך דאָ, אין צענ־טער פון דער שטאָט, אין סאַמע מיטן פון די חורבות. ווי אַזוי? מען וווינט אין די קעלערן פון די חורבות. מען וווינט אין הילצערנע קאַמערן, וואָס זענען אויפגעשטעלט געוואָרן ביי די שטייענדיקע ווענט. מען וווינט אין צימערן, וואָס זענען געבליבן פאַראיינצלט צווישן די רואינען פון הייזער.

און נישט בלויז וווינט מען אין די חורבות, נאָר מען פירט דאָ אפילו אַ לעבעדיקן האַנדל. איבער דער גאַנצער לענג פון דער צעש־טערטער מאַרשאַלקאָווסקע גאַס געפינען זיך זייער עלעגאַנטע, אויף שנעל אויפגעקלאַפּטע געוועלבלעך. זיי זענען אויפגעשטעלט געוואָרן אויף דער שנעל, פון ברעטער אָדער פון ציגל, אָבער טראָץ דעם זע־נען זיי איינגעאָרדנט מיט עלעגאַנץ.

אינעווייניק — אין די געוועלבער, — קריגט מען פון כל טוב. די בעסטע עסנעס (אַ סך פון זיי שטאַמען פון אַמעריקאַנער פּעק־

לעך) און די שענסטע און עלעגאַנטסטע קליידלעך, שיך און קאָנ־פעקציע. פונוואַנען שטאַמט דאָס אַלץ? דאָס איז דער סוד פון די סוחרים. אָבער די גלעזערנע וויסטאַוועס פון די געוועלבלעך זענען פול און זעען אויס ווי שויפענצטער פון ריזעדיקע מאַגאַזינען, כאָטש הינטער דער וויסטאַווע געפינט זיך נישט מער ווי אַ קליין און מיעסטנטייל הילצערן געוועלבל.

איך דריי מיך אַרום איבער די גאַסן. כ'וויל מיטן בליק דערקענען צווישן די דורכגייער אַ יידיש געזיכט, אָבער די פּנימער זענען אַלע פרעמד און פאַרשלאָסן. די מענטשן זענען גרוי און חושכ'דיק און פּאַסן זיך צו צו דער אַרומיקער דעקאָראַציע. די פרויען טראָגן אויף די קעפּ נישט קיין קאַפּעלושן, נאָר טיכלעך. אַזוי ווי אין מלחמה־צייט. אָדער אפשר איז עס דאָ געוואָרן די אָנגענומענע מאָדע, וואָס איז אַהערגעקומען פון מאָסקווע. די נאַכט הייבט אָן צוצופאַלן.. אַ פינצטערניש הייבט אָן אַראָפּצונידערן אויף דער שטאָט און הייבט אָן צוזאַמענצוקלעפּן די באַזונדערע חורבות אין איין חושכ'דיקע מאַסע. פון הינטער די גרוזן הייבן אָן אַרויסצוקומען אימה'דיקע שאָטנס. איצט איז שוין צו שפּעט צוצוגיין אין מיניסטעריום און איך מוז עס אָפּלייגן אויף מאָרגן.

איך זע, אַז דאָ אין וואַרשע, האָב איך נישט קיין שום אויסזיכט צו געפונען אַ שטיקל רו־אָרט ווו איבערצונעכטיקן. איך דערמאָן מיך: איך האָב ביי מיר אַן אַדרעס פון אַ ייד, וואָס וווינט אין פּראַגע און וועלכער האָט דאָרט אַן אַכסניה. איך זעץ מיך אַריין אין אַ טראַמוויי, וואָס פאָרט אין יענע ריכטונג. דער טראַמוויי איז דאָ די איינציקע זאַך, וואָס איז געזונט און לעבעדיק און טראָגט נישט אויף זיך קיין סימנים פון קריג. אינעווייניק ברענען פרייליך די לעמפּלעך, אפילו די פּאַסאַזשירן האָבן דאָ אַ בעסערע שטימונג, ווי אינדרויסן.

דער טראַמוויי לויפט איבער די גאַסן, צווישן די ווענט פון חור־בות. עס זעט דאָ אַלץ אויס ווי נאָך אַן ערד־ציטערניש און עס דאַכט זיך, אַז דער טראַמוויי איילט זיך אַזוי שטאַרק, כדי וואָס שנעלער אַרויסצולויפן פון דעם שטיינערנעם קאָשמאַר. מיר פאָרן אַריבער די בריק און געפינען זיך אין פּראַגע. די לאַמטערנס שטייען שוין אָנ־

נעצונדענע אוןווארפן זייער העל ליכט אויף די שורות מיט די גאַנ־צע הייזער. קיין חרוב הויז זעט מען דאָ כמעט אינגאַנצן נישט, בלויז פון צייט צו צייט זעט מען הייזער מיט לעכער פון אַרטילעריע־קוילן.

איך שטייג אויס פון טראַמוויי און גיי צו צום אָנגעוויזענעם אַדרעס, טאַרגאָווע. איך קלעטער אַרויף אויפן הויכן, פּיפּטן שטאָק און קלאַפּ אָן אין דער טיר. די טיר עפנט מיר אַן עלטערע פרוי. זי רעדט רוסיש.

— גוט ג׳אָוונט — זאָג איך — מען האָט מיר געגעבן דעם אַד־רעס אייערן אין לאָדזש. מען האָט מיר דאָרט אָנגעוויזן, אַז דאָ גע-פינט זיך אַן אכסניא.

— אַ וואָס?

זי רעדט קוים יידיש. אָבער דאָס לעצטע העברעאישע וואָרט פאַרשטייט זי אינגאַנצן נישט. איך זאָג איר דאָן דאָס זעלבע אויף רוסיש. זי קוקט מיך אָן פון קאָפּ ביז פיס און דאַן שרייט זי אַריין אין אַ צווייט צימער:

—אָסיפּ!

עס קומט אַריין אַ ייד פון אַ יאָר 60. ער איז אינגאַנצן גרוי און די גרויקייט גיט אים צו אַן אַריסטאָקראַטישן אויסזען. ער רעדט שוין דווקא יאָ אַ גוטן, כאָטש אַ ביסל אַ האַרטן, טיף־ליטווישן יידיש.

— ווער האָט אייך דאָ רעקאָמענדירט?

איך רוף אָן אַ נאָמען.

— יע — זאָגט ער — איך האָב דאָ טאַקע, ווי איר זאָגט, אַ שטיקל אכסניעלע. איר ווילט דאָ בלויז „סלאָפּן” צי נאָך עפּעס?

— וואָס הייסט נאָך עפּעס?

— דאָס הייסט, צי איר ווילט דאָ אויך עסן?

איך האָב גלייך פון דער אויסשפּראַך זייערער פאַרשטאַנען, אַז זיי זענען דאָ אַהערגעקומען פון רוסלאַנד. מן הסתם זיך מיטגעכאַפּט מיט דער גרויסער פּליטים־כוואַליע.

מיר רעדן שנעל אַדורך די באַדינגונגען. דער ייד האָט נישט קיין גרויסע השגות און ער „רייסט נישט קיין פּאַס”. דער פּרייז איז אַ צונעגליכער, נישט צו הויך פאַר דער קעשענע. מיין ערשטער איינ־

דרוק, אז ער האָט זיך דאָ אומלעגאַל אַהערגעכאַפּט פון רוסלאַנד איז נישט אינגאַנצן קיין ריכטיקער. ער איז אַ פּוילישער ייד, פון הינטער גראָדנע, און ער האָט געהאַט אַ פרוי מיט זעקס קינדער, וועלכע זע-נען אַלע אומגעקומען. ער האָט זיך דאָ אַהערגעבערענגט פון רוסלאַנד אַ רוסישע פרוי, אינגאַנצן אויפן לעגאַלן אופן, און זי איז דאָ זייער צופרידן. זי האָט זיך אַפילו אויסגעלערנט אַ ביסל ייִדיש און פאַר-שטייט, וואָס מען רעדט צו איר.

ער דערציילט אויך מיר דערביי אַ טשעקאַווע פּרט. די פרוי זיינע שטאַמט פון מאָסקווע און זי האָט דאָרטן אַ געוויסע צייט געאַרבעט אין קרעמל. אין סאַמעראָדנע קרעמל! זי האָט דאָרט געאַרבעט אין דער וועשעריי און זי דערציילט, אַז זי האָט מיט אירע אייגענע הענט געפּרעסט סטאַלינס העמדער. פונוואַנען ווייסט זי, אַז דאָס זענען געווען סטאַלינס? איז זי דעריין אינגאַנצן זיכער און דאָס וועט שוין ביז צום סוף פון אירע יאָרן פאַרבלייבן איר גרעסטע שטאָלץ. אַ קלייניקייט! סטאַלינס העמדער...

פאַרוואָס האָט זי פאַרלאָזט איר מאָסקווער מאַן און איבערגעגעבן דעם גורל אירן אין די הענט פון אַ פּוילישן ייד? צוליב אַ סיבה, וואָס איז זייער וויניק דיכטעריש. נישט דערפאַר, ווייל ער האָט איר געזונגען סערענאַדעס אין די לבנה-נעכט און אויך נישט דערפאַר, ווייל ער האָט צו איר גערעדט מיט דער שפּראַך פון ראָמעאָ צו יוליאַ. ער האָט איר אויך נישט אימפּאָנירט מיט זיין שיין מענעריש געשטאַלט, ווייל קיין אימפּאָזאַנט מענעריש געשטאַלט האָט ער נישט. געפעלן איז ער אָבער אינגאַנצן צוליב עפּעס אַנדערש. ער איז געווען פון פאַך אַ קצב און ער האָט געאַרבעט אין אַ פליישׂ-זאַוואָד. דאָס האָט אים געגעבן אַ מעגליכקייט אַרויסצוטראָגן איר שטיקער פלייש מיט פּעטס הינטערן פאַרטוך און מיט די דאָזיקע פליישיקע „וואַלוועקעס" האָט ער געוווּנען איר „האַרץ".

איך האָב איבערגענעכטיקט אין דעם דאָזיקן האָטעלעכל, וואָס איז נישט באַשטאַנען מער ווי פון צוויי צימערלעך מיט אַ קיך (דער-פאַר איז אָבער געווען אַ גרויסע צאָל בעטן).

צומאָרגנס האָב איך מיך אויפגעהויבן זייער פרי און האָב מיך

געלאָזט אין דער ריכטונג פון מיניסטעריום. דער וויזיט מיינער איז דאָרט געווען זייער א קורצער. איך האָב מיך געריכט אויף א לאַנגן געשפּרעך מיט דעם „נאטשעלניק" פון דער קאַנצעלאַריע, אָבער דאָס געשפּרעך איז דווקא געווען א קורצס.

עס האָט מיך אויפגענומען דער שעף אליין.

— איר האָט אָנגעגעבן א ביטע, מען זאָל אייך באפרייען פון דער ארבעט? — האָט ער מיך געפרעגט.

— יאָ.

ער האָט געעפנט א פּאַק מיט פּאַפּירן, האָט א ווײַלע געבלעטערט צווישן זיי און האָט ארויסגעשלעפּט א דאָקומענט.

— דאָ האָט איר — האָט ער מיר דערלאַנגט — דאָ איז דער באפרייאונג-שיין.

כ'האָב מיר נישט געגלויבט מיינע אויערן.

— צוליב דעם — האָב איך אים געפרעגט — האָב איך גע־דאַרפט אראָפּקומען ספּעציעל פון לאָדזש?

— נישט צוליב דעם — האָט ער געזאָגט — נאָר צוליב אן אַנ־דערע זאַך.

ער האָט א קלונג געטון אין א גלעקל אויפן טיש און עס איז אריינגעקומען א יינג ביוראָ-מיידל.

— ברענגט מיר אריין די פּאַפּירן פון הער עדיסאָן.

אין א רגע ארום איז זי צוריקגעקומען מיט א קאַרטאָטעקע. ער האָט שנעל אויפגעבונדן דאָס קאַלירטע בענדל און האָט ארויסגע־צויגן א פּאַפּיר:

—דאָס פּאַפּיר, וואָס כ'האָב אייך געגעבן פריער איז נישט קיין פולשטענדיקע באפרייאונג. יענץ באפרייט אייך בלויז פון אייער ביוּ־איצטיקער ארבעט ארומצופאָרן און אויפצוזאַמלען דאָס לעדער און עס אָפּשיקן אין דער צענטראַלע. אָבער אינגאַנצן באפרייט זענט איר נישט. דאָ האָט איר אייער נייע מיסיע. פון איצט אָן וועט איר בלויז דאַרפן ארומפאָרן איבער די פארשידענע ערטער און סאָרטירן די פעל אויפן אָרט. מיטן טראַנספּאָרטירן די פעל וועט זיך פאַרנעמען עמיצער אנדערש.

אַן אמתער בעלמער מעשה! די איצטיקע אַרבעט איז געווען די זעלבע יענטע, נאָר אַנדערש געשלייערט. כ'האָב אָנגעהויבן צו שפּאָרן מיך מיט אים, אַז איך וויל אינגאַנצן באַפרייט ווערן פון דער אַרבעט, ווייל איך וויל מיך פאַרנעמען מיט עפּעס אַנדערש. צווייטנס האָב איך שוין געהאַט צרות צוליב דער דאָזיקער אַרבעט. אָבער ער האָט מיר קורץ אָפּגעהאַקט:

— באַפרייען אינגאַנצן קאָנען מיר נישט, ווייל מיר נויטיקן זיך אין אַזעלכע פאַכלייט, ווי איר זענט. אַז מיר וועלן געפינען אַן אַנדערן, וועלן מיר זען. ווענדעט זיך מיט אַ נייע ביטע.

און דערמיט איז דאָס געשפּרעך אונזערס געווען געענדיקט. ביוראָקראַטיע איז ביוראָקראַטיע. כ'האָב גלייך אויפן אָרט אויסגעפילט אַ פרישע ביטע, אַז איך בעט אַ באַפרייאונג פון דער אַרבעט בכלל. כ'האָב אונטערגעשטראָכן דאָס וואָרט „בכלל" נישט ווייניקער ווי דריי מאָל, כדי עס זאָל נישט זיין מער קיין נייע מיספאַרשטענדעניש. מען זאָל מיך איצט נישט באַפרייען פון סאָרטירן די פעל און געבן מיר אַ באַפעל צו ציילן די פעל...

דער באַאַמטער האָט ביי מיר צוגענומען די ביטע און האָט געזאָגט, אַז איך זאָל איצט אָנהויבן צו וואַרטן אויף אַן ענטפער. ווען? דאָס ווייסט ער נישט. דאָס דאַרף אַדורכגיין דורך אַ רייע קאָמיסיעס, אָבער גלייך ווי דער באַשלוס וועט אָנגענומען ווערן, וועט ער מיר מודיע זיין בריפליך. מער קיין וואַרשע וועל איך שוין נישט באַדאַרפן צו קומען.

איך האָב אים באַדאַנקט און האָב ביי אים גענומען אַ קוויטונג, אַז כ'האָב אָפּגעגעבן אַ ביטע. און דאַן בין איך צוריק אַרויס אויף דער גאַס און היות כ'האָב געוווסט, אַז מער וועל איך שוין אַזוי שנעל קיין וואַרשע נישט קומען, האָב איך באַשלאָסן אויסצונוצן די צייט און באַזוכן די שטאָט.

# קאַפּיטל פּ ו פ צ ן

דעם זעלבן נאָכמיטאָג האָב איך באַשלאָסן צו באַזוכן דעם חרובן יידישן געטאָ.

איך האָב נישט גענומען קיין טראַמוויי וועלכער איז שוין דער־מאָלט געפאָרן דורך דער אָפּגעריייניקטער נאַלעווקעס אויף זשאָליבאָזש נאָר כ׳בין געגאַנגען צופוס. איך בין געגאַנגען צום אָרט, וווּ עס האָט זיך אַמאָל געפונען דער גרעסטער יידישער ישוב אין איירָאָפּע. און כאָטש איך האָב שוין געוווּסט, וואָס איך וועל דאָרט טרעפן, בין איך געגאַנגען מיט אַ שווער־אָנגעלאָדן האַרץ.

איך האָב וואַרשע געקענט פון פאַר דער מלחמה, איך בין פיל מאָל געווען דאָ אויף קורצע און אויף לאַנגע וויזיטן. אָבער איבער־הויפּט האָב איך געקענט די יידישע געגנט. די געגנט פון דער נאַ־לעווקעס. איך האָב דאָ געקענט יעדעס ווינקל, כמעט יעדן הויף.

איך בין געגאַנגען דורך דער אַלט־שטאָט וואָס איז געווען די־ציר־רונג און דער שטאָלץ פון די וואַרשעווער איינוווינער. דאָס איז גע־ווען דער באַרימטער אַלטער־מאַרק מיט די אַלטע היסטאָרישע הייזער.

אין דער דאָזיקער אַלטערטימלעכער נעסט, אין דאָזיקן גע־פלעכט פון די שמאָלע, מאָלערישע געסלעך האָבן אויך געוווינט פיל יידן, וועלכע האָבן פאַר דער דאָזיקער געגנט געהאַט אַ ספּעציעלן נאָמען. זיי האָבן עס גערופן: דער מקום. אָדער ווי די וואַרשעווער יידן האָבן עס אַרויסגעזאָגט: מוקעם.

איצט איז דער מוקעם געשטאַנען איינגאַנצן אַ צעקלאַפּטער, דער חורבן איז דאָ געקומען נאָך שפּעטער, אין די טעג פון אַלגעמיינעם וואַרשעווער אויפשטאַנד. דאָ האָבן זיך פאַרטיידיקט גרויסע אָפּטיי־לונגען פון וואַרשעווער אויפשטענדלער קעגן די דייטשן. און צווישן

די דאָזיקע אויפשטענדלער זענען אויך געווען פיל יידן.

איצט שטייט דער „מוקעם" א צעשטערטער. דאָס וואָס די דייטשן האָבן נישט צושטערט אין די שלאַכטן האָבן זיי צושטערט שפּעטער. נאָכדעם ווי זיי האָבן ארויסגעטריבן די באַפעלקערונג, לאַנגזאַם און מיט אויסרעכנונג. זיי האָבן אראָפּגעריסן אַלע הייזער פון מאַרק־פּלאַץ און האָבן פאַרוואַנדלט די זייטיקע מיטלאַלטערלעכע געסלעך אין בערגער מיט גרוז.

איך בין — טרעטנדיק איבער בערגער מיט ציגל און גלאָז — געגאַנגען דורך דער גאַס פאָדוואַל און דלוגע.

איך האָב געזען דאָס איבערבלייבעכץ פון באַרימטן „האָטעל פּאָלסקי".

דער דאָזיקער האָטעל איז געוואָרן באַרימט דערמיט, וואָס דאָ האָבן די דייטשן אריינגענאַרט הונדערטער יידן, וואָס האָבן זיך גע־האַט באַהאַלטן אויף דער „אַרישער" זייט, צוזאָגנדיק זיי, אַז זיי וועלן ווערן אויסגעטוישט אויף דייטשן פון אַנדערע לענדער.

צווישן די דאָזיקע קרבנות פון נאַצישן שווינדל האָט זיך געפינען דער יידישער שרייבער — יהושע פּערלע. אָבער אַנשטאָט קיין אויס־לאַנד זענען די יידן געשיקט געוואָרן אין די טויט־לאַגערן.

איך גיי אינמיטן גאַס, וואָס איז אָפּגערייניקט פון גרוז, כדי צו מאַכן אָרט פאַר די אויטאָס. אָבער וועגן די טראָטואַרן האָט קיינער נאָך דאָ נישט געזאָרגט .אויך נישט וועגן די פאַרברענטע הייזער, וואָס שטייען אויףביידע זייטן גאָס און קוקן זיך איבער מיט פּוסטע אויגן־לעכער.

און פּלוצלונג דערזע איך ווי ביים סוף פון דער גאַס וואַקסט אויס אַ העלקייט. אַזוי ווי עס וואָלט זיך דאָ פּלוצלונג געענדיקט די שטאָט און עס וואָלט זיך דאָ אָנגעהויבן אַ ברייט, אַ ריזעדיק פעלד.

אָבער דאָס פעלד איז נישט געווען קיין פעלד. דאָס איז געווען די אויסגעגלייכטע מיט דער ערד יידישע געגנט. דאָס חרובע געטאָ.

כ'האָב פּלוצלונג דערזען פאַר זיך עטלעכע ביימער און אַ שטיק שוואַרץ ערד, וואָס איז נישט געווען פאַרדעקט מיט קיין חורבות. אינמיטן פון דאָזיקן שטיק ערד האָט זיך געפונען אַ טיפער, קיילע־

ביקער גרוב. פונם אָרט, ווו כ׳האָב מיך געפונען, האָב איך פאַרשטאַ־נען, אַז דאָס איז דער באַרימטער, דער אַמאָל־אַזוי באַרימטער קראַ־שינסקים גאָרטן!

דער גרוב אינדערווייטן איז געווען דער סטאַוו. אַרום זענען בלויז געשטאַנען עטלעכע פון די אַמאָליקע ביימער, מייסטנטייל טויטע, מיט אָפּגעבראָכענע צווייגן. דאָס איז געווען אַמאָל דער „יידישער פּאַרלאַמענט”. דאָ, אויף די בענק אַרום די מיט גראָז־פאַרזייטע און פאַרצוימטע שטחים, זענען געזעסן וואַרשעווער יידן, מיט די בערד, מיט די שוואַרצע היטעלעך, און האָבן דאָ געפירט וויכוחים וועגן פּאָליטיק. קראַשינסקים גאָרטן איז מיט איראָניע אָנגערופן גע־וואָרן דער יידישער „קעי ד׳אָרסעי” אָדער דער יידישער „דאַונינג סטריט”. ווייל דאָ זענען דורך יידישע בעל מוחות געפּסקנט געוואָרן די הארבסטע פּאָליטישע שאלות.

דער קראַשינסקים גאָרטן האָט זיך נישט געפונען אין געטאָ. די יידן האָבן דאָ בלויז געקאָנט אַראָפּקוקן פון די פענצטער און זעען פונדערווייטנס דאָס ביסל גרינס. אָבער דער גאָרטן איז פאַרניכטעט געוואָרן אין די שפּעטערדיקע קאַמפן. די דייטשן האָבן אויסגע־טריקנט דעם סטאַוו און האָבן אויסגעהרגעט די קאַטשקעלעך. די ביימער זענען צושטערט געוואָרן פון די באָמבאַרדירונגען, דער פּאַרקן איז אַוועקגענומען געוואָרן. עס איז בלויז שטיין געבליבן דאָס אַמאָליקע טויער מיט אַ שטיק אַרומיקער מויער.

איך האָב מיך צוגעזעצט אויף אַ שטיקל פון דאָזיקן מויער. אַרום איז דער גאַנצער אימה׳דיקער שח געווען פּוסט און ליידיק.

אַ ווינט איז אָנגעקומען פון ערגעץ ווו, האָט אַ וויש געטון אי־בער דעם באַרג מיט ציגל און אַוועק ערגעץ אַנדערש. אפילו דער ווינט האָט דאָ נישט געוואָלט לענגער פאַרהאַלטן זיך...

פון איין זייט, פון דער אַמאָליקער וואָלאָווע גאַס, האָט פּלוצ־לונג גענומען זיך דערנענטערן אַ געשטאַלט. ער האָט מיך דערזען און האָט אַ ציטער געטון, אַזוי ווי אַ לעבעדיקער מענטש וואָלט דאָ, אויפן דאָזיקן בית עולם, מער געשראָקן, ווי אַ טויטער.

איך האָב דערקענט אַז דאָס איז אַ ייד, אָבער ער וויזט אויס

האָט מיך אָנגענומען פאַר א פּאָלאַק, און ער האָט גענומען גיין אַ־רום און א־רום, כדי מיך אויסצומיידן, אָבער איך האָב אים א רוף געטון:

— ר׳ ייד...

ער האָט זיך אומגעקוקט מיט פאַרווונדערונג, און האָט נישט אָפּגעשטעלט די טריט.

— ר׳ ייד — האָב איך אים נאָכאמאָל א רוף געטון — איר זענט דען נישט קיין ייד?

ערשט איצט האָט ער דערזען, אז די ווערטער קומען פון מיר און האָט זיך גענומען דערנענטערן.

— כ׳וואָלט קיינמאָל נישט געגלויבט, אז א מענטש מיט אזא אויסזען זאָל זיין א ייד. איר האָט א גוט „אריש" פּנים...

ער איז געווען א ייד פון א יאָר 40. ער האָט געטראָגן אן עלע־גאַנטן מאַנטל מיט עלעגאַנטע פּיטש־נייע שיך, אָבער דאָס אלץ איז געווען ביי אים פאַרשטויבט מיטן שטויב פון די חורבות. ער האָט שווער געסאָפּעט. די אָדערן אויפן געזיכט זענען אים געווען אָנגע־צויגן ווי בינטלעך שטריק. ער האָט זיך שווער אנידערגעזעצט נעבן מיר:

ער האָט מיך געפרעגט:

— איר זענט איצט געקומען באַזוכן דאָס געטאָ, צי איר גייט שוין צוריק?

—כ׳בין ערשט געקומען. דער וועג האָט מיך אזוי מיד געמאַכט, אז כ׳מוז מיך אָפּרוען.

— איר זענט א וואַרשעווער?

— ניין. אָבער כ׳האָב דאָ גוט געקענט די יידישע געגנט.

— איך בין א וואַרשעווער — האָט דער ייד געזאָגט — פון דער וואָלאָווע גאַס.

— איר זענט געווען דאָ באַזוכן אייער הויז?

—באַזוכן דאָס הויז? — ער האָט ביטער געשמייכלט — נישט בלויז דאָס הויז, נאָר כ׳ווייס אפילו נישט ווו די גאַס געפינט זיך. ווו

קאָן מען דאָ דערקענען עפּעס אין דאָזיקן גיהנום פֿון ציגל און פֿון ברוכוואַרג?

ער איז געזעסן אַן איינגעבראָכענער ווי אַן אָבֿל. פֿונדערווייטנס, איבער די בערג מיט שטיקער טינק און גרוז, האָט מען געזען קלע־טערן נאָך עטלעכע מענטשן. זיי זענען געגאַנגען מיט די קעפּ גע־בויגן צו דער ערד. האָבן ווייזט אויס געזוכט עפּעס אַ סימן, עפּעס אַ צייכן. זיי האָבן אויסגעזען ווי מענטשן אויף אַ גרויס בית עולם, וואָס זוכן אָפּגעריבענע אויפשריפטן אויף קברים.

איך האָב מיך געזעגנט מיטן ייד, וואָס איז געבליבן זיצן נעבן טויער פֿון אַמאָליקן קראַשינסקים גאָרטן. אינמיטן פֿון דער אַמאָ־ליקער נאַלעווקים איז געלאָפֿן אַ טראַמוויי. ער איז געלאָפֿן שנעל און פֿריילעך און כאָטש ער איז דאָ געווען דאָס איינציקע שטיק לעבן אין דאָזיקן מדבר פֿון טויט, האָט ער דאָך אָנגעוואָרפֿן אַן אימה ווי עס וואָלט געווען עפּעס אַ פֿאַנטאָם פֿון אַן אַנדערער וועלט.

איך האָב גענומען גיין אין דער מיטן פֿון דער גאַס אַרויפֿצו־צו, אין דער ריכטונג פֿון מוראַנאָוו.

אַרום האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. פֿון צווישן די ציגל האָבן אַרויסגעוואַקסן הויכע, ווילדע גראָזן. ערטערווייז האָבן זיך געקאָלערט אונטער די פֿיס אַלטע פֿאַרזשאַווערטע טעפּ, שטיקער האָלץ פֿון אַמאָליקע טירן; פֿון צעבראָכן מעבל, ערטערווייז האָט דער ווינט אויפגעהויבן פֿון דער ערד פּאַפּירן, שמות...

דאָס — איז איצט די נאַלעווקים. דאָ אויף דער דאָזיקער ווינ־טעניש, אונטערן זעלבן שטיק הימל האָט זיך סך הכל מיט זעקס־זיבן יאָר צוריק געראַיעט און געווימלט אַ לעבן, וואָס איז אַזוי פעסט פֿאַרוואָרצלט געווען אין דער דאָזיקער ערד. דעמאָלט — ווען די גאַסן האָבן אַזוי געדיכט, געקלאַפּט מיט דעם יידישן פּולס — האָט זיך אויסגעדוכט, אַז עס איז נישט פֿאַראַן קיין שום כח אין דער וועלט, וואָס זאָל זיין אימשטאַנד עס אַרויסצורייסן. דאָס איז דאָך נישט גע־ווען בלויז דאָס געאָגראַפֿישע אָרט, וווּ עס האָבן געלעבט אַזוי פֿיל יידן, דאָס איז דאָך געווען דאָס אָרט, וווּ עס האָט געטריפֿט מיט יידישקייט אַליין. דאָ איז געווען דער שטאַם, וועלכער האָט פֿון זיך

ארויסגעגעבן אזוי פיל געדיכטע צווייגן מיט בלעטער. פונדאנען זע־נען זיך אין די אָדערן פון יידישן לעבן צעגאַנגען זיינע קוועליקסטע זאפטן.

איצט געפינט זיך דאָ אַן אימה'דיקע וויסטע. אַ מדבר. אַ שווי־דערלעכע לײדיקייט, ווו עס זשומעט בלויז אַ צוגעטשאַיעטער דער ווינט און ווו עס וואקסן ווילדגראָזן און קראָפּיווע.

איך גיי איבער די גאַס און האָב פאַר די אויגן אַ נעפּל פון טרערן. ארום איז אזוי שטיל, אַז מען הערט דאָס קלאַפּן פון די איי־גענע אָדערן.

ערגעץ פון דערווייטנס שטייט אַ גרופּע מיט ארבעטער און רייי־ניקט דעם גרוז. דאָס איז דאָס אָרט, ווו עס וועט אויפגעשטעלט ווערן דער דענקמאָל פאַר די געטאָ־קעמפער. דערווייל איז נאָך דאָס אָרט פאַרוואָרפן מיט אַ גרויסן באַרג שטיינער. בלויז בשכנות שטייט אַ שטיק מויער, דער איינציקער נישט פאַרניכטעטער בנין אין דאָזיקן שרעקלעכן פעלד.

דאָס איז דער בנין פון דער אַמאָליקער מיליטערישער תפיסה. דאָ איז געווען איינער פון די נאַציסטישע שחיטה־ערטער. דאָ האָט מען געהאַלטן הונדערטער יידישע ארעסטירטע, וואָס זענען שפּעטער ארויסגעפירט געוואָרן אויפן „אומשלאַג־פּלאַץ". און דאָרטן, ווייטער ארויפצוציען, האָט זיך טאַקע געפונען דער אומשלאַג־פּלאַץ. עס שטייט נאָך דאָרטן דער שקעלעט פון דער געביידע, וואָס איז געווען דער עדות פון די גיהנום סצענעס, בעת מען האָט אריינגעשטופּט די יידן אין די וואַגאָנען. צי איז פאַראַן אַזאַ ערגעץ אַ טויער פון אַ גיהנום? דאָ איז עס געווען. דאָ אויפן דאָזיקן שטיינערנעם קוואַד־ראַט איז געווען דער טויער־דורכגאַנג, דורך וועלכן 10 טויזנט וואַר־שעווער יידן זענען טעגליך אַדורכגעגאַנגען אויפן וועג קיין טרעבלינקע.

די ווילדע גראָזן, וואָס וואַקסן ארויס פון די שפּאַלטן פון די פונאַנדערגעוואָרפענע הייזער, בייגן זיך טרויעריק אַהין און צוריק. זיי זענען דאָ די איינציקע לעבעדיקע וועזנס אויפן דאָזיקן שטח פון טויט. זיי בויגן זיך טרויעריק אַהין און צוריק און נישט בלויז טרויע־

ריק — נאָר אזוי ווי זיי וואָלטן געוועזן פארשעמט, וואָס זיי זענען דאָ די יורשים פון אזא גרויס פארשניטן לעבן; וואָס זיי לעבן דאָ אין זכות פון טויט.

נישט ווייט פון דער רויטער וואַנט פון דער מיליטערישער תּפיסה שטייט אַ גרופּע מיט מענטשן און פּאַרעט זיך עפּעס ביי אַ באַרג מיט ברוכוואַרג. איך בין זיכער, אז דאָס זענען יידן, וואָס זענען אהערגע־קומען זוכן אין זייער פארשאָטן הויז סימנים פון עפּעס, וואָס איז נאָך פארבליבן פון זייער אמאָל. איך קום צו נענטער און דערזע אָבער, אז דאָס זענען נישט קיין יידן. דאָס איז אַ גרופּע מיט פּאָלאַקן, וואָס איז דאָ אהערגעקומען מיט לאָפּאַטעס און מיט גראָב־אייזנס און זיי זוכן דאָ יידישע אוצרות.

אמאָל איז געווען אַ גאָלד־פיבער אין אַלאַסקאַ און אוואַנטוריסטן פון דער גאַנצער וועלט זענען דאָרט אהינגעפּאָרן רייך ווערן. איצט איז פּאַראַן אזא גאָלד־פיבער אין וואַרשע. דאָרט אין אַלאַסקאַ, איז דאָס גאָלד געלעגן אין ערדישע נאַטירלעכע אָדערן און מענטשן זע־נען אהינגעקומען, כדי מיט מאַזאָליעס ארויסצורייסן פון דער ערד אי־רע רייכטימער. דאָ קומען אהער שווארצע קראָען, כדי צו ירשענען זייערע אומגעבראַכטע יידישע שכנים. זיי קומען נישט אהער צו באַוויינען דעם דאָזיקן גרויזאַמען מדבר, ווו עס זענען נאָך אזוי פריש די דערשטיקטע קולות פון די הונדערטער טויזנטער געמאָר־דעטע. זיי קומען דאָ אהער, ווי די פעלדערמייז, מיט זייער גיריקייט נאָך גאָלד. „יידן האָבן אין די בונקערם זייערע באַגראָבן גרויסע פּאַרמעגנס" — דער דאָזיקער פּזמון גייט פון מויל צו מויל, קומט מען דאָ אהער נישט ווי אויף אַ בית־עולם, נאָר ווי אין אַ גאָלד־גרובן, ווו מען האָפט שנעל נתעשר צו ווערן.

די דאָזיקע שאַקאַלן געפינען זיך נישט בלויז אויפן שטח פון געטאָ. זיי זענען אויך דאָ אויפן יידישן בית־עולם ווו זיי גראָבן אויס קברים און נישטערן צווישן די ביינער... מען דערציילט אז זיי זע־נען אויך אוועק אין די טויט־לאַגערן, אין בעלזשיץ און אין טרעב־לינקע, און זיי האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט גרויסע זיפּן, מיט וועלכע

זיי האָבן געזופט דאָס אַש אפשר געפינט זיך צווישן די פאַרקוילטע ביינער אַ שטיקל גאָלד...

די פּאָר פּאָלאַקן שטייען דאָ, אויף דער אַמאָליקער גענשע גאַס, און האָרעווען שווער און ביטער. זיי קלאַפּן מיט די אייזערנע רידלען איבער די שטיינער און יעדע פּאָר רגע'ס בויגן זיי זיך אַראָפּ און גראָבן מיט די הענט צווישן די אָפּגעברענטע ציגל. זיי האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די מאַרינאַרקעס און אַרבעטן אין די בלויזע העמדער. זיי זענען פּלייסיק, די פּאָלאַקן, די אַמאָליקע שכנים אונזערע, וואָס זענען דאָ אהערגעקומען, כדי צו נעמען ירושה.

דער געקלאַנג פון זייערע שטיקער אייזן הילכט אָפּ שאַרף און פרעמד צווישן דער אַרומיקער שטילקייט. צווישן זיי געפינט זיך אויך אַ פרוי מיט אַ ברייט, לאַנג פאַרטוך, אין וועלכן זי האָט אוודאי בדעה אוועקצופירן דעם געפונענעם אוצר. איבערן קאָפּ הענגט אַ נידריקער, וואָלקן־אָנגעפּעלצטער הימל. אַ שוואַרצער פּונקט נעמט אַראָפּנידערן פון די הויכן און נעמט קרייזן נידריק, האַרט איבער די קעפּ. אַ קראָ! עס זעט אויס כמעט ווי סימבאָליש – די דאָזיקע קראָ, וואָס שוועבט איבער די קעפּ פון דער גרופּע מענטשלעכע קראָען. דער פויגל קרייזט אַרום מיט ברייט־אויסגעשפּרייטע פליגלען און זוכט מיט אָנגעשפּיצטע אויגן אין וואָס אַריינצוקלאַפּן זיין שאַרפן שנאָבל. דער פויגל מאַכט וואָס אַמאָל גרעסערע קרייזן און וואַרפט אַ באַוועגליכן שאָטן איבער די הויפנס מיט ברוכוואַרג. איבער דער גאַנצער וויסטעניש צעטראָגט זיך אַ פּינצטערער און אַ גרילצעדיקער:

— קראָ! קראָ! קראָ!...

# קאַפּיטל זעכצן

בריחה — איז דער טייטש „אַנטלויפן". דאָס דאָזיקע וואָרט איז פּאָפּולער געוואָרן צווישן די פּוילישע יידן אין מאָמענט, ווען מיר האָבן אָנגעהויבן צו דערפילן, ווי די רעגירונג הויבט אָן אָפּצושליסן די גרעניצן. אין מאָמענט ווען מיר האָבן זיך אָנגעהויבן אָפּצוגעבן א דין וחשבון, אז די אילוזיעס וועגן א זעלבסטשטענדיק פּוילן הויבן אָן צו פּלאַצן.

אין מאָמענט, ווען מען האָט דערפילט, אז דאָס „פֿאָלקס-דעמאָקראַטישע" פּוילן איז אין דער אמתן א ווייטערדיקע קאַמער אין דער גרויסער פֿעלקער-תּפיסה, וואָס רופט זיך סאָוויעט-רוסלאַנד.

בריחה...

בלויז דאָס וואָרט איז געווען ניי. ווייל פּאַקטיש זענען יידן שוין געלאָפן פון דער סאָוויעטישער הערשאַפט נאָך אין יאָר 1939. נאָך גלייך דעמאָלט ווען מען האָט דערפילט, וואָס די ווערטער „קאָמוניזם" און „ראַטן-מאַכט" באַדייטן אין דער ווירקלעכקייט.נאָך דעמאָלט, ווען די רוסן זענען געקומען קיין מזרח-פּוילן ווי „דערלייזער", ווען זיי האָבן פאַרנומען א האַלב פּוילן אונטער אויסרייד, אז זיי זענען געקומען נעמען אין שוץ זייערע ווייסרוסישע און מערב-אוקראַאינישע בירגער, שוין דעמאָלט זענען יידן פון זיי אַנטלאָפן.

א סך זענען דעמאָלט אַנטלאָפן צוריק אויף מערב, אין נאַציש-אָקופּירטן פּוילן. מען האָט געוווּסט, אז אונטער די נאַצים וועט מען נישט לעבן קיין האָניק, אָבער מען איז געטריבן געוואָרן אויס פאַרצווייפלונג, צוליב דער רוסישע פּאָליצייאישע ברוטאַליטעט, צוליב די פאַרשיקונגען, צוליב די אַרעסטן, צוליב דער שווערער און האַמעטענער האַלז-שטיקנדיקער דיקטאַטור..

אַ סך זענען דעמאָלט געלאָפן קיין ווילנע, אין דער נייער הויפּט-שטאָט פון ליטע.אַנדערע זענען געלאָפן קיין רומעניע, כדי פון דאָרט זיך ארויסצוקריגן קיין מערב-אייראָפּע אָדער קיין ישראל.

מען איז געלאָפן פון די רוסן ווי פון אַ פּעסט. מען איז זיי מוחל געווען זייערע קאָלכאָזן, זייער טעראָר, זייער בלוטיקע טיראַניע, זייער חברשאַפט מיט היטלערן, זייער ציניזם, זייער האָפנונגסלאָזע אָרימקייט און די כסדרדיקע ליגנס, מיט וועלכע זיי האָבן געשפּייזט זייער באַפעלקערונג. און אַזוי ארום האָט די פּאַקטישע בריחה זיך אָנגעהויבן נאָך אין יאָר 1939.

מען איז געלאָפן איבער שניי-פאַרקאָוועטע גרעניצן צוריק קיין וואַרשע, אָנטרעפנדיק זיך גלייך אויף סטאַלינס חברים, אויף די ברוינע נאַציס, אויף זייערע הינטישע פּנימער און אויף זייערע מאַשין-ביקסן.

מען איז געלאָפן דורך שניי-באַדעקטע פעלדער קיין ווילנע, וווּ מען האָט בלויז אַ קורצע צייט געגאָסן פון אַ ביסל פרייהייט, ווייל באַלד דערנאָך זענען אויך דאָרטן אריינגעקומען די רוסישע באַפרייער און האָבן אָנגעהויבן זייער מאַכט פון טעראָר און פון שנאה.

מען איז געלאָפן דורך וועלדער און בערג קיין רומעניע, וווּ מען האָט אָנגעטראָפן אויף אַנטיסעמיטישע אייזערנע גוואַרדיעס און גאָר בקרוב — אויף אַ נאַצישע אָקופּאַציע.

אין יאָר 1946 איז די זעלבע בריחה באַנייט געוואָרן.

דאָס איז שוין נישט געווען דאָס זעלבע פוילן. דער טאַנק פון מלחמה איז שוין געהאַט אַריבער איבער דער ערד און האָט אַלץ איבערגעקערט, פאַרברענט און פאַרניכטעט. פון די פערטהאַלבן מיליאָן יידן זענען שוין דריי מיליאָן געהאַט אויסגעשלאַכטעט געוואָרן דורך היטלערן, צענדליקער טויזנטער (ווער ווייסט אַמאָל וויפל זייער צאָל?) זענען אומגעקומען אין די סיביר-לאַגערן פון היטלערס קאָמוניסטישן שותף.

די איבריקע, די רעשטלעך זענען געזעסן אין באַפרייטן פוילן און האָבן זיך נישט געקאָנט אַנטשיידן: פאַרבלייבן אויף דער דאָזיקער מיט בלוט-אויסגעווייקטער ערד, צווישן די פּאָלאַקן, וואָס

האָבן אזוי צאָלרייך און מיט אזא אייפער אָנטייל גענומען אין דער שחיטה איבער זייערע יידישע שכנים? גלויבן די צוזאָגן פון דער רעגירונג, אז איצט וועט זיין אנדערש? אז אונטער די פליגל פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע וועלן די יידישע רעשטלעך געפונען מנו־חה? וועלן זיי קאָנען געפונען נישט בלויז מאַטעריעלע זיכערקייט נאָר — דער עיקר — פּסיכישע רו; אן אַטמאָספערע פון טאָלעראַנץ. אַ מעגלעכקייט צו לעבן ווי גלייכע מיט גלייכע. נישט צו זיין מער געררודפט, נישט צו זיין ארומגערינגלט מיט כסדרדיקן האס, וואָס איז נאָך געזייט געוואָרן דורך די די אַמאָליקע פאַרמלחמהדיקע פוילישע רעגירונגען.

דער קעלצער פּאָגראָם איז געווען איינע פון די קלעפּ, וואָס האָט די פאַרוויגטע יידן פלוצלונג אויפגעוועקט פון זייערע אילוזיעס. נישטאָ קיין מנוחה מצד דעם פוילישן פעבל! מצד דער מערהייט פון דאָזיקן פאָלק, וואָס האָט מיט אזא גיריקייט צוגעהאָלפן אריינ־שטעכן דאָס מעסער אין אונזער האַרץ.

אָבער אויך אַנדערע געשעענישן האָבן גורם געווען, אז די יידן האָבן פלוצלונג מיט שרעק דערזען די פלוצלונג־אויסגעוואַקסענע ווירקליכקייט. און די דאָזיקע ווירקליכקייט איז געווען — אַ סאָ־וויעטישע.

דאָס סאָוויעטיזירן פוילן איז צוגעגאַנגען מיט פאַמעלכע און מיט ביטרע טריט, אָבער די דאָזיקע טריט זענען געווען קאָנסע־קווענטע און האָבן זיך באַוועגן אין דער זעלבער ריכטונג. די, וואָס זענען געווען אין רוסלאַנד, האָבן פלוצלונג אָנגעהויבן צו דערזען, אז עס חזרט זיך דאָ איבער אַלץ, וואָס זיי האָבן שוין פריער גע־קענט פון דערפאַרונג פון „סאָוויעצקי סאָיוז".

דער טעראָר פון דער רעגירונג איז געוואָרן וואָס אַמאָל שאַרפער. די קליינע קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט אָנגעהויבן צו באַהערשן דאָס גאַנצע לעבן. אומעטום האָט זיך אויף די פאָדערשטע רייי גע־נומען אַרויסרוקן די פּאָליציי.

עס האָבן זיך גענומען מערן ארעסטן. מענטשן האָבן גענומען פאַרשווונדן ווערן איבער נאַכט. עקאָנאָמיש האָט דאָס לעבן גע־

גומען ווערן וואָס אַמאָל ענגלעכער צום סאָוויעטישן. אומעטום האָט אָנגעהויבן צו רעגירן דער באַפעל און די פויסט. מענטשן האָבן אויפגעהערט צו רעדן, מען האָט זיך אָנגעהויבן צו שושקען...

פאַר די יידן האָט דער דאָזיקער וואָס אַמאָל ברוטאַלער — וואַקסנדיקע קאָמוניסטישע פויסט געווען טאָפלט דראָענדיק. פון איין זייט האָט געדראָט די אַלגעמיינע פאַרניכטונג פון מענטשלעכע פרייהייטן און פון דער צווייטער — דאָס געפאַר ליקווידירט צו ווערן ווי יידן. מען האָט גוט געוווסט, אז אין אווירקלעכקייט פון א קאָמוניסטישער „פאָלקס־דעמאָקראַטיע" וועט זיין אָרט בלויז אויף א יידיש לעבן, וואָס וועט דיקטירט ווערן דורך דער „אָר־בע", אָדער דורך זייערע אַגענטן, די פאַר יעווסעקעס. און מען האָט שוין געוווסט, וואָס אַזאַ יידישקייט באַדייט. אז דאָס איז א רוסישע גלייכשאַלטונג אויף דער יידישער שפּראַך.

און דאָס דאָזיקע געפאַר האָט געדראָט גראָד אין א מאָמענט, ווען יידן האָבן זיך געפילט פאַריתומט און איינזאַם. ווען דאָס נאָרוואָס אדורכגעלעבטע אומגליק האָט יידן איבערגעלאָזט ווי אן איינזאַם אינזל אין ים פון אן אימהדיקן חורבן. אין א מאָמענט, ווען מען האָט מער ווי פריער געוואָלט זיך אויסלעבן ווי יידן. מען איז עס שולדיק געווען די אומגעקומענע. מען איז עס אויך שולדיק געווען זיך אליין. דאָס אויסלעבן זיך ווי א ייד איז געוואָרן א פיזישע נויטווענדיקייט, ווי דער ווידערוווקס פון א וואַלד, וואָס איז אין זיין גרעסטן טייל פאַרניכטעט געוואָרן דורך א שטורעם.

אָבער אין סאָוויעטישן פוילן האָט געקאָנט בלויז געדייען איינס — א סוף צום יידישן נאַציאָנאַלן אויסלעבן זיך פון די איבערגעבליבענע יידישע רעשטלעך.

און דעריבער — ווען עס איז געקומען דער מאָמענט, ווען מען האָט זיך פלוצלונג אָפּגעגעבן א דין וחשבון, אז דאָס איצטיקע פוילן באַדייט בלויז אן אויסברייטונג פון די רוסיש־סאָוויעטישע גרעניצן — איז ביי יידן געבוירן געוואָרן ספּאָנטאַניש דער געדאַנק:

בריחה!...

אַנטלויפן פונדאַנען!

ראַטעווען זיך ערגיץ אויסער די גרעניצן פֿון דער נייער תּפֿיסה, וואָס פֿאַרקלאַפּט שוין אירע שווערע, אייזערנע טויערן צו דער אויסערלעכער וועלט.

אַנטלויפֿן וואָס ווייטער. און צום צווייטן מאָל אין פֿאַרלויף פֿון אַ פּאָר יאָר האָט זיך אָנגעהויבן אַ יידיש־מאַסן־אַנטלויפֿן פֿון די סאָוויעטישע באַפֿרייער.

די דאָזיקע בריחה־אַקציע איז געווען אַן אומלעגאַלע. מען האָט זיך ווענן דעם דערציילט בלויז אויפֿן אויער. מען האָט זיך ווענן דעם איבערגעגעבן מיט אַ ווונק פֿון אַן אויג. אָבער געוווּסט האָט וועגן דעם יעדער ייד. און יעדער ייד האָט שוין געהאַט אַ קאָנטאַקט מיט עמיצן, וועלכער האָט געוווּסט גענוי פֿון אַן אַנדערן, ווי אַזוי מען קאָן זיך שטעלן אין פֿאַרבינדונג מיט די, וואָס האָבן איינגעשטעלט די פֿרייהייט זייערע און דאָס לעבן און האָבן אַרויסגעפֿירט די יידן פֿון דער פּוילישע קאָמוניסטישע קנעכטשאַפֿט.

אומעטום, אין די פּריוואַטע שטובן און אויף די גאַסן, אין די קאָאָפּעראַטיוון און אין לאָקאַלן האָבן יידן גערעדט וועגן דעם זעלבן:

איר בלייבט?

ווען פֿאָרט איר?

איר האָט שוין אַ קאָנטאַקט?

איר פֿאָרט צוזאַמען מיט דער פֿאַמיליע?

עס איז געווען אַ נייע אויפֿלאַגע פֿון יציאת מצרים. אויך דאָס מאָל איז מען אַוועק פֿון אַ פּרעה, אָבער דער משה, וועלכער האָט דאָס מאָל אַרויסגעפֿירט פֿון מצרים איז געווען די „בריחה".

די דאָזיקע אַקציע פֿון צוהעלפֿן די יידן צו אַנטלויפֿן פֿון קאָמוניסטישן פּוילן איז געווען אַן אָרגאַניזירטע. די אַקציע איז געווען אַן אונטערערדישע, און ווי אַ גוטער אונטערערד האָט זי געהאַט איר צענטראַלע, איר רוקן-ביין, אירע אָפּצווייגן.

די צענטראַלע האָט זיך פֿון אָנהויב געפֿונען אין לאָדזש, שפּעטער האָט זי זיך איבערגעצויגן קיין וואַרשע. די אַקציע איז סובסידירט געוואָרן דורך דער יידישער אַגענץ און איז אָנגעפֿירט געוואָרן דורך אַ תּל־אָביבער ייד מיטן נאָמען אפֿרים.

די וואָס האָבן אים געקענט, וואָס זענען געשטאַנען מיט אים אין פאַרבינדונג, האָבן אין אים נישט געזען קיין שום אויסערגעוויינלעכעס. א ייד ווי אלע יידן. פאַרקערט גאָר, ער האָט גאָר געהאַט אַ מילדן אויסזען. א צעשוווּמען, גוטמוטיק געזיכט. א גוטמוטיקן שמייכל. אַ היבש באַלעבאַטיש בייכל. אָט א ייד פֿון אַ גאַנץ יאָר וואָס רופט נישט ארויס צו זיך קיין שום אינטערעס.

און דערין טאַקע איז ווייזט אויס געליגן זיין הויפּט־מעלה. אין דעם וואָס ער האָט נישט ארויסגערופן צו זיך קיין אינטערעס, וואָס ער האָט אויף זיך נישט געווענדעט קיין אויפמערקזאַמקייט. די דאָזיקע ארבעט האָט פארלאַנגט קאָנספּיראציע. פון אלע זייטן האָבן געלויערט שפּיזעדיקע אויגן, און איבערהויפּט האָט מען זיך אין דער דאָזיקער צייט געדאַרפט היטן פֿאַר די יידישע מוסרים, פֿאַר די יעווסעקעס. איז דעריבער גוט געווען וואָס דער, וואָס איז געשטאַנען אין דער שפּיץ פֿון אַזאַ ארבעט, איז טאַקע געווען א געוויינלעך ייד מיט אַ בייכל, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ קליינער סוחר אָדער ווי א געוויינלעכער בעל־מלאכה.

אָבער דאָס איז נישט געווען מער ווי זיין אויסערלעכער אויסזען. ווי די שאָל זיינע, אין וועלכער עס האָט זיך באַהאַלטן אינגאַנצן אַן אַנדערער קערן. און דער דאָזיקער קערן איז געווען דער פולשטענדיקער היפּוך פון דעם אויסזען. פאַר דעם דאָזיקן ייד האָט נישט עקזיסטירט דאָס וואָרט „נישט מעגליך". בכלל האָבן פארן דאָזיקן אפֿרים נישט עקזיסטירט א סך ווערטער, וואָס געפֿונען זיך אין א מענטשלעכן ווערטערבוך און וואָס באַדייטן: שרעק, וואקלען זיך, צווייפל, ספקות. פֿאַר אים האָט עקזיסטירט בלויז איין זאַך: בריחה. און בריחה האָט באַדייט: גיין אויף די גרעסטע סכנות, אָבער נישט גיין ווויליונגעריש, מיט אויפגעבלאָזענער כוואַטסטווע, נאָר גיין מיט לאָגיק, מיט אויסרעכנונג, מיט פארשטאַנד, אָבער גיין פאָראויס און אַדורכברעכן אַלע שוועריקייטן.

און דאָס איז טאַקע געווען זיין הויפּטשטריך. אדורכברעכן אַלע שוועריקייטן. נישט געווען ביי אים קיין גרעניץ, וועלכע ער זאָל נישט קענען אדורכגיין. נישט געווען קיין וואַנט, וועלכע ער זאָל

נישט קאָנען ארומגיין; נישט געווען קיין פּאָליציי, וועלכע ער זאָל נישט קענען אָפּנאַרן.

אָפּגענאַרן — נישט מיט שווינדל נאָר מיט מוט, מיט דרייסט־קייט, מיט אייזערנעם און אומבויגזאַמען ווילן.

דאָס איז געווען דער פירער פון דער בריחה, דער דאָזיקער תל־אביבער ייד, וואָס איז געווען באַקאַנט בלויז מיטן נאָמען זיינעם אפרים.

און דער מוט זיינער האָט זיך ווי אַ מאַגנעטישער שטראָם אויך אויסגעטיילט אויף אַלע, וואָס האָבן אים ארומגערינגלט. אַלע זע־נען באַהערשט געוואָרן מיט דער דרייסטקייט זיינער און מיט זיין אייזערנעם ווילן. אַלע האָבן געפילט, (און דאָס דאָזיקע געפיל האָבן זיי גענומען פון זיין ממש אוממענטשלעכן מסירת נפש) אַז די זאַך, פאַר וועלכער מען איז זיך מקריב איז אַ דערהויבענע, אַ הייליקע און אַזוי ווי אַמאָליקע גבורים האָבן זיך די אַלע בריחה־אָנפירער, די פאַרשידענע אַלעקסאַנדערס און גדעונס און טוביהס און ישראלס, אָנגענומען מיט אַ נישט־געוויינלעכן, מיט אַ לעגענ־דאַרן מוט.

דער וועג איז געגאַנגען דורך טשעכן. טשעכן איז נאָך דעמאָלט אין פאַרגלייך מיט פּוילן געווען כמעט אַ פרייַ לאַנד. דער קאָמוניס־טישער פּוטש איז ערשט געקומען שפּעטער. דעריבער האָט די בריחה געשטעלט זיך פאַר אַן אויפגאַבע קודם כל ארויסצופירן די יידן קיין טשעכן און פון דאָרט האָט מען זיי געפירט ווייטער — ארויס פון דעם פאַרקאָוועטן ראָד פון דער קאָמוניסטישער הערשאַפט.

אויף דער פּויליש־טשעכישער גרעניץ זענען איינגעשטעלט גע־וואָרן אַנטלויף־פּונקטן. אַזעלכע פּונקטן — אַזעלכע פּורטקעס צו דער פרייער וועלט — זענען איינגעשטעלט געוואָרן אין קודאָווע, אין פרידלאַנד, אין גרודעק און אויך אויף דער דייטשער גרעניץ אין שטעטשין.

די „אַרבעט" פון דער בריחה איז געווען אַ ריזיקאַלישע און פאַר־בינדן מיט בלערליי געפאַרן און דראַאונגען. קודם כל האָט מען געדאַרפט צופירן די יידן בשכנות פון די דאָזיקע אַנטלויף־פּונקטן.

און שפּעטער האָט מען געדאַרפט אַזוי קונציק מאַנעווּרירן, אַז אין אָן אויגנבליק, ווען די גרעניץ איז געווען ווייניקער באַוואַכט, האָט מען געדאַרפט אויף שנעל אַריבערפירן די מחנה.

ביידע זאַכן זענען געווען שווער. סיי דאָס צופירן צו דער גרעניץ און סיי דאָס אַריבערגיין אויף דער צווייטער זייט. אין סאַמע ערשטן פּעריאָד, ביים סאַמע אָנהויב פֿון דער בריחה-אַקציע, איז נאָך געווען צו דערליידן. מען האָט נאָך געקאָנט פאָרן אַפֿילו אין אַ גרופּע אין דער ריכטונג פון אַ גרעניץ און נישט אַרויסרופן דערמיט קיין חשד ביי דער מיליץ. און מען האָט נאָך געקאָנט אַריבערכאַפּן זיך אויף דער צווייטער זייט גרעניץ, וועלכע זענען נאָך נישט געווען אַזוי הערמעטיש פאַרמאַכט.

אָבער צוויי סיבות האָבן גורם געווען, אַז דער ענין האָט אָנגעהויבן צו ווערן וואָס אַמאָל שווערער. ערשטנס איז וואָס אַמאָל מער געוואַקסן דער קאָמוניסטישער טעראָר אין לאַנד. די רעגירונג האָט אָנגעהויבן וואָס אַ מאָל האַרטער אָוועקצולייגן איר האַנט אויפֿן האַלז פֿון יעדן בירגער באַזונדער און צוגלייך מיטן דאָזיקן פאַרשאַרפֿן זיך פון רעזשים האָט אָנגעהויבן שווערער צו זיין דאָס באַוועגן זיך פון איבערן לאַנד און עס האָבן אויך אָנגעהויב וואָס אַ מאָל ענגער באַשטעלט צו ווערן די גרעניצן (וואָס מער די דיקטאַטור שטיקט אירע אונטערטאַנען, אַלץ געדיכטער באַשטעלט זי אים מיט קראַטן, אַפּילו אין זיין כלומרשטער פֿרייהייט).

און צווייטנס האָט די מאַכט זיך שנעל אָריענטירט, וואָס עס גייט אָן. די בריחה איז גלייך פֿון אָנהויב געוואָרן אַן אמתדיקע מאַסן-באַוועגונג (אמת — אַן אונטערערדישע מאַסן-באַוועגונג), אָבער עס איז אוממעגלעך געווען צו באַהאַלטן פאַר די כסדר-אָנגעשטעקטע אויגן פון דער אורבע דעם פאַקט וואָס צענדליקער טויזנטער יידן האָבן פלוצלונג גענומען ליקווידירן זייערע וווינונגען און פאַרשווונדן ווערן פון לאַנד.

דער ענין בריחה האָט אָנגעהויבן צו ווערן שווערער. שווערער — אָבער נישט אוממעגליך. און דאָס איז געווען נישט בלויז אַ דאַנק דער העלדישקייט פֿון די בריחה-יינגלעך, וואָס האָבן מיט אַזאַ אי-

בערגענבנקייט און מיט אַזאַ גבורה אויסגעפּירט זייער מיסיע, נאָר אויך אַ דאַנק דעם, וואָס די קאָמוניסטישע מאַכט האָט טראָץ אַלעם צוגעמאַכט אַן אויג און האָט זייער ווייניק געשטערט ביים אָרגאַ־ניזירן דאָס מאַסן־אַנטלויפן פון פּוילן.

עס איז קלאָר, אַז ווען די קאָמוניסטישע רעגירונג וואָלט דער־מאָלט געוואָלט, וואָלט אפשר קיין איין ייד נישט געלונגען זיך אַרויסצוראַטעווען אויף דער אַנדערער זייט. די וואָס זענען געווען אין רוסלאַנד ווייסן זייער גוט, ווי אַזוי מען קאָן באַשטעלן אַ גרע-נעץ, אַז קיין לעבעדיק נפש זאָל איר נישט קענען אַריבערטרעטן. אָבער דאָ איז וואַרשיינליך געשען עפּעס אַנדערש. די פּוילישע רע־גירונג האָט פון איין זייט גערודפט און פאַרפאָלגט דעם גאַנצן ענין בריחה, ווייל דאָס לויפן איבער דער גרעניץ, דאָס אַנטלויפן פון פּוילן ווי פון אַ פּעסט, האָט נישט צוגעגעבן קיין כבוד דער נאָר־וואָס אויפגעשטאַנענער מלוכה. און אַ חוץ דעם איז עס דאָך טאַקע געווען אומלעגאַל. אָבער פון דער צווייטער זייט האָט די רעגירונג געהאַט סיבות צו זיין צופרידן דערפון. צו זיין צופרידן פון דעם פאַקט, וואָס פּוילן וועט אַזוי אַרום ווערן פולשטענדיק יידן־ריין.

ערשטנס איז דאָס נאָך־מלחמהדיקע פּוילן געבויט געוואָרן אויפן פּרינציפּ פון פּוילן־ריינקייט. די פריערדיקע געגנטן פון ווייסרוס־לאַנד און פון מערב־אוקראַינע זענען פאַרייניקט געוואָרן מיט סאָ־וויעט־רוסלאַנד, אַזוי אַז אינם נייעם פּוילן זענען שוין קיין ווייס-רוסישע און אוקראַינישע מינדערהייטן נישט געווען. דאָס ביסל ליט־ווינער, וואָס האָבן אַ מאָל געוווינט בשכנות פון דער ליטווישער גרעניץ, האָט איצט צוריקבאַקומען זייער „אייגן" ווילנע און פּוילן איז אַזוי אַרום געוואָרן אויסגערייניקט פון ליטווינער. די דייטשן, וואָס האָבן געוווינט אין מערב־פּוילן האָט מען אַרויסגעשיקט איבער דער גרעניץ. די איינציקע מינדערהייט, וואָס איז נאָך פאַרבליבן — איז געווען די יידישע. צו וואָסזשע דאַרף מען זיך איבערלאָזן דעם דאָזיקן קאָפּ־ווייטיק מיט די פּאָר צענדליק טויזנט „פרעמדע", וואָס זענען געווען דער אייביקער דאָרן אין אויג פון די פּאָלאַקן. זאָלן

זיי גיין — לעגאַל צו אומלעגאַל — און פּטור מיט דער כסדרדיקער יידן־פראַגע.

אַזוי האָבן אוודאי געטראַכט די „ערלעכערע" פּאָלאַקן אין דער רעגירונג. די אַנדערע (און דאָס איז אוודאי געווען די גרויסע מער־הייט) האָבן סתם זיך געפרייט, וואָס מען ווערט פּטור די „זשידעס". וואָס עס ווערט מקוים נישט בלויז דער חלום פון היטלערן, נאָר אויך פון זייערע אייגענע היטלערס, פון די נאָוואַטשינסקים, פון די קאָצ'ס, פון די בעקס און שמיגלים. און דערמיט קען מען דערקלערן, פאַר־וואָס די רעגירונג האָט פון אַנהויב געקוקט אויפן ענין בריחה דורך די פינגער. מען האָט אפילו געשמועסט, אַז ביי דער אור־בע איז פאַראַן אַ ספּעציעלער אַגענט מיטן נאָמען זיבערמאַן, וואָס פאַרנעמט זיך מיטן דאָזיקן ענין.

אָבער וואָס שטרענגער עס זענען געוואָרן די פּאָליציייאישע מיט־לען אויף אַלע אַנדערע געביטן פון לעבן, אַלץ שטרענגער האָבן זיי — פאַרשטייט זיך — אויך געמוזט ווערן אויפן געביט פון אומ־לעגאַלן אויסוואַנדערן. דעריבער האָבן זיך אָנגעהויבן צו מערן די פאַקטן פון אַרעסטן צווישן די „פּירערס" און די געפאַנגענע ביי דער גרעניץ און עס האָבן אָנגעהויבן שטרענגער צו ווערן די שטראָפן קעגן די געכאַפּטע.

אָבער טראָץ די וואַקסנדיקע סכנות איז די בריחה אָנגעגאַנגען ווייטער.

אויך איך מיט מיין פרוי און ברודער האָבן אָנגעהויבן צו זוכן אַ וועג, ווי אַזוי איבערצולאָזן די קאָמוניסטישע גליקן און אַוועק אויף דער צווייטער זייט גרעניץ. אין לאָדזש איז דאָס אָנקניפּן אַזאַ קאָנטאַקט נישט געווען קיין שווערע זאַך. עס איז גענוג געווען אריינ־צוגיין אין אַ יידישן רעסטאָראַן אָדער אפילו בשכנות פון קאָמיטעט־הויף און געפונען דעם וועג. דעם וועג — אָבער נישט שטענדיק איז דער דאָזיקער וועג געווען דער סאַמע ריכטיקסטער.

די בריחה איז אין פּרינציפּ געווען אַן אָרגאַניזירטע אונטער־נעמונג, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל בלויז איינס: ארויס־צוראַטעווען וואָס מער יידן פון סאָוויעטישן פוילן. דער מסירת נפש

פֿון די בריחה־מענטשן איז געווען אַ ריינער און אַן אידעאַליסטישער. מען האָט ביי די אריבערגעפּירטע יידן נישט גענומען קיין שום אָפּ־צאָל. העכסטנס האָט מען פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל באַצאָלן פֿאַר די לאַס־אויטאָס.

טייכמאַן האָט געטראָפֿן, אַז די גרעניץ איז געווען אַ „שווערע" און מען האָט געדאַרפט אַ מאָל איבערוואַרטן אין אַ דערבייאיק שטעטעלע אָדער אין אַ דאָרף עטלעכע נישט פֿאַראויסגעזעענע טעג, דעמאָלט זענען די יידן אין פֿיל פאַלן אויסגעהאַלטן געוואָרן דורך דער בריחה.

אַזוי איז עס געווען אין פּרינציפּ. אָבער אין דאָזיקן פּרינציפּ האָבן בקרוב זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן גאָר ערנסטע פֿלאַצן...

עס האָבן זיך גלייך אָפּגעפונען פֿאַרשידענע „מעקלערס" און „שפּעקולאַנטן", וואָס האָבן אָנגעהויבן צו ציען פּרנסה פון דער בריחה. געווען אויך אַנדערע, וואָס האָבן אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן זייערע אייגענע, פּריוואַטע „אַנטלויף"-געשעפֿטן. זיי האָבן דערביי אָנגעהויבן צו „שינדן די הויט".

אין דער צייט ווען די בריחה־יינגלייט, די אידעאַליסטישע בחורים און מיידלעך, האָבן שטענדיק אין קאָן זייער פֿרייהייט און זייער לעבן נישט בלויז אריבערגעפירט פּאַרטיעס מיט אַנטלויפֿנדיקע יידן, נאָר זיי האָבן ממש אויף די פּלייצעס אריבערגעטראָגן — איבער בערג און שטיין — אַלטע לייט, פרויען און קינדער — אין דער זעלבער צייט האָבן די דאָזיקע מעקלערס אָנגעהויבן צו רעכנען פאַנטאַסטישע סומעס פֿאַר בלויז איבערגעבן אין די הענט פון אַ פירער.

און וואָס גרעסער עס זענען געוואָרן די שוועריקייטן אין לאַנד, וואָס געפֿערלעכער עס איז געוואָרן דאָס גנבענען די גרעניץ אַלץ העכער זענען געוואקסן די דאָזיקע פּרייזן. אַזוי אַרום איז אין יענע צייטן געווען אַ פּאַראַלעלע בריחה — אַן אמתדיקע, אַן אידעאַל־באַהויכטע און דערהויבענע און אַ צווייטע — זייער אַ פּאַראַזיטישע און אַ מיאוס־סוחרישע.

און ווען נישט אומגעריכטע פּאָליטישע געשעענישן אין ביידע

פאָלקס־דעמאָקראַטיעס וואָלט די בריחה אָנגעגאַנגען פיל לענגער און זי וואָלט אַרויסגעראַטעוועט פון פוילן נישט בלויז כמעט אַלע אָן אונטערשיד יידן, נאָר אַפילו אַ סך פון די אַקטיווסטע יעווסעקעס, וועלכע האָבן אויכעט מיט איין אויג געדינט דעם מלכות און מיטן צווייטן האָבן זיי געוואָרפן פאַרזיכטיקע בליקן, צי מען קאָן נישט אליין מאַכן אַ ויברח.

דאָס אַנטלויפן פון געוועזענעם פוילישן פּרעמיער מיקאָלאַי־טשיק קיין אויסלאַנד האָט גורם געווען אַ פולשטענדיקע ענדערונג אין דער אינערלעכער פאָליטיק פון דער פוילישער רעגירונג. עס האָט זיך אָנגעהויבן אין גאַנצן לאַנד אַ ווילדע אַטאַקע אויף די צאָל־רייכע נאָכפאָלגער פונם פירער פון דער פויערים־פּאַרטיי און די דאָזיקע אַטאַקע האָט זיך שוין גענומען אויסשפּרייטן אויף דער גאַנצער אָפּאָזיציע.

ווייזט אויס, אַז מאָסקווע האָט עס פאַרלאַנגט צו פאַרשאַרפן דעם קאָמוניסטישן קורס און דאָס האָט זיך אויך גענומען אָפּשלאָגן אויף דער בריחה. די פוילישע אַר־בע האָט אויפגעהערט צו קוקן דורך די פינגער אויף די אַנטלויפנדיקע יידן. די קאָנטראָל איז געוואָרן אַ שאַרפערע, די שטראָפן זענען געוואָרן שווערער.

אָבער צוזאַמען מיטן פאַרשאַרפן די שטראָפן האָבן זיך אויך גענומען מערן די פאַלן פון יידישער העלדישקייט. די אָפּטערע פאַלן פון אַרעסטן האָבן נישט אָפּגעשראָקן די העלדישע יידישע יונגע־לייט. אין די בלעטער פון יידישער גבורה וועלן מיט ליכטיקע אותיות אַריין די נעמען פון די העלדישע יונגטלעכע: מאַרעק, זיג־מונט, איזשאַ, יוכבד, מנחם, רבקה, פאַלאַ און מרים.

דער עיקר האָט זיך מיט איר געוואַגטקייט אויסגעצייכנט די דאָזיקע מרים. יונג־סך הכל 17 יאָר איז זי דעמאָלט אַלט געווען — מיט אַ פּנים, וואָס איז געשלאָגן געוואָרן מיט סימנים פון פּאָקן, איז זי דעמאָלט שוין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לעגענדע: אַנגעטון אין אַ זעלנערישן מונדיר האָט זי אין די צענדליקער, אין די הונ־דערטער יידן אַריבערגעפירט איינע אַליין דורך משופּעדיקע בערג, דורך אָפּגרונטן, דורך טייכן און וועלדער. זי האָט נישט בלויז

געזאָרגט פאַרן לעבן און פאַרן געזונט פון די אַדורכגעפירטע יידן זי האָט אויך געזאָרגט פאַר זייערע פאַרמעגנס. אויף דער פוילישער זייט פלעגט מען איר אָפּגעבן דאָס געלט מיטן צירונג און נאָכן אַריבערגיין אויף דער צווייטער זייט, געפינענדיק זיך אין טשעכן, האָט יעדער צוריקבאַקומען אַלץ אין אַ נישט־אָנגערירטן צושטאַנד. אויף דער טשעכישער זייט זענען שוין געשטאַנען אַמעריקאַנער מאַשינען, וואָס האָבן די יידן געפירט ווייטער און מרים האָט זיך אומגעקערט צוריק קיין פוילן, כדי אויפסניי אַרויסצוראַטעווען יידישע נפשות.

די טשעכישע רעגירונג אונטער דער אָנפירונג פון מאַסאַריקן האָט זיך באַצויגן מיט סימפּאַטיע צו דער אַקציע פון דער בריחה. אָבער די דאָזיקע לאַגע האָט זיך פלוצלונג געענדערט, ווען די קאָמוניסטן האָבן אַדורכגעפירט זייער „פּוטש" און מאַסאַריק איז „באַגאַנגען זעלבסטמאָרד". דעמאָלט האָט די טשעכישע פּאָליציי אַ לייג געטון איר האַנט אויף דעם שטראָם יידישע פּליטים און — האָבנדיק קעגן זיך די פאַרשאַרפטע לאַגע אין פוילן און די פּלוצלונגדיקע שוועריקייטן אין טשעכן האָט די בריחה זיך גענומען אויסלעשן.

אַ געוויסן טאָג האָט די פּוילישע גרעניץ־וואַך אַרעסטירט עטלעכע און פופציק יידן און האָט זיי גלייך געגעבן שווערע תפיסה־שטראָפן. דערביי זענען זיי ביים פאַרהער מוראדיק געפייניקט געוואָרן.

דאָס קאַפּיטל בריחה האָט זיך אָפּגעשטעלט.

איך האָב שוין דערמאָנט פריער, אַז אויך מיין קליינע פאַמיליע האָט באַשלאָסן אַריבערצוגיין איבער דער „גרינער" גרעניץ, אָבער דאָס איז אונז דעמאָלט נישט באַשערט געווען.

איך האָב שוין — אַזוי ווי יעדער דעמאָלט — געהאַט קאָנטאַקטן, אַרומגעטראָגן זיך מיט אַ פולן קאָפּ נעמען און אָנווייזונגען און איך האָב מיך שוין כמעט פון אויסנווייניק אָריענטירט אין די פאַרשידענע „פונקטן", דורך וועלכע מען האָט געקאָנט אַריבער די גרעניץ.

מיר האָבן זיך אויך במשך פון דער דאָזיקער צייט אָנגעשטויסן

אויף דער בריחה־מעקלערס, וואָס האָבן די הייליקע מיסיע פאַר־וואַנדלט אין א קוואַל פון פּערזענלעכע הכנסות, פון ריווחים און ספּעקולאַציעס.

אָבער ליידער איז פון דעם אַלעם גאָרנישט געוואָרן. אונזער קינד איז נאָך געווען גאָר יינג און מיין פרוי איז ווידעראַמאָל געווען אין אַנדערע אומשטענדן.

די דאָזיקע לאַנגע האָט אוממעגלעך געמאַכט, אז מיר זאָלן נעמען דעם רוקזאַק אויף די פּלייצעס און אונטערנעמען די רייזע, וואָס איז געווען פאַרבונדן נישט בלויז מיט געפאַרן, נאָר אויך מיט פּי־זישע שוועריקייטן. עס איז אוממעגליך געווען אין דער דאָזיקער לאַגע זיך צו לאָזן אין א וועג, וואָס האָט געפירט דורך הויכע, שמאָ־לע בערג־סטעזשקעס, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט לאַנגע מאַרשן און מיט פאָרן אין טרייסלנדיקע לאַסט־אויטאָס.

פאַר אונז איז אַלזאָ געבליבן דער אַנדערער וועג: דער אָפיציע־לער.

מיר האָבן צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע טויזנטער יידן אָפּגעגעבן א ביטע אין אויסערן־מיניסטעריום וועגן אַן ארויספאָר־וויזע. די דאָזיקע פּראָצעדור איז אין דעמאָלטיקן פּעריאָד נישט געווען פאַר־בונדן מיט סכנות נפשת. א סך פון די דאָזיקע ביטעס זענען דאָרטן געבליבן ליגן אין די שופלעדער פון מיניסטעריום אָדער האָבן אפשר אוועקגעוואַנדערט אין דער „אור־בע". אָבער אין פיל פאַלן זענען די דאָזיקע וויזעס יאָ ארויסגעגעבן געוואָרן און יידן האָבן זיך טאַקע אינגאַנצן לעגאַלערהייט אריינגעזעצט אין די באַנען און זענען אוועקגעפאָרן.

און אזא טאָג איז אויך געקומען פאַר אונז.

קיין סך פּאַקונגען צו מאַכן האָבן מיר נישט געהאַט. און לאַנג וואַרטן מיטן ארויספאָר האָבן מיר זיך נישט געטרויט. די ארויס-פאָר־וויזע איז טאַקע געווען אן אמתדיקע וויזע מיט אַלע נויטיקע און כשרע שטעמפּלען, אָבער מיר האָבן שוין געוווּסט — פון דער רוסישער דערפאַרונג — ווי אזוי אויך א כשרער און לעגאַלער שטעמפּל קאָן אויפן סמך פון א נייעם „אוקאַז" פאַרלירן זיין ווערט.

מיר האָבן דעריבער לאַנג נישט געוואַרט, נאָר האָבן געקויפט די רייזע־בילעטן און זענען אַ געוויסן נאָכמיטאָג אַוועק צום וואָקזאַל און איינגעשטיגן אין צוג.

ווען דער צוג האָט געריררט האָב איך נישט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער.

פון ביידע זייטן האָט זיך געצויגן אַן ערד, וואָס האָט איינגעזאַפּט טייכן פון יידישן בלוט און אויף וועלכער עס הערשט איצט אַן אומפאַרשעמטע רשעות...

פון זעלבן מחבר:

## מיינע פיר יאָר אין סאָוויעט־רוסלאַנד

פּאַריז 1953